בעזהשי"ת

ספר

# דער שבת

## חלקים א - ד

## חודש זשורנאל

### בלשון הקודש ואידיש ואנגלית

❖

יוצא לאור על ידי

ברוקלין יצ"ו - שנת תשמ"א

**DER SABOS.** | Cena 20 santim.

# דער שבת

## חדש זשורנאל

אדרעס פון דער רעדאקציע
ריגע מערקל גאַס 9 ח. 4
אָרגאניזאציע „שומרי שבת" ריגע.

פרייז פון איינצל־עקזעמפּלאר 20 סאנט.
פרייז פאר אבאנאמ. 2 ל. 50 ס. א יאר
פרייז פאר אַנאנסן: 32 ס. א שורה פּעט.

Redakcija: Riga. Merkela iela 9 dz. 4. Talr. 20624 P. K. 568.

ערשטער יאָרגאַנג. | Riga, aprils 1929. כ״ה ריגע ניסן. תרפט | № 1.

## № 1

### אינהאלט:

1) אונזער ציל און אַרבעט.
2) שבת ד״ר נתן בירנבוים.
3) רו און ארבעט הרב ד״ר אבא גאמער, בערלין
4) דער אידישער שבת. הרייהג ר׳ שמשון רפאל הירש
5) וואו איז די יוגנט
6) Vom Weltverband der Schomre-Schabbos Rechtsanwalt Dr. P. Sulzberger. Berlin.
7) וואָס ווילן מיר?
8) שבת פון תלמודישן אוצר. א. גפן
9) דער שבת און די פרוי. שרה שענירער
01) דער ערשטער שריט
11) ידיעות און אינפאָרמאַציעס
21) וואָס וויל „שומרי שבת."

אנגרא | אנגרא

פאפּיר נידערלאגע

ו. פיטעל זינדער גאַס 26 טעלעפאָן 29689.

פאפּיר און שרייב־וואַרן. — קאָנווערטן־פאַבריק.

**די ארגאניזאציע „שומרי שבת" מעלדעט אירע אלע מיט גלידער אז זונטיק דעם צווייטן טאג חול המועד פסח אום 5 אור וועט איז גרויסן זאל פון פאלקסקיר מארשטאלג. 18 פארקומען אן אלגעמיינע פארזאמלונג** אפן סדר־היום וויכטיקע פראגן.

---


# כשר לפסח

## בהכשר הרבנים דפה.

איך לייג פאר אף פסח דעם געערטן פובליקום

| | |
|---|---|
| ביסקוויט | טארט |
| טייגלער | טיי־געבעק |
| איינגעמאכץ | אינגבערלער |

## אייער מצה

אלעס פון בעסטן קוואליטעט.

# טובי' בארא.

מאריען ג. 21a
שארן ג. 20
פרייהייטס ג. 10


# אן ארבעטס־ביורא
# בא „שומרי שבת".

כדי צו פארשאפן ארבעט פאר די וועלכע היטן שבת האט די ארג. „שומרי שבת" געגרינדעט אן ארבעטס־ביורא.

עס איז די פליכט פון יעדער אידישער אונטערנעמונג וועלכע איז געשלאסן אום שבת, צו האלטן אין זייערע אונטער־נעמונגען שומרי־שבת, און אין פאל ווען זיי האבן א וואקאנטע שטעלע, ווענדן זיך וועגן דעם אין ארבעטס־ביורא פון „שומרי שבת", מערקל גאס 9, דירה 4. טעל. 20624.

---

שקיעת החמה: פ' מצורע שבת הגדול 36 מינ. אף 8.
ערב פסח 46 מינ. אף 8. אסרו חג 6 מינ. אף 9.

---


וואורשט און פלייש־האנדלונג

# ח. מ. ראזין

גר. שמידן גאס 63.

לייגט פאר טעגלעך פרישע פלייש און וואורשט.



ספעציעלע פעטראליום נידערלאגע

# א. מייראוויץ

מאריען גאס 79.

DER SABOS. Cena 20 santim.

# דער שבת

## חדש זשורנאל

אדרעס פון דער רעדאקציע
ריגע מע־קל גאַס 9 ח. 4
אָרגאניזאציע „שׁוֹמְרֵי שַׁבָּת“ ריגע.

פרייז פון איינצל־פארקויף 20 סאנט.
פרייז פאר אבאנאמ. 2 ל. 50 ס. א יאר
פרייז פאר אנאנסן: 32 ס. א שורה פעט.

Redakcija: Riga. Merkela iela 9 dz. 4. Talr. 20624 P. K. 568.

| ערשטע יאָרגאנג. | ב״ה. ריגע ניסן. תרפט Riga, aprils 1929. | № 1. |
|---|---|---|

# אונזער ציל און ארבעט.

וואָס איז דער ציל פון דאָזיקן זשורנאַל און וואָס פאַר א מטרה באַשטרעבן מיר מיט אָט דעם געדרוקטן וואָרט?

אַלע ווייסן דאָך, ווען דער לעזער זיך פרעגן, וואָס דער שבת באַדייט פאַר אונז און בּאַ אַלעמען איז דאָך קלאָר, אַז דער שבת איז די פעסטונג פון אידישן פאָלק ארום וועלכן עס קאָנ־צענטרירן זיך אונזערע אַלע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע הייליקייטן און וואָס איז נאָך דאָ פאראן מוסיף צו זיין? און דאָ קומען מיר פארן עולם און דערקלערן, אַז מיר נויטיקן זיך אין אַן ארגאַניזאציע, וואָס זאָל צונויפבינדן אַלע שומרי שבת און אין אַ געדרוקט וואָרט אין וועלכן עס זאָל קומען צום אויסדרוק דער שבת געדאַנק און אַלץ וואָס איז מיט אים פאַרבונדן,

אין אַ צייט פון אַ גייסטיקער ירידה, ווען אונזערע גייסטיקע אוצרות ווערן אַזוי וואַבעדיק, ווען די קרוין פון דער שבת מלכתא איז פון איר אראפּגענומען געוואָרן און די שבת קעניגין איז פארשטויסן געוואָרן אין א קרן זוית, אין א צייט ווען עס איז גרויס דער נסיון צו היטן שבת און שווער זיינען די באַדינגונגען פון אַן אַבסאָליוטער שבת רוה, אין דער צייט פון אַ מאַטעריעלן הוהא ווען אַלץ ווערט מיטגעריסן אין דעם רוישיק ברויזנדן לעבנס ים איז אויך מיט די שטאַרקע כוואַליעס מיטגעשלעפּט געוואָרן דער פעלזן שטיין, דער רו פונקט, דער פונקט פון דער ברכה — דער שבת. און אָט אין דער צייט פון „רענעסאַנס“ און „פּראָגרעס“ ווען די קדושה פון שבת ווערט פאַרשוועכט האָט דורך דער פאַרוואַלקנקייט און פינסטערקייט פון אונזער מאַטעריאַליסטיש חומריותדיקן לעבן זיך דורכגע־שפּאַלטן אַ שיין פון ליכט אָפּ צו באַשטראַלן דעם איצט אַזוי פאַרנעפּלטן שבת. אַן אָרגאַניזאַציע — „שׁוֹמְרֵי שַׁבָּת“ איז געשאַפן געוואָרן — און איר ציל איז „להחזיר העטרה ליושנה“ — ווידער באַנייען די קרוין פון דער שבת המלכה.

וואָס האָט אונז באַוואוויגן צו גרינדן אַזאַ אָרגאַניזאַציע און וואָס זיינען די צילן צו וועלכע מיר שטרעבן?

זכור ושמור: דער שבת ווערט אוועקגעריסן מיטן שטראָם און האַלט חס ושלום אינגאַנצן באַם פאַרגעסן ווערן, דער שבת בעט זיך מען זאָל אים ארויסראַטעווען פון די ברויזנדע כוואַליעס און אידן סוחרים וואָס האַלטן זיך פעסט אין דעם שבת, אידן וואָס ווערן ניט מיטגעריסן מיטן שטראָם און היטן אָפּ דעם שבת. אידן געשעפטס אינהאַבער וואָס זיינען צושפּרייט זעיר שם, זעיר שם אָן אַ צונויפבונד און צונויפקניפּונג האָבן געפאָדערט „הכניסונו תחת כנפי השבת“, בינדט אונז צונויף און פאַראייניקט אונז. אָט דער דאָזיקער ווי געשריי פון שבת און די שטימען פון די אידן, וואָס זיינען פון שבת אומטיילבאַר און ווילן דעם שבת צוריקקערן זיין אמתן מהות, זיין ריכטיקע צורה, פאָרם און פאַסונג, דאָס אַלץ פון איין זייט און דער טיפער און שטאַרקער וויטיק פון אונזער גייסטיקער צובראָכנקייט פון דער אנדער זייט האָבן אונז געטריבן און געשטויסן צו שאַפן אַ פאַראייניקונג אָן אונטערשייד פון קלאַס, פאַרטיי און ריכטונג — אַ פאַראייניקונג פון

שעפפערישע כחות, א מרכז מיט סניפים וואס האט דעם ציל צו דערהויבן דעם שבת, פארענטפערן די מיטן שבת פארבונדענע אנגעווייטיקטע פראגן און טיילוויים אדער אינגאנצן לייזן די שבת פראגע.

און צופרידן זיינען מיר וואס אזא ארגאניזאציע איז אין א צייט ווען עס איז שווער זיך קעגנשטעלן קעגן שטראם און די שטורם ווינטן וואס בלאזן אין אונזער לעבן, געשאפן געווארן. מיר זיינען צופרידן מיט אט דער יצירה וואס וועט קענען דורך פארשידענע מיטלען ברייננען צו א גאנצקייט די צובראכענע פארמען פון אונזער גייסטיקן לעבן. און איצט נאכדעם ווי דער צונויפבונד פון די כחות איז געמאכט געווארן, איצט נאכדעם ווי די ארגאניזאציע „שומרי שבת" וואס טראגט אף איר פאן די אידיי צו פארווירקלעכן דעם הויכן אידעאל איז געשאפן געווארן, טרעטן מיר צו, צו א רייז ארבעטן וואס זאלן אונז פירן צו דעם ציל וועלכן מיר האבן זיך געשטעלט.

מיר ווייסן די גרויסע שוועריקייטן און מניעות וואס זיינען צושפרייט אפן וועג פון אונזער אינערלעכער און אויסערלעכער ארבעט. מיר ווייסן, אז פול מיט דערנער און שטיינער איז דער וועג וועלכן מיר וועלן טרעטן. דאך גלויבן מיר אבער, אז ווען עס וועט נאר זיין דער שטארקער רצון, די פלאמענדיקע התלהבות וועלן מיר זיך דורכברעכן א וועג, געפינען אן אויסוועג און אונזער שטרעבונג דערגרייכן. זאל נאר זיין דער שטארטער ווילן, זאל נאר די אייזן-פעסטע מוט זיין און מיר וועלן די מניעות און הינדערניסן פון וועג אראפראמען און צום ציל גרייכן.

וואס ווילן מיר דורכפירן און וואס איז די עיקר דערגרייכונג, אז דורך דעם זאלן מיר דעם שבת געווינען און די שבת-רו זיכערן?

מיר וועלן זעלבסטפארשטענדלעך שטרעבן, אז די געזעצגעבערישע אינסטאנצן זאלן דעם געזעץ וועגן אבליגאטארישער זונטיק-רו מבטל מאכן, און שטארק איז בא אונז די האפענונג, אז קומען וועט א צייט, אז דאס וועט זיין ניט קיין חלום, נאר א רעאלע ווירקלעכקייט, און אויך ריגע וועט מיט א צויבער-שיין פון ליכטיקן שבת באשטראלט ווערן. דער עיקר אבער צו דערגרייכן צו דעם הויכן ציל, וועלכן מיר האבן זיך געשטעלט איז די ארגאניזירונג. און ווילן מיר דורכפירן אונזערע אויפגאבן מוזן מיר פירן א אנגעשטרענגטע, איבערגעבענע און טרייע ארבעט, וואס דריקט זיך אוים אין ערווערבן וואס מער מיטגלידער, גרינדן אפטיילונגען אין די פראווינץ-שטעט און אזוי ארום פארגרעסערן די צאל מיטגלידער דורך וואס די ארגאניזאציע ווערט געשטארקט. די שבת-פראגע איז ניט נאר אן ענין פון יעדן יחיד—דאס איז אן ענין פון כלל, פון דעם גאנצן אידישן פאלק, דען דער שבת געהערט אונז אלעמען.

אף וואס קאנצענטרירט זיך איצט די ארבעט פון אונזער ארגאניזאציע?

צווישן די מערערע ארבעטן וואס „שומרי-שבת" איז צוגעטראטן דורכצופירן, איז די שאפונג פון א באנק איינע פון די וויכטיקסטע. צוזעענדיק דעם היינטיקן קריזיס און די שווערע עקאנאמישע לאגע אין וועלכער עס געפינען זיך מערערע סוחרים און האנטווערקער, וואס ליידן מאטעריעל צוליב דעם שמירת שבת, כדי צו פארלייכטערן דעם מצב פון די אנגעשטעלטע, וואס נויטיקן זיך אין הלוואות און נעמענדיק אין אכט די שוועריקייטן פון הלוואות אין פארשידענע באנק און וועקסל-צאלונגען וואס זייער טערמין פאלט אוים שבת—דאס אלץ האט אונז געצוואונגען צוטרעטן צו דער גרינדונג פון א באנק פאר אונזערע מיטגלידער. חוץ דעם ווילן מיר אף פארשידענע אופנים שטיצן די שומרי שבת און זיכערן זייער עקסיסטענץ דורך שאפן פאר זיי ארבעט, זארגן דורכן ארבעטס-ביורא וואס געפינט זיך בא דער ארגאניזאציע, אז זיי זאלן באקומען באשעפטיקונג און ניט ליידן דורך דעם, וואס זיי ארבעטן ניט שבת, העלפן זיי די צייט, וואס זיי געפינען זיך אן ארבעט און שאפן אזעלכע פארזיכערונגס-קאסן וואו זיי זאלן קריגן אויסגעצאלט אלס ארבעטס-לאזע פאר דער גאנצער צייט ביז זיי באקומען ארבעט בא אידן שומרי שבת און בכלל דורך פארשידענע מיטלען ערמעגלעכן זיי צו היטן שבת ניט ליידנדיק דורכדעם מאטעריעל.

כדי צו זיכערן דעם שבת-רו צווישן דער האנטווערקערשאפט האט זיך די „שומרי-שבת" געשטעלט דעם ציל דורכצופירן א פינף טאגיקע ארבעטס-וואך, ווי עס איז שוין טיילוויים דורכגעפירט אין אמעריקע א. א. לענדער. מיר ווילן אז צוגלייך מיטן זונטיקדיקן טאג אין וועלכן עס ווערט ניט געארבעט זאל אלס צווייטער רו טאג באשטימט ווערן שבת און דערפאר זאלן די ארבעטער אין יעדן וואכן-טאג ארבעטן מיט א שעה שפעטער. דורכדעם וועלן מיר זיכערן דעם שבת-רו פון דער ארבעטערשאפט און לייזן דערמיט די שבת-רו פראגע בא ארבעטער וואס זיינען באשעפטיקט אין פאבריקן האנטווערקרייען א. א. וו. און מיר האבן שוין אנצוואווייזן בא אונז אין ריגע אף פאלן וואו עס איז דורכגעפירט געווארן א פינף-טאגיקע ארבעטס-וואך.

פילזייטיק זיינען אונזערע אויפגאבן, פילצווייגיק איז אונזער ארבעט און פארשידן זיינען די וועגן וואס פירן צו אונזער ציל.

און אט אין דעם שווערן און טרויעריקן מאמענט פון אונזער לעבנסלויף הויבן מיר אן ארויסצוגעבן אונזער מאנאטשריפט. אין א צייט ווען א טיפער תהום ליגט נאך צווישן אונז און דער מאסע, וועלכע האט זיך דערווייטערט פון דעם אמתן אידעאל, זיך אפגעפרעמדעט פון דער אידישער פאלקס-נשמה, פון דעם שבת קוואל וואס גיט דעם חיות אף דער גאנצער וואך — אין אזא צייט קומען מיר אריינבלאזן א רוח חיים אין דעם פארהארעוועטן און פארזארגטן אידן, אריינברייננגען א פרישע לופט אין זיין הויז, די אידישע טראדיציע, די אמתע פאעזיע פון לעבן — דעם שבת. מיר ווילן אויפמונטערן, געבן מוט און פעסטקייט, א גייסטיקע און מאטעריעלע שטיצע די אלע וואס אומאפהייניגיק פון די עקסיסטירנדע פארהעלטניסן שטעלן זיי זיך קעגן שטראם און בויען פאר זיך א געזונטע אידישע הויז — א הויז דורכגעדרונגען מיט גייסטרייכקייט, אידישע טראדיציע און שבת שיינקייט.

מיר ווילן איצט צוריק צונויפשמידן דאס געפאלענע און צובראכענע און דורך ווארט און מעשים וועקן דאס איינגעשלאפענע און פארגעסענע.

דאס אלץ האט אונז געצוואונגען ארויסצוגעבן דעם ארגאן, כדי דורך א געדרוקטן ווארט זיך פארבינדן מיטן לעזער, מיט אונזערע חברים לדעת.

א געמיינזאמע שפראך — דאס איז דער מיטל אז דער רעיון זאל מצליח זיין און די מטרה זאל בריינגען פירות אפן דאזיקן געביט.

אט אזעלכע געדאנקען, אינפארמאציעס פון אונזער באוועגונג און אלץ וואס האט א שייכות מיטן שבת, וועט דער לעזער געפינען פון צייט צו צייט אף די שפאלטן פון אונזער זשורנאל. א התחלה איז שוין פאראן—און דאס ווייטערע וועט קומען אי"ה.

דר. נתן בירנבוים.

# שבתי

ויאמר אלקים און גאט האט געגעבן א זאָג, האָט זיך געפאָרמט די וועלט און דאָס אייביקייט איז אַראָפּגערונען פון איר אינם געשטאלט פון צייט. ויהי ערב ויהי בקר יום אחד און עס איז געוואָרן אָוונט און עס איז געוואָרן מאָרגן: איין טאָג, און ווידער איז געווארן אוונט און ווידער איז געווארן מאָרגן: א צווייטער טאָג און א דריטער, א פערטער, א פינפטער און א זעקסטער, און אין זעקסטן טאג האָט גאָט באשאפן דעם מענטש פון שטויב פון דער ערד און פון זיין סאַמע איננסטן אייביקייט האָט ער גענומען א נשמה פאר איר און אים אַריינגעשטעלט אין דער וועלט און אין דער צייט אריין. וכדי דער מענטש זאָל אין אָט דער וועלט און אין אָט דער צייט ניט פאַרגעסן אין זיין אייביקער נשמה און אין איר געטלעכן מקור און טאקע אויך ניט אין דעם אייביקן בורא עולמים, האָט גאָט אים מיטגעגעבן א מתנה אפן וועג, א שטיק צייט פאר א משל פון דעם אייביקייט, האָט ער געבענטשט און געהייליקט דעם זיבעטן טאָג, אין וועלכן ער אליין האָט געהאַט שבת געמאכט נאָך זיין וועלט אַרבעט.

נאָר ווי די באשאפענע וועלט האָט געוואָרט אַף דעם מענטש, ער זאָל זיך באקרוינען און ווי די ערשטע וועלט וואָך האָט געוואָרט אפן שבת, ער זאָל איר פאַרענדיקן, פונקט אזוי האָט דער שבת געוואָרט אַף אירן, זיי זאָלן אים אָפּהיטן און זיין אַן עדות אַף אים פאר די אומות העולם. און ווי באלד עס איז געקומען די צייט און ישראל איז געוואָרן אַן אויסגעקליבן פאָלק, ארויסגעגאַנגען פון מצרים אנטקעגן זיין גורל, דעם הר סיני — האָט גאט אים געגעבן דעם שבת, געגעבן אים, דעם שטרייטער פאר זייער נשמהדיקייט, פאר דעם צלם אלקימדיקייט פונם מענטש מיטן אין דער וועלט און אין דער צייט געגעבן אים פאר א דערמאָנונג אין יציאת מצרים.

און צייט דאמאָלסט האָט ישראל ליב דעם שבת, גייט אים אנטקעגן מיט גרויס שמחה ווי א חתן גייט אנטקעגן זיין כלה, האָט אים ליב מיט אַן אייביקן אייביק יונגן ליבשאפט, מיט א בענקשאפט, וואָס האלט אין איין באנייען זיך, מיט א בענקשאפט נאך דעם גרויסן גליק, מיט וועלכן ער איז מזכה דעם מענטש.

דאָס גליק פון שבת! ווער עס וויל עס פארשטיין לויט זיין אמתן מהות, טאר זיך ניט אָפּשטעלן אפן האַלבן וועג. אודאי קען ניט זיין קיין שום ספק דעריבער, וואָס עס מיינען די ווערטער בכדי „עס זאָל רוען דיין קנעכט און דיין דינסט אזוי ווי דו. און דו זאָלסט געדיינקען, אז א קנעכט ביסטו געווען אין לאנד מצרים און אז השם דיין גאָט האָט דיר ארויסגעפירט פון דאָרטן מיט א שטארקער האנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם". עס קען ניט זיין קיין שום ספק, אז דא זאָגט זיך ארוים א סאָציאַלע עיקר־תביעה און אז דאָס קנעכטשאפט אין מצרים ווערט דאָ דערמאָנט, כדי צו שטיצן די דאָזיקע תביעה; אז די דאָזיקע ווערטער פונם הר סיני ברייננגען א בשורה די מענטשן: דריקט ניט איינעם דעם אנדערן! אָבער דאָס איז דאָן נאָר א קאָנסעקווענץ פון דער הויך־אידייע פון שבת, א פשוטער קל וחומר א דרינגונג פונם לעבן, פון די נשמות אפן לעבן פון די גופות. דער הויך־מהות פון שבת איז מנוחה, מנוחה פאר יעדן, אי פאר דעם האר, אי פאר דעם קנעכט („אזוי ווי דו"), די מנוחה פון דעם געבענטשטן און געהייליקטן טאג, מנוחה, ד. ה. אן אויפשיינען פונם צלם אלקים, א יום־טוב פון דער נשמה, פון דער אויסגעשפרייטער נשמה, פון דער נשמה יתרה, וועלכע קומט מבלומרשט צו א פרישע א גרייטע צו דער ערשטער נשמה, דער אויסגעמאטערטער פון דער וואָך.

דער שבת נעמט אראָפּ דעם עול פון גאָלד און זילבער פון די פלייצעס פונם עושר און די משא פון צרות, וועלכע דריקט צו דאָס הארץ פון דעם אָרעמאַן. ער שטילט איין דעם פרומענם דורשט נאָך גאָט און דעם זינדיקערס ווייטאַק. ער לאָזט דערגיין צו דעם חכם צו דעם תם צו דער טיפסטער חכמה. יערן אַף זיין שטייגער.

יאָ, גרויס און וואונדערלעך איז דאָס גליק פון שבת. אָבער נאָר פונם אמתן און לעבעדיקן שבת. דאָרטן, וואו מען מאַכט פונם שבת אַ פּריוואַטן ענין; וואו יחידים מיינען, אַז זיי מעגן אַליין זיך אוועקשטעלן די גרעניצן פון זייער אפרוה — ווערן מנוחה איז דאָך כמעט נישט וואָס צו ריידן; — וואו דער ווילן צום גייסט איז אַ שוואַכער און ווערט צובראָכן און מוז צובראָכן ווערן, ווען ער שטעלט זיך אַנטקעגן דער שטאַרקער וועלט; וואו עס איז נישטאָ קיין לופט, אין וועלכער עס זאָל זיך ניט געפינען קיין לופט, אין וועלכער עס זאָל זיך ניט געפינען קיין וואָכנדיקער שטויב — דאָרטן איז דאָס גליק פון שבת נישט בנמצא. נאָר דאָרטן וואו דער שבת איז אַן ענין פונם כלל, פונם פאָלק, פון גאַנץ פאלק; וואו ער איז נישט בלויז אַ וואָרט, וואָס ווערט פאַרלאָשן אין דער וועלט־מדבר. נאָר אַ באַשעפערישער אופטו; וואו די עשה'ס פון שבת מאַכן פון דער מדבר א גרויסן, אָנגעסודות'טן וואַלד, אַן אנגעפולטן מיט אַ זיסן הייליקן שטילקייט און מיט א ריינעם ריח און וואו די לאוים פון שבת באשיצן דעם דאזיקן וואלד און זיינע פרומע דורכגייער אנטקעגן די העזות פון דער וועלט. — נאר דארטן, געפינט זיך דאס גליק פון שבת.

נאר, דארטן, וואו מען איז מקבל דעם שבת מיט א פאַר־חלומטן ליכטבענטשן און מיט א קול שמחה, וואו עס קלינגען דעם קדושס הייליקע, ווארימע טענער; וואו עס רירט זיך נישט קיין האנט אף אנצורירן אין די זאכן, מכל שכן צו באנוצן זיך מיט זיי; וואו מען טראגט קיין זאך נישט — לויטן וואכנדיקן שטייגער — פון דעם שלומדיקן רשות היחיד אינם רשות הרבים; וואו דאס פאלק פון שבת היט אפ דעם שבת פון נאכט ביז נאכט און עפנט זיך אליין די אוצרות פון שבת — נאר דארטן איז דער מענטש נהנה פון גאטס אייביקייט מיטן אין דער צייט, נאר דארטן דערלעבט ער זיך א תקון, א גליק, וואס האט נישט זיינסגלייכן, נאר דארטן איז שבת.

און דאס איז דער שבת, וואס דאָס פאָלק ישראל האָט אים ליב, זינט ער האָט אים באקומען און וואס עס וועט אים תמיד ליב האָבן מיט א טיפן, פארבענקטן, אייביקן ליבשאפט. ווארים וויפיל נסיונות און חטאים עס זאלן ניט אויסוואקסן אפן אויבנאויף פון זיין לעבן, צו דעם שורש פון זיין לעבן קומען זיי קיינמאָל ניט צו. ניט קיין איינע פון די כחות אָן כח און פון די וואָלוועלע חכמות פון דער וועלט קען ארויסרייסן דאָס דאָזיקע ליבשאפט פון זיין הארצן, אַלץ אַף ניי וועט עס מיט שמחה און מיט געטריישאַפט זיך אומקערן צו דער כלה, וואָס גאָט אַליין האָט זי אים צוגעפירט. אַלץ פונדאָסניי וועט עס זיך פארבענקען צו דערלעבן אייביקייט אין דעם גרויסן משל פון אייביקייט, אַלץ פונדאָסניי וועט עס דורכקוקנדיק דורך דער וועלט, וועלכע דער שבת האט געמאכט דורכזיכטיק, זיך רייסן צו באַפן א שיין פון דער שכינה. ניטאָ קיין שבת אָן דעם פאָלק ישראל און ניטאָ קיין פאָלק ישראל אָן דעם שבת!

הרב ד״ר אבא גאמער (בערלין)

# ארבעט און רו.

עס זיינען פאראן חלוקי דעות צווישן די געלערנטע פון די אומות העולם — עס זיינען פאראן קעגנגעזעצטע מיינונגען אויב די רוה איז א גליק פארן מענטשן אדער די ארבעט איז דעם מענטשנס גליק. זאגן אנדערע אז אויב די מענטשהייט וואלט זיך ארומגעזען און איבערלייגן וואלט זי אפשר איינגעפונען אז ס׳איז איבערהויפט ניט ריכטיק ווי עס ווערט יעצט געארבעט. דען די גרויסע ארבעטסמענטשן פון דער וועלט זיינען אויך גע־ווען די גרויסע וועלט רשעים, זיי האבן געארבעט אנע אופהער און קיין רוה אין זייער ארבעט ניט געפונען. אנדערע אבער זאגן אז דער אומגליק פון דער איצטיקער מענטשהייט איז אין דעם וואס מען מיינט אז גליק איז ווען מען באפרייט זיך פון ארבעט, ווען מען רוהט. ווען מען ארבעט נישט; צום ריכטיקן גליק וועט אבער די מענטשהייט קומען, ווען זי וועט זיך קלאר מאכן, דאס נישט דאס נישט—ארבעטן, נאר דאס ארבעטן איז גליק און פירט צום גליק!..

ארבעט און רוה! ווער פון זיי ביידע ברייננגט דעם מענטשן און די מענטשהייט צום גליק, ווער פון זיי ביידע איז גליק? — דאס איז דער קערנפונקט פון דעם גרויסן פראבלעם? אונזערע דורות לעבן איבער דעם גרויסן קאמף פאר ארבעט און פאר רו...

דער גרויסער קלאסנקאמף פון אונזער צייט, דער קאמף פון קאפיטאל און פראדוקציאנס־קראפט—איז איינגנטלעך דער קאמף אום מער אדער ווייניקער ארבעט, מער אדער ווייניקער רו...

וואו נעמען מיר דעם שליסל צו דער לעזונג פון דעם דאזיקן פראבלעם?

---

עס איז די אלטע געשיכטע מיט די קעגנגעזעצטע מיי־נונגען, וואס קומען אוף אין מענטשלעכן שכל, ווען דער מענטש־לעכער שכל זוכט אליין, מיט אייגענע כוחות, דעם אמת. ער באגרייפט דא נישט די הארמאניע פון דער שאפונג. ער זעט נישט, דאס דער מקור פון אלע קעגנזאטצן און די פארשידענע אנשויאונגען איז צו זוכן און צו געפינען אין מענטשן אליין און זיינע ליידנשאפטן, אז נישט, וואלט דער מענטש איינגעזען, עס זיינען גאר קיין פראבלעמען פאראן, ווייל אלץ איז ריכטיק־אר־בעט און רוה — ביידע זיינען צו בארעכטיקן, עס באשטייט קיין ווידערשפרוך, ווען דער מענטש—די פארבינדונג מיט דעם געט־לעכן שכל זוכט און - געפינט...

ארבעט און רו—זיינען ביידע פון גאט געגעבן: ששת ימים תעבד ועשית כל מלאכתך וביום חשביעי תשבת...

דו זאלסט ארבעטן, דו זאלסט רוען...

---

די שווערע אופגאבע, וואס די מענטשהייט האט זיך יעצט געשטעלט, די פעריאדן פאר ארבעט און רו, די ריכטיקע פע־ריאדן דערצו צו שאפן, האט שוין אונזער הייליקע, גטלעכע תורה לאנג געלעזט. דען נאר בא גאט איז צו זוכן דעם שליסל צו אלע אונזערע פראבלעמען און אויך צו דער, נאר ער קען אונז פון אלע קעגנזאטצן באפרייען, ווייל ער איז עס, וועלכער קען אריינגעבן הארמאניע אין דער נאטור און אין מענטשן. נאר בא אים איז צו זוכן און צו געפינען—דעם סוד פון דער דא־זיקער הארמאניע.

דען אין דער ארבייט און אין דער רו—מוזט דו, מענטש, זיך ריכטן נאך דעם גטלעכן ווילן, ארבייט און רוע—זיינען דאן ארבייט און רוע אין ריכטיקן זין פון ווארט—פירן דאן צו זייער תכלית—ווען זיי ווערן ערפילט אף דעם פארלאנג פון הקב״ה, ווען זיי זיינען פון זיין גייסט געטראגן, ווען זיי זיינען מיט דעם ווילן פון וועלט־שעפער דורכגעדרונגען...

דען, איין געהיימער כח שטעקט אין דער ארבייט און אין דער רו פון דעם, וועלכער ארבייט און רוט אלס—יציר כפיו של הקב״ה...

רוע, אלגעמיין, און שבת־רוע—זיינען נאך נישט איין און דאס זעלבע, דער תורה־אויסדרוק: שבת וינפש — האט שוין לאנג געפונען אן איינגארטיקע פילאלאגיש־וויסנשאפטלעכע ערקלערונג: וינפש—ער איז בעזעלט געווארן, ער האט דעם נפש, די זעלע— דורך די שבת־רוע—געפונען...

די ארבייט פון די זעקס טעג האט נאר געקענט געבן דעם חומר, די מאטעריע פון דער גאנצער וועלטשעפפונג, די רוע פון שבת האט יעצט דעם נפש געשאפן...

די רוע פון שבת איז, אלזא, אין דער ווירקלעכקייט געווען די וויכטיקסטע ארבייט—נישט ארבייט אין די רוימען פון אונזער באשריינקטער, מאטעריאליסטישער פאסונגס־קראפט— זי איז געווען די הייליקסטע ארבעט פאר דעם תכלית הבריאה, זי האט דער געשאפענער וועלט דעם נפש געגעבן, אנע די שבת־רוע פון וועלטשעפער, וואלט די וועלט געבליבן—איין גוף אן א נשמה, איין אומבאזיילטער קערפער...

די שבת־רוע - באדייטעט נישט אליין נישט ארבעטן—די שבת־רו איז די הייליקסטע, וויכטיקסטע ארבייט—דורך איר איז אין די טעג פון דער וועלט־שעפפונג —

די נשמה פון דער גאנצער בריאה, די נשמה פון דער וועלט—געשאפן געווארן... דער בורא־עולם האט דאן גערוט און דערמיט דעם נפש פאר זיין בריאה געשאפן, דערמיט דעם נפש זיין גאנצן שאפונג געגעבן...

די שבת־רו באם אידן, וועלכער איז א שומר שבת—איז די הייליקסטע ארבעט זיינע, קיינע ארבעט פון זיין חומר, נאר איין געהיימע ארבעט פון זיין אידישער, געטלעכער נשמה—וועלכע גיט און שאפט איבער זיין נפש... דורך די רו אין שבתדיקן טאג ווערט זיין ארבייט פון דער גאנצער וואך—איין גוף מיט איין נשמה—עס געווינט נאך מער נשמה יתירה...

שבת־רו איז קיין פיזישע רו אליין, עס איז א גייסטיקע לייסטונג, עס איז דאס וואס גיט דעם אירן דעם כח היניקה פון זיין נפש, פון זיין נשמה יתירה — אין די ארבעט פון דער גאנצער וואך אריין...

עס איז נישט נעגאטיוועס אליין, נאר אויך פאזיטיוועס, נישט שלילה נאר חיוב.

---

דער שבת איז די נשמה פון דער גאנצער וואך ארבעט...

פעלט באם אידן דער שבת, דאן פעלט אין דער ארבעט זיינער פון דער גאנצער וואך דער נפש... זיין אידישער נפש...

און דאן קאן זיין זיינע ארבעט, ווי די ארבעט פון יענע רשעים — וואס ארבעטן אנע אופהער — והרשעים כים נגרש,

השקט לא ידעו — אָבער עס איז קיין אופבוי־ארבעט, אין זין פון תכלית־הבריאה, קיין אַרבעט וואָס האָט איין קיום, וויל עס איז ווי איין גוף אָנע נשמה... עס פעלט דאַן דער כח טמיר פון פאזיטיווער, פאראייביגענדער שאפונגס־קראפט — וועלכן הקב"ה זעלבסט האָט דורך זיינע שבת־רו אין ערשטן שבת פון דער וועלט געשאַפן, דאַן אונז די געהיימע, אינערלעכע, באזיילנדע שאפונגס־קראפט אלס מתנה געגעבן, ווען מיר אונזער שבת־רו היטן... פארבינדן מיר זיך מיט דעם דאָזיקן געהיימען כח היצירה דורך אונזער שבת־רו — דאַן באַקומט אונזער ארבעט פון דער גאנצער וואָך דעם זכות הקיום. דאַן ווערט עס באלעבט און באזעלט... איבער דאָס פּראָבלעם פון אַרבעט און רו, איבער די צייט־פראַגן פון קאפּיטאל און ארבעט־שטייט דער אייביקער פתרון פון השי"ת פאר דעם זיך קאפּיטאל און ארבעט גלייכצייטיק זיך בייגן מוזן!

דו זאָלסט רוען — אין דעם שבתדיקן טאָג!

דו זאָלסט ארבעטן — אין די זעקס טעג פון דער וואָך!

אום דיינע ארבעט אין דער וואָך זאָל זיין תכלית־ארבעט, אום דער דאָזיקער אַרבעט זאָל דער ערפאָלג, הצלחה גאראנטירט זיין — מוזט דו — אום שבת רוען!

עס וואָלט גאָרנישט געשאַדט, דאָס ריכטיקע שבת־רו בשלמות זאָל איינטרעטן נישט נאָר אין אונזער פריוואט־לעבן, נאָר אויך אין לעבן פון דער אידישער געמיינשאפט — אין חיי הכלל — פון כלל ישראל, האָבן מיר נאָר איינמאָל איינגעזען, דאָס ארבעט הייסט נישט סתם ארבעטן, נאָר ארבעט מיט איין נפש... דאַן איז עס וויכטיק נאַטירלעך, נישט נאָר פאר דאָס איינצעלנע אינדיווידום, נאָר — אויך, פאר די גאנצע געמיינשאפט, פאַר דאָס גאַנצע פאָלק.

עס ווּאָלט גאָרניט געשאדט, דאַס אין דעם גרויסן טומל פון דעם איצטיקן אידישן פּארטיי־לעבן, אין דער אזוי־גערופענער אידישער פאָלקס־ארבעט, וואו מען מיינט, דאָס די גרעסטע מצוה איז דעם שארפסטן קאמף קעגן דעם אידעאָלאָגישן קעגנער צו־פירן, נישט ווען זיך צוהערן צו דער מיינונג פון דעם צווייטן— עס וואָלט גאָרניט געשאַדט, דאָס אין דעם דאָזיקן ברוזענדען, פאַרניכטענדען און צושטערנדען, פארוויסטענדען שטורם פון אונזער איצטיקן אינערלעך־פאָליטישן אידישן לעבן -- זאָל די שבת־רו איינטרעטן...

דאָס פרינציפּ פון שבת־רו איז: דאָס ארבעט אָנע נפש, אָנע איינמאָל שבת צו רוען קען קיין ערפאָלג האָבן, ווערט מען עס אין אָלגעמיין־אידישן לעבן איינמאָל פארשטיין — דאַן גע־ווינט דער כלל־ישראל צוריק זיינען נפש...

———

אויך פאר דאָס אידישע פאָלקס־לעבן, פאַר דאָס אידישע מלוכה־לעבן אין ארץ־ישראל, האָט די הייליקע ג—עטלעכע תורה אופגעשטעלט דאָס פרינציפּ! שבת־רו! „אז תרצה הארץ את שבתותי" — — — — —

אויך די אידישע מלוכה ווערט פארניכטעט, ווען זי קען ניט קיין שבת־רו. דאָס איז די לעצטע און די ערשטע באגרינ־דונג פון אידישן גלות — אין דער תוכחה. דאָס איינצעלנע אידישע לעבן און דאָס אלגעמיינע אידישע פאָלקס־לעבן, ביידע ווערן נישט אופגעבויט דורך ארבעט אָנע אופהער, דורך ארבעט נישט צום תכלית, נאָר — דורך די רו אין דעם שבת־טאָג.

דורך דאָס היטן פון — קדושת השבת!

הרה"ג ר' שמשון רפאל הירש זצ"ל

# דער אידישער שבת.

## די הערלעכע פערל.

1.

„זעט, אז גאט האט אייך
דעם שבת געגעבן!"
(שמות ט"ז, כ"ט)

— "זעט די הערלעכע פערל,
וואָס איך האָב אייך געגעבן!"
(ילקוט שם)

צווישן די אלע הייליקע גיטער, מיט וועלכע דאָס אירנטום באגליקט זיינע אָנהיינגער, איז קיין שום גוט ניט אזוי הייליק און האָט ניט אין זיך אזוי פיל ברכה און גליק, ווי דאס גוט פון דער עלטסטער אינסטיטוציע אף דער ערד, ווי דאָס גוט פון דעם שבת, פון דעם אידישן הייליקן שבת. אויב איר נעמט אוועק פון איד זיין שבת, אזוי רויבט איר דערמיט פון אים אוועק די רייכסטע, טייערסטע פערל און וואָס איר זאלט אים דאַן דערפאַר ניט וועלן געבן, וועט איר אים אַלץ דעם היזק ניט אָפּצאָלן. נעמט איר אַוועק פון איד דעם שבת, אזוי האָט איר אים איבערגעלאָזט אַליין, איינזאם, אָן א פריינט און אָן א פרייד; און ווי עס זאָלן זיך שוין נאכדעם ניט באַציען צו אים די פריינט, ווי איר זאָלט אים ניט דאַן באצירן מיט די שענסטע קרענץ און בלומען פון פרייד וועט ער דאָך שוין ניט געפינען ווידער נאָך אזא פריינט, ווי דער שבת, עס פאַרשווינט דאָך דער חשק צו יעדער פרייד אנטקעגן דעם שטילן, זיסן, הימלשן גליק פון דער שבת־פרייד.

דען דער שבת איז דעם אידם פערל; דען דער שבת איז דעם אידם פריינט.

גאָט האָט משדך געווען דעם איד מיטן שבת, מיט א צנועהדיקע, באחנטע, ליבלעכע כלה האָט גאָט באַשיינקט דעם איד דערמיט, וואָס ער האָט אים געגעבן זיין הערלעכסטע שטיפטונג, זיין הייליקן שבת. וויבאַלד ער בלייבט איר געטריי, געטריי מיטן גאנצן האַרץ, מיט זיין גאנצער איבערגעבנהייט, מיט אַלע אויפאָפּפערונגען, דאַן בלייבט אויך זי אים די געטרייסטע, גליקלעך־מאַכנדע חברטע, זי קאָן אים מאַכן פון זיין אָרימסטן שטיבל אַ ליכטיקן גן־עדן, זי ווייס ווי אזוי צו מאכן אים פון א פינסטערע ערדישע נאכט א שיינעם העלן זוניקן טאָג, זי קאָן

דער שבת איז נישט נאָר איין אות לדורות, איין אייביקער צייכן אף חדוש העולם, אף דעם דאָס די וועלט איז דורך הקב"ה געשאפן, נאָר דער שבת איז אויך איין צייכן אף דעם, ווי די וועלט איז געשאפן, איין שטענדיקע אָנמערקונג אף דעם, דאָס די עקזיסטענץ פון חומר, פון דער מאטעריע, דער פראָדוקט פון די זעקס טעג וועלט-שאפונג — נאָר דאן זכות הקיום, כארעכטיקונג אף עקזיסטענץ האט — ווען עס נאכדעם אין זיך — דורך שבת-רו — דעם גייסט, דעם נפש — אופנעמט.

שבת איז איין שארפער פראטעסט קעגן דעם מאטעריאליזמוס, קעגן די מיינונג, דאס די מאטעריע איז די הערשנדע קראפט אין דער וועלט, דאס די מאטעריאליסטישע ארבעט, די פיזישע פראדוקציאנס-קראפט אליין, די הויפט-ראלע שפילט שבת און דאס פרינציפ פון שבת-רו לערנט אונז, דאס די הערשאפט געהערט דעם גייסט, דאס דער רוח איז אויגנטלעך, די הויפט-שאפונגס-קראפט, אים געהערט די הערשאפט איבער די מאטעריע. די מאטעריעלע, פיזישע פראדוקציאנס-קראפט געווינט איצט דורך דורכדרינגונג מיט דעם גייסט — דורך די שבת-רו — די ברכה.

נישט אומזיסט האבן אונז די חז"ל דעם שבת אלס בן-זוג פון כלל-ישראל כאראקטעריזירט, ווייל שבת איז די פראקלאמאציע פון דער שאפונגס-קראפט פון גייסט, דאס זעלבע איז אויך דאס אידישע פאלק, דורך זיין וועזן אלס עם הספר, עם הרוח, איין פראקלאמאציע פון דעם זעלבן אנערקענונג פון גייסט, אלס הערשנדער פרינציפ איבער דער וועלט, פון דער נאטור, פון דער מענטשהייט און פון דעם מענטשלעכן לעבן.

דאס אידישע גייסטעס-פאלק און דער גייסטיקער שבת-טאג — געהערן ווירקלעך צוזאמען:

דער שבת איז די אידישע פאלקס-נשמה, אזוי ווי עס איז די נשמה יתירה פון יעדן אידן.

נעמט איר צו באם אידישן פאלק דעם שבת, נעמט איר צו באם אידן דעם שבת — דאן נעמט איר בא זיי ביידע צו — די נשמה!

האיר פני המזרח — פון אסטען שיינט דאס ליכט אוף פון מלכות ישראל אין הייליקן לאנד.

עס וועט האפנטלעך קאנקרעטיזירט און פארווירקלעכט ווערן דער טרוים און די האפנונג, אבער אויך גלייכצייטיק די נבואה פון אידישן פאלק אין טויזנטער יארן. נאך אין אונזערע דורות זאל עס געשען.

אין הייליקן אידישן לאנד, אין אידישן קעניגרייך, וואו עס וועט קעניגן נאר הקב"ה און זיין מלך המשיח, וועט אף דער כסא המלכות זיצן — די שבת מלכתא...

דאס איז די זעלבע שבת מלכתא, וואס האט אף אירע שולטער געטראגן דעם שווערן טויזנט יאריקן אידישן גלות, דעם שווערן אידישן עקאנאמישן קאמף אום זיין ווירטשאפטלעכע עקזיסטענץ, וואס האט מיטגעליידט זיינע ליידן, אבער — אויך ז' איז מיט טריישאפט אין פארלויף פון טויזנטער יארן פון אידישן פאלק, פון איינצעלנע אידן מיט מסירות נפש געטראגן געוואדן!

און דערפאַר האט זי דעם אידישן פאלק און דעם איינצלנעם אידן—דעם נפש, די נשמה יתירה ערהאַלטן, זי איז געווען דער הויפט-גורם, דאָס אידישע פאלק און דער אידישער מענטש זאָלן נישט זייער נשמה פארלירן אין דעם מאַטעריאַליזם

אים פירן איבער דעם שמאָלסטן, גליטשיקסטן סטעזשקעלע מיט איר זיכערער, שטארקער און ליבנדער האנט, זי קאָן פאַר אים אויסגלייכן אַלע בערגלעך, זי קאָן אים אָפּווישן אַלע זיינע טרערן, זי קאָן אים היילן אלע זיינע וואונדן, זי קאָן אים פארלייכטערן אַלע זיינע שמערצן, זי קאָן אים לויז מאַכן פון אלע זיינע זאָרגן. זי מאַכט דעם ארימסטן רייך, און דעם רייכסטן גיט זי ערשט די מעגלעכקייט צו ווערן דער אמתער האר און געניסער פון זיין עשירות, זי מאַכט דעם פּראָסטן און נאאיוון פאר אַ חכם, און דעם חכם גיט זי ערשט דעם אמתן באָדן פאר זיין קלוגשאַפט, זי הויבט אוף דעם געשטרויכלטן, און דעם ריינעם, דעם שטארקן גיט זי ערשט דעם אמתן יסוד, דעם אויסדערוויילטן קערן פון זיין ריינקייט, די אמתע קראפט פון זיין גבורה.

אָ, די דאזיקע, וואס קערן זיך אפּ פון דער דאזיקער נשמה-פריינדין, ווייסן גאָרניט וואָס פאַר אַן עשירות זיי פאַרשפּילן; די דאָזיקע מענטשן, וואס לאָזן ניט ירשהנען אָן זייערע קינדער די דאָזיקע פּערל, ווייסן גאָרנישט ווי אָרים זיי מאַכן דערמיט זייערע קינדער! מאַכט אייערע קינדער רייך, מאַכט אייערע קינדער טיכטיק, מאַכט אייערע קינדער שטארק, מאַכט אייערע קינדער טויגלעך און געשיקלעך, מאַכט זיי געבילדעט, געלערנט און געערט און צוזאמען מיט דעם אלעם גיט זיי אויך דעם שבת, דעם אלטן אידישן שבת, גיט זיי דעם שבת דורך אייער פריילעכן, ערנסטן און אויפּאָפּפערונג-רייכן ביישפיל, זיי זאָלן זען אין אייך און אייער נשמה די זון-שטראַלן פון דעם ליכטיקן שבת — און דורכדעם האָט איר געזיכערט די דויערהאַפטיקייט פון זייער עשירות, דערמיט האָט איר פאַרזיכערט פאר זייער טוגענד און רעכטפארטיקייט די שטיצע, פאר זייער קלוגשאפט — דאס ליכט, פאַר זייער שטאַרקייט—די קראפט, פאר זייערע קענטניסן, וויסנשאַפט, בילדונג און ערע—דעם רעכטן שורש, דעם אמתן נערוו, דעם אמתן ווערט און די ריכטיקע באַדייטונג.

דאַן מעגט איר אייך גאַנץ רואיק לייגן שלאָפן; אַפילו ווען דאָס עשירות ווערט, חלילה, פאַרשוואונדן פון אייערע קינדער, אפילו ווען זייער טוגנד ווערט געשטרויכלט, זייער קלוגשאפט לאָזט זיך אויס, זייער געזונט איז אין סכנה, אפילו זייער שכל איז זיי ניט גענוג, זייערע פריינט פארלאָזן זיי, ווען אפילו איר אַליין פארלאזט זיי—און איר קענט דאָך מיט זיי ניט אייביק בלייבן!—און ווען זיי זיינען אפילו ווייט, פארלאָזט און געזונקען — דער שבת אָבער פאַרלאָזט זיי נישט! דער שבת בלייבט בא זיי און האָט פאר זיי גרייט טרייסט און קראפט, ליכט און כאַלזאַם, ערהעבונג און תשובה, פרידן און פריידן.

ווען אָבער איר האָט זיי דאָס אלץ יאָ געגעבן, נאָר איר האָט פארזאַמט צו געבן זיי אויך דעם שבת—דאן האָט דאָס אלץ ניט קיין קיום, און ניט קיין ממשות! דאן האָט איר איבערגעגעב זייער גליק און פרידן, זייער שפע, ברכה און פרייד, זייער חכמה און אידישקייט — דעם צופאל, אין די הענט פון דעם שוואַנקענדן געפאר.

דעריבער גיבן מיר דאָ איניקע באטראכטונגען וועגן דער דאָזיקער פּערל פון אידנטום, וועגן דעם אידישן שבת. גליקלער וועלן מיר זיין, אויב עס וועט אונז געלינגען מיט אונזער שוואַכער פעדער אופצוצייכענען קלאָר און ריכטיק נאָר כאָטש איניקע פון אירע רייכע און ווירדיקע שטריכן; גליקלעך וועלן מיר זיך פילן, ווען כאָטש איין פאמיליע, איין אידיש הויז, ווען כאָטש איין אידישע נשמה וועט דורך דעם דערוועקט ווערן ארויסצוראטעווען גאנץ און אומבאַשעדיקט דעם דאזיקן אייביקן אוצר פון לעבן פון דעם שטראָם פון דער צייט. —

און אין דער קנעכטשאפט פון גלות, זיי זאָלן נישט מענטשנטום און אידנטום נלייכצייטיק פארלירן דורך די דלות און אביונות, אין וועלכע די שונאים האָבן זיי פארזעצט...

די שבת מלכתא האָט דעם אידן די קראפט געגעבן, זיך אין שבתדיקן טאג אויך פון חיי-עבדים זיך צו באפרייען און א בן מלך צו ווערן!

די שבת מלכתא האָט דעם אידן אין די פינסטערסטע גלות-צייטן אריינגעפירט אין דאָס ליכטיקע אייגענע היים, אין דאָס פון קדושת השבת באשטראלטעם אידישעם פאמיליען לעבן?

נישט ווייט איז שוין דער וועג פון שבת מלכתא—צום כסא המלכות... נישט ווייט איז דער וועג פון אידישן פאָלק צו זיין באפרייאונג און ערלעזונג...

אזוי שרייט צו אונז די גאטעס שטימע דורך דעם יעצטיקן גאנג פון דער וועלט-געשיכטע, זאָלן מיר נישט קענען טראָץ אלע גזירות פון די לעצטע יארן אין פארשידענע לענדער קעגן שבת-רו, טראָץ דעם פארשארפטן ווירטשאפטלעכן קאמף, טראָץ אלע עקאָנאָמישע קריזיסן—די שבת מלכתא נאר די פאר שריט ביז צום כסא המלכות דורכטראָגן, ווען מיר האָבן זי טויזנטער יאָרן מיט אלע אָנשטריינגונגען זי אהין געטראָגן?..

געבענשט זאָלן זיין די, וועלכע אָרגאַניזירן זיך אלס שומרי שבת, געבענשט זאָלן זיין אלע שומר, שבת; וועלכע ווילן זיך נישט אָפּשטעלן גראדע באם סוף פון לאַנגן וועג, דער היסטאָ-רישער וועג פון אידישן פאלק צו זיין ערלעזונג און צו זיין — שבת עולמים!..

תחזקנה ידיכם!

דען אזוי ווי די רו פון שבת איז די נשמה פון דער אר-בעט אין דער גאנצער וואָך, דער שבת זעלבסט די נשמה פון אידישן פאלק און אידישן לאנד—פון כלל ישראל און ארץ ישראל, אזוי איז דער סימבאל פון דער הארמאָניע, וועלכער דער וועלט-שעפער וועט איין מאָל דורכזעצן אין דער מענטשהייט, די האר-מאָניע צווישן קאפיטאל און ארבייט, ארבייט און רו, קערפער און נשמה, מאַטעריע און גייסט, באצייכנט ווערן מיט דעם נאָמען פון אייביקן שבת—שבת עולמים! האַלטן מיר אוים אין כלל און אין פרט דעם שבת אין זיין קדושה, נישט זוכנדיק קיינע אמתלאות און תירוצים, דאן געווינען מיר דעם—שבת עולמים.

# וואו איז די יוגנט?

שבת — איינע פון די טייערסטע פערלען אין דער קרוין פון הייליקייט, וועלכע די תורה לייגט ארויף דעם אידישן פרינץ אפן קאָפּ.

אָן דער פערל איז די קרוין קיין קרוין נים, און דער פרינץ בלייבט א בעטלער צווישן אלע בעטלער.

די „שומרי שבת" טראָגן די פערלדיקע קרוין און דאנק זיי שטראַלט די קעניגלעכע שיינקייט פון שבתדיקער אידישקייט איבערן אידישן פאלק.

די „שומרי שבת" הויבן אָן א באוועגונג וועלכע פארשפרעכט דעם אידישן לעבן זייער פיל, יעדער שומר שבת איז א ציגל אין געביי פון אידישן פאָלק, יעדער ביסל קדושת שבת, יעדער פאר-מאנטער געשעפט, יעדער דורכגעפירטער אסור מלאכה איז א ליכט-שטראַל פון אידישער צוקונפט, א זיג פון אידנטום איבער דעם ארומיקן נים-אידישן לעבן.

און ווייל די באוועגונג איז אזוי טייער מוז מען איר ווינשן די גרעסטע ברכה, אין וועלכער די שומרי שבת באוועגונג נויטיקט זיך — יוגנט.

מיט יוגנט זיגט מען, מיט איר איז מען זיכער אז מען גייט נים פארלאָרן. מיר וואָלטן געווען גליקלעך, ווען מיר זיינען זיכער מיט א פילצאָליקער אידישער יוגנט, וועלכע איז טריי דעם שבת, און האָט גענוג גייסטיקן מוט, אידישע עקשנות און הארציקן פאַרשטאַנד, כדי צו בלייבן אים טריי דעם גאנצן לעבן.

אויך די פליכט טאָרן נים פארזען די שומרי שבת און עס טארן נים אויספעלן די כוחות, כדי צו געווינען די הארץ און די נשמה פון דער יוגנט פארן שבת.

עס איז דאָ א וועלט מיט ארבעט און אויפגאַבן, וועלכע קענען נים אָן דער יוגנט, אָן איר אנטייל פארווירקליכט ווערן.

דאָס ערשטע איז די יוגנט דארף דורכגעדרונגען ווערן מיטן באוואוסטזיין פון אירע פליכטן לגבי דעם שבת.

יעדער קינד און יעדער יונגער מענטש וועלכער איז א שומר שבת, דארף עס זיין נים נאָר מחמת ער איז אויסגעוואקסן אין א סביה פון שומרי שבת, אָדער ווייל ער האָט נים געהאַט קיין געלעגנהייט צו מחלל שבת זיין ח״ו—נאָר דארף האָבן אין זיך ווי א טייערן אוצר דעם שטאָלצן באַוואוסטזיין: איך בין א שומר שבת, ער דאַרף ביז טיף אין האַרצן דערהערן און דערשפירן דעם ג—טלעכן קוואל פון שמירת שבת, ער דארף ענדלעך פאַרהארטעוועט זיין קעגן די נסיונות פון חלול שבת ה״ו וועלכע ער באגעגנט אין לעבן.

די שמירת שבת דארף ווערן א צענטראַל-פונקט אין דער דערציאונג און זעלבסטדערציאונג. גיט נאָר דעם שבת אַן אָרט אין האַרצן פון דער יוגנט און איר זייט דאן זיכער מיט זיין אידישקייט. איר שאַפט דאַן בא אים אין האַרצן א הייליקן מקדש, א משכן—ושכנתי בתכם — וואו די שבינה קומט אראָפּ דעם זיבטן טאג און עפנט דעם ריינעם קוואל פון קדושת שבת, שבת-הייליקייט, וועלכער רייניקט די נשמה פון יונגן מענטשן, און זעטיקט אים מיט נייע פרישע כחות.

די קדושת שבת, שבת-הייליקייט, איז פונקט אזא עיקר ווי די שמירת שבת. דער שבת דארף ברייננען אין די אידישע הויז הייליקייט, תורה, תפילה, איידעלע פרייד און ליכטיקע רו, מיט דעם זון אונטערגאַנג פריטיק, מיט די לעצטע שטראַלן פון דער זינקנדיקער זון, דארפן זיך אָנצינדן די ליכט פון שבת, פון היטן דעם שבת און הייליקן אים און זאָלן רי דאָזיקע ליכט באַלייכטן דאָס אידישע הויז, דאָס אידישע קינד און די אידישע יונגע הערצער וועלכע בליען פאנאנדער.

די אידישע יוגנט, די יוגנט, וועלכע האָט דעם באוואוסטזיין פון תורה, טרייע אידישקייט און ווייס דעם ווערט פון תורה — זי דאַרף דורכפירן די דאָזיקע ארבעט צווישן דער גאנצענער יוגנט זיי דארפן שאַפן א ספעציעל יוגנט-אַמט פאַר „שומרי שבת" ארבעט. זיי דאַרפן געפינען די פאַסיקע כוחות די טוערם פאר רעם דאזיקן צוועק, בילדן א געשלאָסענעם פראנט מיט דער שומרי שבת ארבעט פון עלטערן דור,

# Vom Weltverband der Schomre - Schabbos.

Von Rechtsanwalt Dr. P Sulzberger, Berlin.

Wenn in unseren Tagen eine Forderung von allen Teilen unserer jüdischen Gemeinschaft — soweit sie nicht direkt antireligiös eingestellt sind—in voller Einmütigkeit erhoben wird, so ist es die nach dem Schutz und der Erhaltung des Sabbats. Ist man sich doch unter dem Drucke der Not darüber klar geworden, dass der schwere Kampf, den der Schomer Schabbos gegen die sogenannten wirtschaftlichen-Verhältnisse führen muss, nur durch tätige Unterstützung der jüdischen Gesamtheit siegreich bestanden werden kann. Selbstverständlich wird es immer eine Schar thorabegeisterter Männer und Frauen geben, die allen Erschwerungen zum Trotz der Sabbatidee treu bleiben und lieber hungern werden als den Sabbat entweihen. Es hiesse aber Vogel Strauss-Politik treiben, wollte man sich verhehlen, dass viele unserer Brüder und Schwestern, die vom besten Willen beseelt sind, dem Sabbat treu zu bleiben, durch den Kampf ums Dasein mürbe gemacht, eines Tages an dem Punkt anlangen, wo die Widerstandskraft erlahmt und der Sabbat aufgegeben wird. Diesen Menschen zu helfen, ist heilige Pflicht der Gemeinschaft. Wer offenen Auges die Ceschichte der Juden in Europa und vor allem in West-Europa, in dem verflossenen Jahrhundert verfolgt, der sieht, dass im gleichen Verhältnis mit dem Nachlassen des Bewusstseins von der Verpflichtung zur Sabbatheiligung ein Rückgang jüdischer Religiosität überhaupt und ein Wachsen der Abfallbewegung von Judentum unverkennbar ist. Ein Ausbrechen des Sabbatpfeilers aus den Gebäude jüdischer Religion erschüttert das Haus in gefährlicher Weise. Die Erkenntnis der Notwendigkeit von Abwehr auf der einen und Hilfe auf der anderen Seite hat die Gründung des Weltverbandes der Schomre-Schabbos in Berlin veranlasst, eines Verbandes, der Juden aller Länder zusammenfassen will, die gewillt sind, den Sabbat dem jüdischen Volk zu erhalten und ihm seine überragende Stellung im jüdischen Leben zu bewahren. An der Spitze des Verbandes stehen Menschen, die ihren Platz im Wirtschaftsleben ausfüllen und trotzdem treue Schomre Schabbos sind, Männer, die wohl wissen, dass sie die grossen, das Wirtschaftsleben beherrschenden ökonomischen Gesetze Arbeitsmöglichkeiten für Juden zu schaffen sind, ohne dass der Sabbat entweiht wird. Das Programm des Verbandes, das in der jüdischen Presse zum Abdruck gelangt ist und dass neben den Forderungen an jüdische Kreise auch Einflussnahme auf Gesetzgebung und Verwaltung der einzelnen Länder vorsieht, ist reichhaltig genug, um auch dann schon eine wesentliche Erleichterung der wirtschaftlichen Lage sabbattreuer Juden herbeizuführen, wenn zunächst nur ein Teil der Ziele erreicht wird. Aber auch das ist nur möglich, wenn der Verband bei allen, denen es Ernst ist um die Erhaltung des Sabbats warme Unterstützung in ideeller und materieller Hinsicht findet.

Die erste Arbeit, die der Verband in Angriff genommen hat, ist naturgemäss die seiner Organisierung. Obschon die Gründung des Verbandes in allen Teilen der jüdischen Welt begeisterten Widerhall gefunden und in seltener Einmütigkeit von allen Thoragrössen begrüsst worden ist, so erfordert doch der Aufbau der einzelnen Landesorganisationen eine gewisse Zeit. Wo schon Landesverbände gleicher oder ähnlich gerichteter Tendenz bestehen, bedarf es natürlich nur einer Erklärung, un sie dem Verbande anzuschliessen, in dem meisten Fällen aber müssen die Landesverbände erst geschaffen werden. Selbstverständlich müssen dabei kleinliche Erwägungen wie etwa Befürchtungen, dass der Weltverband bestehenden Sabbatorganisationen Konkurrenz machen könnte, völlig ausschalten. Konkurrenz ist der im kaufmännischen Leben gangbare Begriff für Wettbewerb. Wenn es in diesen Dingen einen Wettbewerb geben könnte, so wäre das nur zur begrüssen. Aber eine solche Absicht kann gar nicht im Sinne des Weltverbandes liegen. Seine Sache ist es, den Landesverbänden für die Einzelarbeit Anregungen zu gebengrosse Ricstlinien aufzustelleu, nach denen die Arbeit geleistet werden soll. Von amerikanischen Freunden ist der Wunsch ausgedrückt worden, schon im Laufe des Juni den Weltkongress der Schomre Schabbos zusammenzurufen. So wünschenswert der alsbaldige Zusammentritt dieses Weltkongresses wäre, der ja erst dem ganzen Gebilde seine gesetzliche und endgültige Form geben müsste, so darf doch nicht verkannt werden, dass der Kongress nur dann zu einem Erfolg werden und nützliche Ergebnisse haben kann, wenn er genügend vorbereitet ist. Dies erfordert doch eine gewisse Zeitspanne. Inzwischen wird der Verband nicht müssig bleiben. Er hat bereits ausser den Organisationsarbeiten eine Reihe anderer Programmpunkte in Angriff genommen und hofft auch hier bald positive Ergebnisse zu erzielen.

Dass die Gründung des Weltverbandes eine Notwendigkeit, ist von allen Seiten anerkannt worden. Wenn er—wie dies die feste Absicht seiner Führer ist — vollkommen überparteilich seine Arbeit leisten wird, so muss er das werden, was bisher verschiedene Organisationen vergeblich versucht haben — ein Sammelpunkt aller auf dem Boden der Thora stehenden Juden. Dann wird er vielleicht auch später in der Lage sein, über den Rahmen seines jetzigen Programms hinausreichend eine Versöhnung der heute im thoratreuen Lager bestehenden Gegensätze herbeizuführen zum Wohle des כלל ישראל.

פארגעסט ניט צו ווערן מיטגלידער אין דער „שומרי שבת“ באנק.

פארשרייבט זיך אלע אלס מיטגלידער אין דער ארג. „שומרי שבת“.

# וואס ווילן מיר?

עס מוזן אופגעקלערט ווערן די צילן פון „שומרי שבת", אום דער עולם — די שומרי שבת — זאלן פארשטיין איר נויטיקייט און זאלן אריינטרעטן אין איר אלם מיטגלידער, וואס נאר דורך דעם, וואס עס וועט פארגרעסערט ווערן די צאל פון אירע מיטגלידער, זיינען אירע הייליקע צילן געזיכערט — ווי עס וועט ווייטער דערקלערט ווערן.

אנדערש איז דער ציל פון דער ארג. „שומרי שבת", ווי דער ציל פון דעם „מזהירי שבת". דער ציל פון „מזהירי שבת" איז דער עיקר געווען צו מאכן מ ח ל ל י ש ב ת פאר ש ו מ ר י ש ב ת, אבער דער הויפטציל פון „שומרי שבת" איז, אז די ש ו מ ר י ש ב ת זאלן ניט ווערן חס ושלום קיין מ ח ל ל י ש ב ת. די „מזהירי שבת" האט די הויפט כונה צו זארגן פאר יענעם, און „שומרי שבת" האט איר הויפט כונה צו זארגן פאר זיך, זיך צו היטן, זיך צו פארזארגן, אז שבת זאל זיין שטריינג און הארב, און אז מען זאל פארן שבת מורא און דרך ארץ האבן. כאטש אין די פונקציעס פון „שומרי שבת" גייט אויך אריין די פונקציע פון „מזהירי שבת' — צו זארגן וועגן די מחללי שבת, זיי מחזיר למוטב זיין, — און אויסער, וואס יעדער איד איז מחויב צו זארגן אז אלע אידן. וואס זיינען מחויב צו זיין אידן, זאלן טאקע זיין אידן און דערפילן זייערע פליכטן, און אויך אויסער דעם רחמנות געפיל, וואס עס מוז זיך דערוועקן בא יעדן איינציקן, ווענדיק, אז זיינע ברידער ווערן דערטרונקן ממש און ווערן פארלארן און פארניכטעט, און מען קען זיי ראטעווען, מוז מען זיי ראטעווען, און ניט שטיין פון דערווייטן עובר זיין אף „לא תעמוד על דם רעך" אויסער אלעם דעם האט די ארג. „שומרי שבת' דערביי נאך א כונה, אן אייגענע בשרע פני', ווייל דורך דעם, וואס עס ווערן ווייניקער מחללי שבת, איז אלץ זיכערער דער שבת בא די שומרי שבת אליין, דער רעספעקט, דער שטאלץ פון שבת ווערט געהויבן און דער שבת קריגט א שענערן גלאנץ אויך בא דעם שומר שבת.

און אט פארוואס: אין פרק ווערט דערציילט אז ר' יוסי בן קסמא זאגט, אז אמאל גייענדיק אין וועג האט ער זיך געטראפן מיט איינעם, וועלכער האט דערקענענדיק אן ר' יוסין, אז ער איז א גרויסער מענטש, אים אנגעבאטן, אז ער זאל וואוינען בא אים אין זיין שטאט און ער וועט אים געבן אלף אלפים דינרי זהב. האט ר' יוסי אים געענטפערט, אז אפילו ווען ער זאל אים געבן כל ממון שבעולם, וועט ער נאר וואוינען אין א שטאט, וועלכע איז מלאה חכמים וסופרים. ר' יוסי, דער תנא, האט ניט געוועלט וואוינען אין אן ארט, וואו די מענטשן זיינען ניט קיין תלמידי חכמים. אזא פערזענלעכקייט ראכט זיך ווי ר' יוסי, וואס עס איז כדאי צו געבן אים א גרויסן פארמעגן פאר זיין געפינען זיך וואו ניט איז ווייל זיין השפעה אף דער סביבה איז גרוים און די ליכטיקייט פון זיינע שטראלן וועט שיינען אף אלעמען און אומעטום וועט ווערן ליכטיק און דאך נעמט ר' יוסי דעם פארשלאג ניט אן. ער האט מורא פאר זיך, אז אים קען וואס שאטן, מיט דעם, וואס ער וועט זיך ניט געפינען אין דער סביבה פון גדולים (גרויסע פערזענלעכקייטן) און וועט זיין אין א סביבה פון קליינע מענטשן, וואס געלט שפילט בא זיי א ראלע. די שטאט פון אזעלכע מענטשן הייסט ניט א שטאט פון חכמים, און דער געפינען זיך אין אזא סביבה קען שאטן אויך דעם גרויסן ר' יוסין, און די מעלות וועלכע ער וועט קריגן זייענדיק צווישן חכמים וועלן אים פעלן, ווייל אזוי איז די פסיכאלאגיע פון מענטשן צו ווערן באווירקט פון דער סביבה וואו ער געפינט זיך, ווי דער רמב"ם זאגט, אז כטבע האדם להיות נמשך בדעותיו ומעשיו אחר חברו, און דעריבער האט דער בורא געהייסן אברהם אבינו: „לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך", און אויך אברהם האט דעריבער באשווארן אליעזרן וועגן יצחקן „רק את בני לא תשים שמה", און דער רמב"ם פסקנט, אז אויב מען געפינט זיך אין א שלעכטע שטאט, זאל מען פון איר אוועקגיין אין א צווייטע, און אויב די מדינה איז שלעכט, זאל מען גיין אין א צווייטע מדינה, און אז די גאנצע וועלט איז שלעכט, זאל מען אנטלויפן אין א מדבר. אלץ צוליב דעם, ווייל די שלעכטע סביבה קען שאטן.

שבת. די עבירה פון מחלל שבת זיין, חס ושלום, איז זייער גרוים און הארב, ווייל דער עונש פאר מחלל שבת איז זייער גרוים: עס קומט כרת און סקילה ר"ל. שבת איז הארב, ווייל דורך דעם שבת האבן מיר זיך פארבונדן מיט דעם בורא עולם א ברית עולם. שבת איז אן אות לעולם, א צייכן וועלכער וויזט אף אונזער אנערקענונג אין דער ריכטיקייט, אז דער בורא עולם האט באשאפן די וועלט און אז ער איז דער משגיח בהשגחה פרטית אף דער גאנצער וועלט, ר. ה. אז קיין זאך ווערט ניט געטאן אן דעם בורא און אז קיינער קען גארנישט אופטאן, ווען אפילו ער זאל זיין גאנצן לעבן ארבעטן 24 שעה אין מעת־לעת, אויב דער בורא עולם זאל עס ניט וועלן. די אנערקענונג ווערט באוויזן דורך דעם היטן שבת.

שבת איז הארבער ווי אנדערע עברות, דען א מומר להלל שבת איז א מומר לכל התורה כולה ריכטיק ווי אן עובד עבודה זרה, ריכטיק ווי א משומד ר"ל. וועלכער ווערט פאררעכנט ווי א גוי, ווייל אויסער דעם וואס ער היט ניט דעם שבת לייקנט ער אין דעם, אז געבן גיט נאר דער בורא יתברך און אז אליין קען מען ניט נעמען.

דער מחלל שבת ווערט פאמעלעך אוים איד, ווייל אויב ער איז שטענדיק פארנומען אויך שבת קומט ער ניט אריין אין א בית המדרש, אין א מנין, קיין אידישן וואָרט, קיין תורה וואָרט, הערט ער ניט, נו, איז וואס קען אים דערמאנען אז ער איז א איד, און אז ער האט פליכטן אלם איד? און אויב אפילו ער אליין איז נאך דערצויגן געווארן אין א אידישע הייז און ער פילט נאך אביסל אידישקייט, אבער זיינע קינדער, וואס זעענדיק אים שטענדיק מחלל שבת זיין, זעען אים ניט גייענדיק אין א מנין און הערן ניט פון אים קיין אידישן וואָרט, זיי וועלן דאך געווים פארגעסן, אז זיי זיינען אידן.

דער שבת אין ריגע איז, ליידער צום באדויערן, ניט קיין גרויסע פירמע; ער איז צובראכן. דער חלול שבת ווערט פון שבת צו שבת גרעסער און מערער. דער חלול שבת האט אנגענומען אן עפידעמישע פארם און שטעכט אן אלע געזונטע, עס איז א מגפה ר"ל פון חלול שבת און אלע, אפילו די געזונטע די שומרי שבת, זיינען אנגעשטאכן פון דער עפידעמיע חלול שבת און בא אלעמען איז גורינג און לייכט געווארן דער שבת. ניטא דער ברען, די התלהבות פאר קדושת שבת ווי עס איז געווען און ווי עס האט געדארפט זיין. ציטערן האבן מיר געדארפט פארן שבת, וועלכער איז דער יסוד פון דער גאנצער אידישקייט, אזוי, אז מען קען זיך בשום אופן ניט פארשטעלן א איד אן שבת. ווי האבן מיר געדארפט זיין איבערגעגעבן פארן

# שבת.

## פון תלמודישן אוצר.

באארבעט דורך א. ג פ ן.

רב תהליפא דער ברודער פון ר' נאי חוואי האט געזאגט באלד פון אנהויב יאר ראש השנה און יום כפור איז באשטימט פון ג—ט וויפיל יעדער מענטש זאל פארדינען אף פרנסה דאס גאנצע יאר. מען דארף זיך היטן, ניט צו לעבן פארשווענ־דעריש און נאר אויסגעבן אף דעם, וואס איז דאס נייטיקסטע יאָרום קוים וועט דער מענטש פארנוצן צופיל געלט די ערשטע חדשים פון יאר, קען אים שפעטער פעלן אף ברויט און ער וועט ניט האבן פון וואנען צו נעמען.

דאקעגן אבער דארף מען ניט קארגן אין געלט־אויסגאבן אף צו לערנען מיט די קינדער תורה און אויך אף אנצוגרייטן שיינע שבתים און ימים־טובים. וויל דערויף איז ניט באשטימט פון פריער. פארברויכט מען וויניקער — באקומט מען וויניקער, פארברויכט מען מער — באקומט מען מער.

* * *

אן שבת דארף מען גדיינקען א גאנצע וואך.

* * *

רבי אליעזר זאגט: באלד אינם ערשטן טאג פון דער וואך, גדיינק אן שבת, אויב עס טרעפט זיך דיר א שיינע און גוטע זאך צו קויפן, קויף און באהאלט עס אף שבת.

* * *

ווער עס באמיט זיך אנצוגרייטן פרייטיק אף שבת האט אום שבת וואס צו עסן, דער וואס טוט ניט אנגרייטן פרייטיק, פון וואנען זאל ער האבן שבת וואס צו עסן.

* * *

אונזערע הייליקע חכמים זאגן: אויב איר וועט היטן אנצו־צינדן די שבת־ליכט וועט איר זוכה זיין צו זען ווי עס וועט אופשיינען דאס ליכט פון ציון און ירושלים.

* * *

באלד ווען די פרוי צינט אן די ליכט לכבוד שבת, דארף זי תפילה טאן דאס אין זכות פון די שבתדיקע ליכט, זאלן אירע קינדער באלויכטן די וועלט מיט דעם ליכט פון דער הייליקער תורה.

* * *

ווען בלק האט פארלאנגט דאס בלעם זאל שילטן די אידן האט בלעם צו אים געזאגט: ווי אזוי קען איך די אידן שילטן, זיי גייען דאך אנגעטאן אין שבתדיקע מלבושים!

* * *

די קליידער וואס דו טראגסט אין דער וואכן, זאלסטו ניט טראגן אין שבת, אף שבת זאלסטו האבן אנדערע מלבושים, וויל אויך דערמיט וועסטו כבוד אפגעבן דעם הייליקן שבת.

* * *

רבי חנינא פלעגט פרייטיק פארנאכט זיך איינהילן אין שיינע מלבושים און זאגן צו זיינע תלמידים: לאמיר גיין אקעגן דעם ליבן גאסט — די קעניגין שבת.

* * *

ג—ט האט געזאגט צו פאלק ישראל: אויב איר וועט היטן שבת וועט עס זיין גליך ווי איר וואלט מקיים געווען אלע מצוות פון דער תורה.

* * *

רב חייא דער זון פון אבא זאגט: די אידן וועלן ניט אויסגעלייזט ווערן נאר אין זכות פון דעם הייליקן שבת.

* * *

רבי יחנן זאגט אין נאמען פון רבי שמעון בן יוחאי — ווען דאס אידישע פאלק זאל היטן צוויי שבתים ווי עס דארף זיין, וועלן זיי באלד אויסגעלייזט ווערן.

* * *

רבי חייא דער זון פון רבי אבא דערציילט: איך בין אמאל געווען צו גאסט בא א בעל־הבית אין דער שטאט לודקויא האב איך געזען ווי מע האט געבראכט א גאלדענעם טיש וועלכן עס האבן געטראגן זעכצן מענטשן, (אזוי גרויס און שווער איז דער טיש געווען) בא די עקן פונם טיש האבן געהאנגען 16 זילבערנע קייטן, אפן טיש זיינען געשטאנען פיל גאלדענע כלים, שיסלען.

---

דעם שומר שבת. יעדערער דארף שעצן דעם שומר שבת און אים מכבד זיין קענען די מחללי שבת. עס דארף אומעטום סיי אין בית המדרש, סיי אין גאס, זיין קענטיק, אז דער נכבד, דער חשוב איז דער שומר שבת און ניט דער מחלל שבת. יעדער חבר דארף זען צו שטיצן דעם שומר שבת מיט וואס ער קען נאר, אים געבן פארדינען, אים געבן ארבעט. זיינע אנגעשטעלטע דארפן זיין נאר שומרי שבת. עס דארף געגרינדעט ווערן א באנק פאר שומרי שבת. מען דארף אנטיילנעמען אין דעם צער חו״ש פון דעם שומר שבת און זיך פרייען אין זיינע שמחות.

מען דארף זען מאכן מיטינגען, פארזאמלונגען, רעפעראטן, פארלעזונגען און ארויסטרעטונגען אין די בתי מדרשים און עס זאל גערעדט ווערן צו די שומרי שבת דוקא, אופקלערנדיק זיי די וויכטיקייט פון שבת און דעם פארבאנד, גרינדן א צייטונג פון „שומרי שבת" געווידמעט דעם שבת געדאנק, עס דארפן איבעראל געגרינדעט ווערן חברות לומדי הלכות שבת. עס דארף אנגע־נומען ווערן א שטענדיק ענערגישע ארבעט אף אלע אויבנדער־מאנטע געביטן.

עס איז קלאר, אז אזא פארבאנד וועט בע״ה ראטעווען אונזער קריטישע און פארצווייפלטע לאגע, און איך מיין, אז יעדערער, ווער עס האט נאר אביסל פארשטאנד און קימערט זיך וועגן זיין אידישקייט, וועט געווים פארשטיין, אז קיין אנדער אויסוועג האט ער ניט, ווי נאר ווערן א מיטגליד אין דער חברה „שומרי שבת".

שבי

בעבערס אוי פלאשן: אין די כלים האָבן זיך געפונטן די טייערסטע מאכלים, די שענסטע פרוכטן און די שמעקנדיקסטע בשמים. ווען מען האָט דעם טיש אַנידערגעשטעלט האָבן אלע אָנוועזנדע אויס־גערופן — לד׳ הארץ מלואה! — צו ג—ט געהערט די וועלט און אלץ וואס פילט זי אן. נאָכדעם ווי מען האָט דעם טיש אוועקגענומען האָבן אלע אויסגערופן — השמים לד׳ והארץ נתן לבני ארם! — די הימלען געהערן צו ג—ט און די ערד האָט ג—ט געגעבן צו מענטשן. האָב איך אים (דעם בעל־הבית) — זאָגט רבי חייא — געפרעגט צוליב וואס האָסטו זוכה געווען צו אזא רייכטום. האָט ער מיר געענטפערט - איך בין אמאל געווען א איינפאכער קצב און האָב מיר געפירט, אַז יעדע גוטע בהמה וואס מען האָט געבראכט, האָב איך באַהאַלטן אַף שבת איך האב

אים דאַן געזאָגט — רערציילט רבי חייא — גליקליך ביסטו וואס האסט פארשטאנען מכבד צו זיין דעם הייליקן שבת און געלויבט איז ג—ט וואס האָט דיר באַצאָלט פאר דיינע שיינע טאטן.

* * *

ג—ט האָט געזאָגט צו משה רבינו: א טייערע מתנה האָב איך אין מיינע אוצרות באהאַלטן, די מתנה הייסט שבת איך וויל זי שיינקען די אידן גיי משה און טו זיי דאָס מודיע זיין.

* * *

ג—ט זאגט צו די אידן: אויב איר וועט חלילה פארשוועכן דעם שבת וועט עס זיין פאר מיר גלייך ווי איר וואלט פאר־שוועכט אלע מצוות פון דער הייליקער תורה.

* * *

**שרה שעניר ער.**

# דער שבת און די פרוי.

ווען הימל און ערד, און אַלעס אַף זיי, וויינען דורך דעם ג—טלעכן וואָרט באַשאַפן געוואָרן, האָבן זיך אלע באשעפענישן צום דינסט פון בורא געשטעלט. אויך דער מענטש, די קרוין פון דער גאַנצער בריאה איז דורך דעם באשעפער צום לעבן, צום ווירקן גערופן געוואָרן. אָבער זיין דינסט האָט געמוזט זיין ניט געצוואונגען נאָר פון טיפער איבערצייגונג און פריי פון אייגענעם ווילן מיט די באשאפענע ערד לויט דעם ג—טלעכן געזעץ פארוואלטן.

און כדי דער מענטש זאָל ניט פארגעסן אַן זיין באַשעפער, אן ווירקלעכן אייגנטימער, וועלכער האט אים די ערד צום פארוואלטן איבערגעגעבן: כדי דער מענטש זאָל זיך ניט אלס אַליין־הערשער פון דער גרויסער וועלט רערקלערן, און זי לויט זיינע אייגיינע געזעצן; כדי דער מענטש זאָל באם באהערשן אזא גרויסע וועלט ניט בלאָנדזשען: מיט איין וואָרט, כדי דעם מענטש תמיד צו דערמאנען, אז זיין באַרוף איז צו זיין אַן „עבד ה׳“, א דינער פון ג—ט, איז די גאנצע בריאה דורך דעם באשעפער מיט דעם זיבטן טאָג, מיט דעם הייליקן טאָג, מיט דעם הייליקן שבת גע,רוינט געוואָרן. און אָט דער טאג איז פאר דעם מענטשן צו א הייליקטום און צו א ברכה באשטימט געוואָרן, צו א הייליקטום: דער טאג זאל אים רערמאנען, אז השי״ת האָט אים נאר צו זיין דינסט באַשאַפן. צו א ברכה; דער טאג זאל קרעפ־טיקן זיין גוף און זיין נשמה, און אים ווירדיק מאכן זיין הייליקן באַרוף צו טראגן.

שבת איז דער טאג, אין וועלכן דער באשעפער האט זיך פון זיין ארבעט צו דער אומזיכטבארער לייטונג צוריקגעצויגן און די וועלט צום פארוואלטער איבערגעגעב, שבת איז אלזא א דיינקמאל פון ג—טס הערשאפט און מענטשלעכן באַרוף.

ששת ימים, זעקס טעג זאלסטו דיינע ווערק טאן אבער דעם זיבעטן טאג איז שבת, א רו־טאג צו דיין באשעפער; אין אים זאלסטו גאר קיין ארבעט ניט אויספירן.

די וועלט באהערשונג דורכן מענטש ווייזט זיך ארויס אין דעם, וואס ער ארבעט מיט אלע באשעפענישן, און נוצט זיי אויס צו זיין אייגן געברויך. צום עסן, קליידן א. א. וו. דעריבער זאלסטו נאר זעקס טעג אין דער וואָך ארבעטן, די וועלט באַ־הערשן אבער דעם זיבעטן טאָג טארסטו קיין ארבעט ניט טאן, און דערמיט באווייזסטו, אז ניט דיין איז דער טאג, אז ניט דיינע זיינען די אלע באשעפענישן, וועלכע דו באנוצט די גאנצע וואך

אזוי פריי. גיב אין דעם טאג די וועלט דעם באשעפער צוריק, און באוויז, אז דו האסט זי נאר ארויסגעבארגט פון זיין האנט. דעריבער איז יעדע קלענסטע מלאכה וואס דו טוסט אום שבת א פארניינונג פון דעם אלעם, א פארלייקענונג פונם באַרוף פון מענטש־ישראל. שבת איז אַן „אות“, א צייכן פון אלע צייטן, אז דער אלמעכטיקער איז באשעפער און הערשער פון דער וועלט, און דער מענטש מיט זיין גאנץ פארמעגן איז נאר צו זיין דינסט באשטימט געווארן. שבת איז „מועד“, א טאג ארויס־געהויבן פון אלע טעג אין דער וואך. שבת איז „קדש“, צייט־הייליקטום וועלבע הויבט ווידער אויף דעם מענטש צו ג ט. אויב ער האט אין דעם דורך דער וואך פארגעסן. שבת איז „ברית“, א בונד, א אפמאך צווישן ג—ט און מענטש. דער מענטש, וואס בילדעט זיך איין, אז די וועלט איז זיין, אז ער קען טאן, וואס אים געפעלט, רער האט דאס לאנג מיט השי״ צעריסן, שבת איז צולעצט א „ברכה“, וועלכע גיט ליכט אונזער גייסט, ווארימקייט פאר אונזער געמיט, כח, די אלע גרויסע און הייליקע פליכטן צו דערפילן. פונקט אזוי ווי דער שבת איז מקבל פון דער גאנצער וואך, ווי עס שטייט: „מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת“ ווער עס גרייט זיך ע״ש דער עסט אום שבת, אזוי איז שבת אויך רער גרויסער משפיע, אזוי ווי מיר זאגן אין שבתדיקן זהר: „כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין“ יעדער ברכה וואס קומט פון אויבן הייננט אפ אין דעם זיבעטן טאג. שבת האט אין זיך די גרויסע ברכה וואס גיט אונז גייסטיקע און קער־פערלעכע כחות אף א גאנצע וואך.

* * *

ענלעכעס זעען מיר בא דער אידישער פרוי. זי נעמט טאקע נאר דאס, וואס איר מאן ברייננט איר אהיים און גיט איר צום אופהאלטן פון הויז אבער זי איז פונקט אזוי ווי דער שבת די ברכה פונם , ז. ווי נאר זי קען די קינדער אזוי דערציען, זיי זאָלן מיטן גאנצן כח מיט יעדער מחשבה השי״ דינען. זי, נאר זי, קען יעדן מאל אירע טעכטער און זין מיטן תורה־פלאס אדורבנעמען, אז קיין שום פרעמרער איינפלוס זאל זיי פון עכטן אידישן וועג ניט אראפפירן.

אבער דעם כח צו אזא באגייסטערונג קען זי נאר אין געניען שבת־היטן ציען, ווייל שבת איז דאס הארץ פון ישראל.

איר אירישע מאמעס! איר היטערינס און טראגערינס פון

אייער ג—טלעכן באַרוף וואָס עס אנטהאַלטן אין די ווערטער „כה תאמר לבית יעקב“, ווי קענט איר דאָס האַרץ פון ישראל צערייסן? ווי קענט איר ווענן אייער טאָכטערס פאַרדינטע פאַר גראָשן פאַראומהייליקן דעם שבת. לייגן אייער האַנט אַף דעם ג—טלעכן אייגנטום און זאָגן: „אָס איז מיין“!

און איר אידישע טעכטער! צו האָט איר אייך באַקלערט אַז מיט דעם וואָס איר גייט פאַרדינען אום שבת פאַרלייקנט איר אינגאַנצן אייער באַרוף און באַווייזט אַז דער מענטש האָט נאָר חיהשע צילן: באַזיין און געזונט אָבער דאָס דער נאָמען ישראל באַדייט ווייסט איר גאָרנישט!

איר טעכטער ישראלס! איר האָט געוואָלט עדות זיין פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דער באַרוף פון מענטש איז ג—ט צו דינען, צו ווילט איר אָט דעם טייערסטן ישמיק פון ציון, פאַר וועלכן אייערע אבות זיינען אף די שייטערהויפנס געגאַנגען פאַרגעסן פאַר דאָס שמוציקע געלט? צו מיינט איר דען, אַז דאָס אום שבת פאַרדינט געלט וועט אייך זיין צו ברכה, קען דען פון אַ ברכה אַ קללה אַרויסקומען? יאָ איר וועט זאָגן, מען מוז האָבן פרנסה, אָבער צו פאַרשטייט איר דען ניט, אַז דאָס לעבן אָן אידעאַל האָט קיין ווערט ניט? צו פאַרשטייט איר דען ניט, אַז דער וועלט-באַשעפער, וואָס הייסט אום שבת רוען האָט גענוג פרנסה פאַר אַלע?

און זעט ווי השי"ת האָט גוט געקענט דעם שוואַכן מענטש ווען ער האָט באַלד דעם ערשטן פרייטיק די דאָפּלטע חלקים מן אַראָפּגעשיקט, כדי די שוואַכע זאָלן ניט דאַרפן זאָרגן, פון וואַנען נעמט מען אף שבת.

שבת! ברידער און שוועסטער! איר היטן געגוי, און געזונט בלייבט דאָס האַרץ פון ישראל!

„איין שבת ווען אַ גאַנצע קהילה וועט אָפּהיטן, און משיח וועט קומען“.

# דער ערשטער שריט.

## שטימונגסבילד פון דער גרויסער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און דער גראַנדיעזער קונדגעבונג (דעמאָנ-סטראַציע) פון וועלטפאַרבאַנד «שומרי-שבת» אין בערלין. —

פאַרגעקומען איז די קונדגעבונג (דעמאָנסטראַציע) אינם אַלטן פרייסישן העררן-הויז, וואו אַמאָל פלעגן זיך פאַרזאַמלען פריצים און אַריסטאָקראַטן, זיך באַראַטן און אַרויסגעבן זאַקאָנעס.

אַ מאָדנער בילד געווען. אונטער די סימוואָלן פון אַלט-פרייסישער פריצישער מאַכט און אידעאָלאָגיע, וואָס זיינען אויסגעקריצט אַף ווענט און באַלקנס זיצן אידן, אידן מיט בערד און פאות, אידן אָן בערד און פאות, מיט יאַרמולקעס, אין היטלען, שטופּן זיך, רוקן זיך און וואַרטן...

וואָס אַמאָל וועט אײַנגער אַליין. ס'זעט אויס, ווי די פאַרשידענע אידישע טיפּן, וואָס פילן אָן די גאַסן פון דער צענטראַלער מיטל-אייראָפּייאישער שטאָט, וואָלטן געשיקט אַהערצו, ווי אף אַ קאָנגרעס, פאַרטרעטערס-דעלעגאַטן. — נישטאָ קיין אידישער טיפּ פון בערלין, וואָס זאָל ניט זיין פאַרטראָטן אינם זאַל.

וואָס איז די סיבה? — גאָר אַ פשוטע: אַלע האָבן שוין לאַנג געוואַרט אַף אַזאַ געלעגנהייט צו קענען דעמאָנסטרירן, אַז אין וועלכן אידיש-פאַרטייאישן לאַגער זיי זאָלן זיך ניט געפינען, דאָך פאַראייניקט זיי דער לעבעדיקער אינטערעס אין איינעם פון די הויפּט-יסודות פון יהדות: — אינם שבת, און זייער אַ גרויסע צאָל אידן איז דאָ, וואָס זיי האָט געטריבן צו דעמאָנ-סטרירן, אַז זיי ווילן האַלטן שבת, כאָטש זיי טוען דאָס איצט נאָך ניט, ווייל זיי מיינען אַז זיי קענען נישט. עפּעס ווי אַ שטילער ודוי איז קאַנטיק אַף זיי: ווען מיר וואָלטן נאָר קענען, מיטן גאַנצן האַרצן וואָלטן מיר וועלן...

און אין די עטליכע מינוטן, וואָס מען זיצט וואַרטנדיק, אַרומזעענדיק זיך אין זאַל, באַמערקנדיק אפשר באַקאַנטע, מערקט זיך, ווי יעדער טראַכט דורך שטילערהייט, נאָך אַ ביסל דישנדיק פונם טראַמוואַי-היילעניש, פאַר וואָס ער איז דאָ געקומען. עפּעס אַ נישט-קלאָרער געפיל האָט אים געהייסן גיין, ווען ער האָט געזען די אַנאָנסן וועגן דער היינטיקער פאַרזאַמלונג. נאָר צוליב וואָס, מיט וואָסערע כוונה ער זיצט איצט דאָ, דאָס איז אים ביז אַהער געווען עפּעס אומבאַוואוסט, נישט קלאָר, נישט דורכגע-טראַכט. ערשט איצט, ווען ער זעט דעם גרויסן עולם, שפּירט ער באַ זיך, אַז ער מוז דאָ זיין צוליב אָט וואָס: צוליב דער איניקייט פון אַ גרויסער פאָלקסבאַוועגונג אַף דער גאַנצער וועלט וואָס זאָל שטרעבן צו פאַרלייכטערן דעם שמירת שבת. נישט זיין הילף דאַרף האָבן אָט די באַוועגונג, נאָר אים ווייל זי העלפן, אים און זיינע קינדער און זיינע ברידער, שאַפן פאַר זיי די מעג-ליכקייטן פון אַ ווירטשאַפטליך אויסגעהאַלטענער שמירת שבת. און אינם יעדן איינציקן באַזוכער וואַכט ביסלעכווייז אויף אַ געפיל פון אַ מין דאַנקבאַרקייט צו די איניציאַטאָרן פון דער פאַראַנ-שטאַלטונג. —

אָט דער געפיל פון דאַנקבאַרקייט געפינט אַ שטאַרקן, לעבעדיקן אויסדרוק אין דער מינוט, ווען דער באַוואוסטער געלערנטער, דער פּראָפעסאָר באַם הילדעסהיימער סעמינאַר, הרב ד"ר שמואל גרינבערג גייט צום רעדנער-אָרט. דער עולם באַגריסט אים און דאַנקט אים מיט לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן. — קוים עניוותדיק איינגעשטילט דעם עולם, הויבט דער באַגרינער פון דער וועלט-אָרגאַניזאַציע אָן צו ריידן. ער רעדט וועגן שמשון רפאל הירש, וואָס האָט אַמאָל געזאָגט, אַז מיטן שבת שטייט און פאַלט דער גאַנצער יהדות, און פאַר די אויגן פון די צו-הערערס שטייט אויף, אַדאַנק דער גייסטפולער לעבעדיקער שיל-דערונג פונם רעדנער, די געשטאַלט פונם אידיש דייטשן פירער מיט זיין שטענדיקער מלחמה-גרייטשאַפט פאַר דער אידישער טראַדיציע אין די נייע שווערע קולטורעלע און עקאָנאָמישע לעבנס-באַדינגונגען פון דער מאָדערנער צייט. — ס'שטייען אויף די אַלע גרויסע אידישע נשמות, וואָס דאַגהן פאַרן גאַנצן כלל-ישראל, פון גרויס ביז קליין זוכן אים צו האַלטן באַ אידישקייט מיט אַלע מיטלען, און דערהאַלטן באַ אים מיט מסירות נפש די הייליקייט פון דער „נשמה-יתרה“. — און אַלע וואָס זיצן אַרום שפּירן, אַז דאָ מאַרשירט, כביכול, אַן אַרמיי פון זעלנערס קעגן דער מאַטעריעלישער וועלט, דאָ ווערן געטראָגן פון איבערמענטש-ליכע בוחות מענטשן, וואָס דער רושם פון דער שבתדיקער נשמה יתרה איז באַ זיי גענוג שטאַרק, זיי זאָלן מיט אים אַליין קאָנען פאַרהייליקן און דערהויבן דעם לעבן פון אַ גאַנצער וואָך, און אינמיטן דער לויפנדיקער, זיך היילענדיקער וועלט, שטיין „על המשמר“ פאַר אַן איבערוועלטליכן טאָג פון אַבסאָלוטער רו

טער פונם אידנטום אין דעם גליקלעכן לאַנד, וואָס וויסט, אין פלוג, אין גאַנצן נישט פון דעם שבת=נויט. ס'איז הרב טאר פון אוטרעכט, ווען מען קומען אהערצו האָט אַרויסגערופן אַביסל פאַרוואונדערונג בא אַ טייל באַזוכערס. נאָר אַז ער הויבט אָן צו ריידן ווערט מען געוואר, אַז אַפילו אין האָלאַנד איז אויך נישט אַזוי שטאַרק יום=טובדיק, כאָטש קיין גרעסערע שווערקייטן זיינען נישטאָ, איז דאָך אַ באַוועגונג לטובת דעם שבת זייער נויטיק. וואָס איז? — דער שבת איז דאָרטן אַריין אין אַ פאָרם פון „מצות אנשים מלומדה" מען האָט אינם אַ ביסל פאַרוואָרפענעם לאַנד שוין עטוואָס פאַרגעסן אָן דעם, אַז שבת איז א יסוד, וואָס פאַראייניקט דעם גאַנצן אידישן פאָלק. נישטאָ, ווער עס זאָל אופמינטערן און שטענדיק קאָנען אָנווייזן מיט די הענט, אַז, ווער נאָר עס גייט אַרויס און איז מחלל שבת אַפילו אינם פאַרוואָרפענסטן, קלענסטן אידישן ישוב ערגעץ=וואו, רייסט ער זיך דערמיט אָפּ פון אַ געוואַלדיק גרויסע מאַסע שומרי שבת אָף דער גאַנצער וועלט, און ווערט אָן דעם צובונד צו מיליאָנען אידן. עס פעלט אויך: ווער עס זאָל דעם שומר שבת אַריינגעבן דעם אחריות=געפיל וואָס וואַקסט פונם פאַקט גופא, אַ ער האַלט פאַרמאַכט זיין געשעפט אום שבת. און מוז דעריבער באַשעפטיקן וואָס מער אידן, און עקאָנאָמיש זיין פאַרקניפּט מיט אחים=לדעה אַף דער גאַנצער וועלט.

דאָס איז אַ נייער געזיכט בנוגע צו די אופגאַבן פון פאַרבאַנד. דער עולם אין זאַל באַמערקט דאָס און טראַכט בא זיך: צו האָב איך געטאָן מיין פליכט אַלס שומר=שבת? — צו האָב איך אין געשעפטליכן לעבן גענומען די גענוגענדע ריקזיכט אַפן צווייטן שומר שבת? — צו האָב איך אַלעמאל געגעבן אַרבעט בעסער אַ שומר שבת איידער אַן אַנדערן? —

עס איז דער ערשטער מוסר, וואס ווערט דא אומדירעקט געזאגט, און ער האט א גרויסע ווירקונג אפן פובליקום.

אָבער פונקט ווי מען וואָלט דאָ פאַרביטן די ראלעס קומט דער ערנסטער מוסר ווידער ארויס פון א סוחר, ווענעם נאָמען איז באוואוסט אין דער גאנצער וועלט, ד״ר עמיל הירש פון האלבערשטאַט איצט אין בערלין, דער פאָרשטייער פונם גרויסן וועלט=קאָנצערן זאָגט ארויס אין קלאָרע קורצע ווערטער זיין איבערצייגונג וועגן שבת. שבת, זאָגט ער, איז דער „אבן הבוחן" אונזערער אין גלות. די קרבנות פאַר שבת פארנעמען היינט דעם אָרט, וואס קרבנות אמאָל אין בית המקדש. און קרבנות דארפן היינט געבראכט ווערן פארן צווייטן שומר שבת. — און א קרבנות=גרייטשאפט לייכטעט אין זיין צורה.

און א פארטרעטער פון דער צווייטער גרעסטער קהילה אין דייטשלאנד, ה' העקשער פון האמבורג הויבט אָן ריידן וועגן די אופגאבן כלפי דעם יונגן דור, וועגן די אָנשטריינגונגען וואָס מען דארף מאכן אים צו פארלייכטערן די שמירת שבת.

אַ דעמאָנסטראציע וואלט שוין אויך געהויבן דעם מוט פון שומר שבת וואס שטייט ווי א סאלדאט אף אן איינזאמער פאָזיציע אין פראָנט און האלט מלחמה.

מיט א גרויסער וועלט פון עקאנאמישע פאָדערונגען און אמביציעס, — א דעמאָנסטראציע גופא וואָלט אים שוין אויך שטארקן און געבן אים דאָס געפיל, אַז ער איז ניט איינזאם, ניט איינער אליין...

נאָר דאָ איז געווען אַסך, אסך מער ווי א דעמאָנסטראציע. דאָ איז געשאפן געוואָרן א היסטאָרישער פאקט פון זייער א גרויסער וויכטיקייט, עס איז געמאכט געוואָרן א צוזאָג, א הבטחה צו דער גרויסער ברייטער וועלט. און די עדי ראי' פון דער קונדגעבונג האָבן דאָס געשפירט אזוי בולט שטארק, אַז זיי האָבן זיך מאסנווייז אפן אָרט פארשריבן אין אָרגאניזאציע, מיטצוהעלפן אין דער פראקטישער ארבעט, וועלכע איז באלד אין א שעה דערנאָך אָנגעהויבן געוואָרן.

ניט די אָרגאניזאציע האָט אים געטריבן, נאָר דער שבת.

און דעריבער איז אויך בא די ווייטערדיקע שריטן. ניט די אָרגאניזאציע טראָגט דעם שבת, נאר דער גרויסער שבת געדאנק טראָגט די אָרגאַניזאַציע.

# א באנק זיך געשלאסן אום שבת דורך דער ווירקונג פון „שומרי שבת".

פאַראַן אין ריגע, אַף זינדער גאַס אַ אידישער באַנק, שבת פלעגט די באַנק זיין געשלאָסן.

מיט אַ געוויסער צייט צוריק, האָט אָבער די באַנק אָנגעפאַנגען צו אַרבעטן אום שבת.

די „שומרי שבת„ האָבן זיך דאַן געווענדעט מיט אַ שריפטלעכן מעמאָראנדום צו דער פאַרוואַלטונג פון באַנק, מיט דער בקשה, אַז שבת זאָל די באַנק זיין געשלאָסן.

די פאַרוואַלטונג, באַהאַנדלענדיק די פראַגע אַף אַ זיצונג, אַף וועלכער עס איז אויך אָנוועזנד געוועזן אַ דעלעגאַציע פון „שומרי שבת" האָט באַשלאָסן, אַז די באַנק זאָל זיין געשלאָסן, און אַז קיין פאַרוואַלטונג זאָל ניט קענען ווידער עפענען דעם באַנק אום שבת, זאָל וועגן דעם באַשלאָסן ווערן אַף אַן אלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז טאַקע פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון באַנק.

אַף דער פאַרזאַמלונג זיינען מיט רעדעס וועגן דער פראַגע, אַרויסגעטראָטן דעלעגירטע פון „שומרי שבת", נאָך וועלבע די פראַגע איז אָפּגעשטימט געוואָרן, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז די באַנק זאָל שבת זיין געשלאָסן.

פאַר דעם פאָרשלאַג האָבן געשטימט אַלע אָנוועזנדע מיטגלידער פון באַנק, געגן — נאָר 2 פּערזאָן.

זאָל דער באַשלוס פון באַנק זיין אַ מוסטער אויך פאַר אַנדערע.

# דאס קען דאך יעדער!

איינע פון די אופגאַבן פון יעדן שומר שבת איז צו אונטערשטיצן דעם צווייטן שומר שבת, סיי מאראליש און סיי מאַטעריעליש.

אַזאַ אונטערשטיצונג ווערט געגעבן, יעדן שומר שבת, וועלבער האָט אַ געשעפט, ווען מען גיט אים צו לייזן, דערפאַר ווייל ער איז אַ שומר שבת.

דער שומר שבת זעט דאַן, אַז אויב עס ווערט, ווי ער מיינט, פאַרקלענערט זיין לייזונג, דורכדעם וואָס שבת קויפט די גויאישע קונדשאַפט ביי אַן אַנדערן, פאַרגרעסערט זיך אָבער דורכדעם אינדערוואָכן זיין לייזונג פון אידן.

ער זעט דורכדעם אויך, ווי די אידישע באַפעלקערונג איז וואַרעם צו דעם שבת בכלל, און צו דער אונטערשטיצונג פון דעם שומר שבת בפרט, וואָס עס ווירקט אַף אים מאראליש זייער שטאַרק.

די אונטערשטיצונג קען יעדער איד לייכט טאָן, און דארף עס אויך טאָן.

זאָל, דעריבער יעדער איד זען טאַקע זיין פליכט צו ערפילן, און בא יעדער מעגלעכקייט געבן צו לייזן דעם שומר שבת.

# וואס וויל ,שומרי שבת׳

## א) שומרי שבת

וויל צוריק אופשטעלן דעם שבת אין זיין גאנצן גלאנץ און געטלעכער קדושה, דערמאנענדיק שטענדיק אונזערע ברידער־אידן די פאַרערונג פון דער

## אבסאלוטער רו און הייליקייט פונם שבת

ווי א גרונט־געדאנק פון אונזער תורה הקדושה און פון אידישן לעבן. דער שבת זאָל ווייטער פאַרמירן דאָס געשטאלט פון אונזער לעבן. דער שבת זאָל פארשענערן און געבן א באזונדער חן אלע אונזערע שאפונגען און דער גייסט פון קדושה פון געטלעכער הויבקייט זאָל זיך אָפשפיגלען אויך אין דעם אלטעגלעכן פראקטישן וואָכעדיקן לעבן.

## ב) שומרי שבת

### וויל ווירקן אף די געזעצגעבערישע אנשטאלטן

דאס בא דער אויסארבעטונג פון געזעצן וועלכע רירן אָן דעם שמירת שבת (ווי דער געזעץ וועגן צוואנגס זונטיק־רו, נאָרמירונג פון דער ארבעטסצייט. פארטיידיקונג פון די ארבעטער און אנגעשטעלטע־רעכטן ארבעט־לוין א. א. וו.) זאָלן גענומען ווערן אין אכט די לעבנס־אינטערעסן פון די שומרי שבת, און אויך זען צו ווירקן אף די מלוכהשע און זעלבסטפארוואלטונגס־אנשטאלטן אז זיי זאלן באשעפטיקן ארבעטער און אָנגעשטעלטע שומרי שבת, וועלכע וועלן ארבעטן אנשטאט שבת דעם זונטיקדיקן טאָג.

## ג) שומרי שבת

וויל זיכערן די עקסיסטענץ פון די זעלבסטשטענדיקע סוחרים וועלכע זיינען ש״ש

## ד) שומרי שבת

וויל גרינדן קרעדיט־אנשטאלטן צו שטיצן די שומרי שבת אף א פולשטענדיקן קאמערציעלן יסוד.

## ה) שומרי שבת

וויל גרינדן קאָאָפעראטיוון פון האנטווערקער און סוחרים

## ו) שומרי שבת

וויל שאפן פארזיכערונגס־קאסן פאר ארבעטער און אנגעשטעלטע שומרי שבת קעגן ארבעטסלאָזיקייט, שטעלן־פארלוסט א. א. וו.

# וואו האב איך זיך איינצוקויפן?

## אין די געשעפטן וואס זיינען שבת געשלאסן

# מאנופאקטור־ווארן

אקצ. געז. ב. ליפשיץ און קאמפ.

מאנופאקטור נידערלאגע

ג. ר. זינדער גאס 8 טעלעפאָן 22851.

מאנופאקטור־לאגער

גרויסער אויסוואל פון פארשידענע מאנופאקטור־סחורה

י. פרידמאן

מאריען־גאס 8 טעל. 27347.

שטענדיק אפן לאגער א גויסער אויסוואל פון
פארשידענע מאנופאַקטור-סחורה

מערע ליפשיץ,

ווילן־גאס 72 טעל. 31029

מאנופאקטור ווארן האנדלונג

י. ז. בירנאוו

ריגע הערן־גאס 30a דירה 16 איינגאנג דורכן הויף
1 טרעפ טעלעפאָן 20441

ליגט פאר א סארטירטן אויסוואל פון זעמטלעכע
מאנופאקטור ארטיקלען

מעסיקע פרייזן גינסטיקע באדינגונגען

מאנופאקטור האנדלונג

ש. גרונס און ח. מיימין

ריגע קורמאנאוו־גאס 6a

טעלעפאנען: 32967, 26085.

ספעציעל מאנופאקטור-לאגער

פון פארשידענע בוימוואָל און וואָלן־ווארן ווי אויך
פארשידענע זיידנס

פרייזן פייגע קאדעש מאריען־גאס 72.

י. שער

ריגע קליין שמידן גאס 20
טעל. 32069 פריוואט 29645

אויספערטיקונגען פון עלעגאנטע
הערן און דאמען גארדעראבן

נעמט אן אנגעשטעלטע דורכן ארבעטס־ביורא בא „שומרי שבת"

# י. די. הוטנער

הערן־גאס 29

**אנגרא** **אנגרא**

לייגט פאר א רייכן אויס־
וואל פון זעמטלעכע גא-
לאנטעריי און מאדע
ווארן

מאנופאקטור האנדלונג

# א. קארעליץ און זין

ריגא גר. קעניג-גאס 32 №. טעל. 21835

**אפטיילונג:**

דווינסק זונען־גאס (פעטערבורגער) 37 № טעל. 348

# מאדע גאלאנטעריי און שטריקווארן

## מ. קראן

גר. זינדער גאס 25 — געגרינדעט אין 1868 יאָר.

מאָדע ווארן און וועש אין עקסטרא אָפטיילונגען. מאָדע־אָפטיילונג.

**דאמען־וועש אָפטיילונג:** פראמפטע און ביליקסטע אָנפערטיקונג פאר אויסשטייערן א. א. וו.

**הערן־וועש אָפטיילונג:** לאגער פון אויבער־העמדער קראגן אין בייסטע פא־סאָנען מיט אָנצערטיקונג נאָך מאָס און נאָך אייגענע מאָדעלן.

**איינגעטראָפן:** זיידענע שאַלן און טיכער, זיידענע שפיצן, וואלאנס, שטרימף פון פלאָר, דאָפלט־פלאָר און וואַש־זייד אין די בעסטע קוואַליטעטן א. א.

---

גאלאנטעריי־ווארן געשעפט

## ס. דאווידאוויץ

הערן־גאס 28

איך לייג פאר א רייכן אויסוואל פון פארשידענע קורץ און מאָדע ווארן, שטרימף, זאקן פון אייגענער אויסארבעטונג צו ביליקע פרייזן.

א נ ג ר אָ

---

אנגרא לאגער פון גאלאנטעריי

קורץ־ווארן ווי אויך טריקאטאזש און וועש

## יצחק קאצין ריגע

מאריען־ג. 13 (כאזר בערג)

ביליקע פרייזן. — א גרויסער אויסוואל.

---

גרויסער אויסוואל פון וועש, מאדע און גאלאנטעריי ווארן האנדלונג

**מלך כץ** פרייהייטס־גאס 10

אויך לעדער־טאשן און טשעמאדאנען אלער גרויסן

ביליקע פרייזן. — ראיעלע באהאנדלונג

---

## ה. זעלבאוויץ

מאטיי־גאס 36 טעלעפאָן 91731

א רייכער אויסוואל פון פארשידענע שטריק־ווארן צו ביליקע פרייזן. קאסטיומען, זיידענע יאַקן און וואָלענע געשטריקטע יאקן.

---

## ל. קאצמאן

וועבער־גאס 6 טעל. 23444

אוים ארבעטונגען פון פארשידענע שטריקזאכן, לאגע פון שטרימף, טריקא און זיידענע געוועב.

אנגראָ — דעטאַל

---

# לעדער און רויכווארן

## ד. פערלמאן

אַספאַזיע בולוואַר 9 — טעלעפאָן 23565.

קויף צו העכסטע פרייזן

רויכווארן און פעל און

פארקויף פארטיקע פעלץ־ווארן

שטענדיק אַ רייך אַ סאָרטיקער לאגער אין פאַרשידנאַרטיקע אין־ און אויסלענדישע

פעלץ פעלן פאר קראגן און גארניטורן

מעסיקע פרייזן — ראַיעלע באדינונג

---

## מ. ב. מיילאר

אימפארט עקספארט — קאָמיסיאָן

רויכווארן־האר־פעל

ריגע, קאלק־גאס 18 וו. 1 — טעל. 21831.

פיין לעדער ווארן ווערקשטוב

# ג. ענטין

שפריינק גאַס 2 וו. 29.

ליגט פאר אין א גרויסן אויסוואל פארשידענע פיין לעדער אויס-ארבעטונגען ווי פארטפעלן, דאמען-טאשן, בריוטאשן און אנדערע.

אנגראָ ביליקע פרייזן

לעדער האנדלונג

# י. לוריע און קאמפ.

פארטרעטער פון דער אקצ. געז. פון דער ליבווישער לעדער-פאבריק „קאראנא"

שווים גאס 10|12 טעל. 21294 פריוואט טעלעפאנען: 28069, 31574

# מ. הירשבערג און זין

ריגע גר. קעניג-גאס 45 טעל. 22600.

קויף אלע סארטן רויכפעלן.

# אייזן ווארן

אלט אייזנהאנדלונג

# קליינשטיין

שפריינק גאס 35
טעלעפאן 32713

קויפט און פארקויפט פארשידענע אייזן, מעטאלן און געברויכטע מאשינען

צאלט די העכסטע פרייזן.

קויף אלערליי אייזן און זעמטלעכע מעטאלן, יעדן קוואנטום צו די העכסטע פרייזן.

# י. כץ

קר. באראָן גאס 72

טעלעפאן 32329, 91470.

# עלעקטרישע און געשיר

געשיר און לאמפן האנדלונג

# ש. יאדלאווקער

ריגע מאריען-גאס 2 טעלעפאן 28352

אנגראָ דעטאַל

# זלמן הורוויץ

גר. ניי-גאס 12

ליגט פאר אן אויסוואל פון אלע סאָרטן געשיר סערוויזן פארצעליי, גלאז, אלומין א. ד. ג.

צו פסח

גאראנטירט פאר נים געניצטע

# אמפערע



זינדער גאַס 25.

ליגט פאר

עלעקטרישע פלעט-אייזן, 10 לאט.

2 יאר גאראנטיע.

# קאפע און ציקאריע פאבריק

# „אלען“

אינהאב. **ה׳ מייטיז** און זין

רינע ריטער=גאס 52 טעל. 31128

ארבעט אויס פארשידענע סארטן קאפע, ציקאריע וועלכע איז אלוועלטלעך באוואוסט

שאקאלאד־וואנילנע־קאפע „אלען, „קאפע־לאימא“ ,קאפע־מאקא־

אלען“ שאקאלאדנע ציקאריע „אלען“ און פיל אנדערע באַ־

ליבטע סארטן.

---

אנגרא — אנגרא

קאלאניאל־האנדלונג

# ז. לעווין און א. קאוונער

קליין מינסטערי־גאס 5. טעלעפאָן 20837.

ליגט פאַר פארשידענע קאָלאָניאל=ווארן.

שטענדיק אפן לאגער איינגעטראָפענע רוסישע געטריידע.

**קאר.עקטע באַהאַנדלונג.**

---

# מ. דאדזיז

מאריען=גאס 82—84

## קאלאניאל און מעל האנדלונג

אַנגרא — דעטאַל

---

האניק } **כשר לפסח**
עסיק } אף למהדרין בהכשר הרבנים דפה רינא

צו באקומען בא **י. הורוויץ** מילן=ג 161

באשטעלן דורכן טעלעפאן 31721

---

## קאלאניאל האנדלונג

# מ. לייבאוויץ

רינע מארשטאל=ג. 20

---

ערשטע ריגער גלאז שלייפעריי

# מ.דאנכיז

ריזינג=ג. 39 עקע קארל=ג.

עס ווערן געשליפן פארשידענע גלאָז=זאכן אף אלערליי מוסטערן.

---

דערמיט מעלד איך די געערטע קונדשאפט דאס

רעם יאָר פארקויף איך בא הערן **מ. דאדזין**

לאָקאל מאריען=גאס 82—84

# גוטקינס מצה

**צו פאבריק פריזן**

**א. טולבאוויץ** טעלעפאָן 34662

פאַדערט איבעראַל

# געדיינקט!

פאַדערט איבעראַל

אז שוין פון 1910 יאָר איז מיינע געפּרעסטע קערן־זייפע מיט די פּאַבר. מאַקע
(אדלער מיט א מגן דוד)

## אנערקענט געוואָרן פאַר די העכסטע קוואליטעט

איבער א נאָכפעלשונג מצר א אונקארעקטן קאָנקורענט האָב איך אין 1928 געענדערט דעם נאָמען אף „ר ע נ אַ מ ע“
איך בעט ביים איינקויפן צו אכטן, אף די פאַבריקס־מאַרקע וועלכע איז געזעצלעך פּאַטענטירט געוואָרן לויט נומער 4625.

זייפן־פאַבריק

## „רענאַמע“

געגר. אין 1903.

א י נ ה א ב ע ר

## ח. יפה.

ריגע, גערטרוד־גאַס № 90. טעל. № 26322

# פּאַפּיר נידערלאַגע

אקצ. געז. **ז. מ. כהן** און קינדער

ריגע גר. שווים־גאַס 26—28 טעל. 23974.

קאָלאָניאַל וואַרן האַנדלונג

# אייזעלאָוויטש

מאַריען גאַס 19.

איך לייג פאַר פאַרשירענע קאָלאָניאַל־ וואַרן און שטעל צו־
צום באַפאַרשטייענדען יום־טוב אלע פּסחדיקע אַרטיקלען צו
מעסיקע פּרייזן.

אייל פאַבריק

# ז. טולבאָוויץ

שטערן־ג. 2 אייגענע הויז טעל. 92187
לייגט פאַר פאַרשידענע ערשטקלאַסיטע אײלן און
פערנעץ **פון אייגענער פאַבריק**
**צו ערמעסיקטע פּרייזן**

# י. שאַדאָוו

## מעבל געשעפט.

איך לייג פאַר פאַרשידענע מעבל אף גוטע באַדינגונגען.
מערקל־גאַס 1 (אריינגאַנג פון מאַריען־גאַס) טעל. 20633.

## מעבלירטע צימערן

כשר שפּייזן.

# סקאַבלע

מאַריען־גאַס № 6. טעלעפאָן 29989.

גאָלד און זילבער אורן געשעפט

# ש. פירקסער

מאַריען־גאַס 9

לייגט פאַר אורן גאָלד און זילבער צו צוגייענגלעכע פּרייזן
איך רעפּאַראַטורן ווערן פּראַמפּט און שנעל אויסגעפירט


געזעצט דורכן מיטגליד פון „שומרי שבת“ יר. קווין


ארויסגעבער: ארג. „שומרי שבת“.
רעדאַקטאָר ל. ווילער.

D. Apta Spiestuve Rigā, Parka ielā №1-a

DER ŠABOS

Cena 20 santim.

# דער שבת

## חודש זשורנאל

אדרעס פון רעדאַקציע:!
ריגע מערקל-גאס 9 ד. 4.
אָרגאַניזאַציע „שומרי שבת“ ריגע

פרייז פאַר איינצל-פאַרקויף 20 סאַנטים.
פרייז פאַר אַבאָנעמ. 2 ל. 50 ס. א יאָר.
פרייז פאַר אַנאָנסן 32 ס. שורה פעט.

Redakcija: Riga, Merkela iela 9 dz. 4. Talr. 20624.
P. K. 568.

№ 2 | Rigā, jūnijs 1929. | ב״ה ריגע, סיון תרפ״ט | ערשטער יאָרגאַנג

## № 2

## א י נ ה א ל ט:

1) מחודש לחודש.
2) די פאָעזי פון שבת. גדליהו בובליק.
3) דער שבת. הר״הג ר׳ שמשון רפאל הירש ז״ל
4) צו די אידישע פרויען. עזריאל קארלבאך.
5) שבתדיקע פטרל. ה. ספיר.
6) צו די אידישע עלטערן. ח. מ. חאדאקאוו.
7) די אלגעמיינע פארזאמלונג פון „שומרי שבת“.
8) פון דער „שומרי שבת“ באוועגונג.
9) השבת. ר׳ צבי הירש ליפשיץ.
10) נאטיצן. שמ. וויטענבערג.
11) פארן אידישן קינד.
12) ידיעות

אנגרא

אנגרא

פאפיר נידערלאַגע

ו. פיטער ריגע זינדער-גאס 26 טעלעפאָן 29689

פאפיר און שרייב־ווארן ——— קאנווערטז-פאבריק

# טעגליך פרישע געבעקס

ביסקוויט. | טארט. | טיי געבעק.

אלעס פון בעסטן קוואליטעט

## ט. באראן

אפטיילונגען { מאריען-גאס 21a טעלעפאן 28475 / שארן-גאס 20 " 31608 / פרייהייטס-גאס 10 " 26729

ווי אויך אפן שטראנד מאיארנהאף יאמען-גאס 50 ═══ בילדערלינגסהאף גר. פראספעקט 55—57

אנגרא | אנגרא

קאלאניאל-ווארן האנדלונג

## ז. לעווין און א. קאוונער

קל. מינסטערייג. 5 טעל. 20837

לייגט פאר פארשידענע קאלאניאל-ווארן. שטענדיק אפן לאגער איינגעטראפענע רוסישע געטריידע. קארעקטע באהאנדלונג.

קאלאניאל-ווארן האנדלונג

## מענדל לייבאוויץ

רינע מארשטאל-ג. 20 טעל. 23948

לייגט פאר פארשידענע קאלאניאל פראדוקטן.

איינגעטראפן גוטע ווייצענע מעל פירמע „צעפעלין"

שטענדיק פרישע סחורה קארעקטע באהאנדלונג.

שלאסער מעכאנישע ווערקשטוב

## ב. בעליאיעוו

רינע נאגאל-גאס 6—4

פארטיק אויס ספעציעל פאר האלץ אינדוסטריעלער

פאסערן, אטבאיען, מערלאוועקעס, שאבלאנען און פארשידענע אנדערע שלאסער ארבעט.

עס ווערן אויך אנגענומען רעפאראטורן

איך נעם אן פארשידענע

## מאטראצן-ארבעט

ווי אויך רעפעראטורן צו ביליקע פרייזן

## כ״ץ שפריינק-גאס 57

אנגרא | דעטאיל

אייזן און שטאל-ווארן האנדלונג

## יאדלאווקער און בארענבוים

ריגע גר. זינדער-ג. 27 טעל. 22111

אנגרא | דעטאיל

מאטראצן-מאכער

## ז. ניבינסאן

נאנאל-גאס 6

פארטיקט אויס מאטראצן ווי אויך נעמט אן רעפעראטורן.

אלץ ווערט ביליק און פראמט אויסגעפירט.


## פון דער רעדאקציע „דער שבת".

אזוי ווי מערערע ארטיקלען זיינען אנגעקומען צו שפעט האט אין דעם נומער ניט געקענט אריין די [redacted]צע מאטעריאל.

מיר בעטן אלע אונזערע געערטע שרייבער רעכטצייטיק צו שיקן זייערע מאטעריאלן. אלע ארטיקלען מוזן אריינגעשיקט ווערן א וואך צייט פארן ערשיינען פון זשורנאל.


עס ווערט געזוכט א דירה פון 10—12 צימערן אין ראיאן פון מאריען ביז פרייהייט (אלעקסאנדר) גאס מעלדן אין ביורא „שומרי שבת" טעלעפאן 4-2-6-0-3


ערב שבועות — עירוב תבשילין.

## ליכט-בענטשן

ערב שבועות 58 אף 9, פ׳ נשא 2 אף 10.

פ׳ בהעלותך 2 אף 10, פ׳ שלח 59 אף 9.

DER ŠABOS

Cena 20 santim.

# דער שבת

## חודש זשורנאל

פרייז פאר איינצל=פארקויף 20 סאנטים.
פרייז פאר אבאָנעם. 2 ל. 50 ס. א יאָר.
פרייז פאר אנאָנסן 32 ס. שורה פעט.

אדרעס פון רעדאקציע:
ריגע מערכל-גאס 9 ד. 4.
אָרגאניזאציע „שומרי שבת“ ריגע

Redakcija: Riga, Merkela iela 9 dz. 4. Talr. 20624.
P. K. 568.

| № 2 | Rigā, jūnijs 1929· | ב״ה ריגע, סיון תרפ״ט | ערשטער יאָרגאנג |
|---|---|---|---|

# מחודש לחודש.

## א.

## שטימונגען פון דער אלגעמיינער פאר־זאמלונג.

מיר האָבן אָנגערופן דעם קעפל פון לייטארטיקל „מחודש לחודש“, ווייל דעם דאָזיקן אָרט וועלן מיר שטענדיק ווידמען דער טעטיקייט און שאפונג פארן לעצטן חודש אין דער „שומרי שבת“ באַוועגונג בכלל און דער ארבעט אין אונזער אָרגאניזאציע בפרט. מיר וועלן זיך מאכן א שטיקל חשבון און פרואוון מאכן א סך־הכל פאר א חודש ארבעט, מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אף די הויפט פונקטן אף וועלכען עס האָט זיך קאָנצענטרירט אונזער טעטיקייט און אף די געביטן אף וועלכע מיר האָבן מיט אונזער ווירקן און שאפן מער אָדער ווייניקער אופגעטאָן. דורכנעמענדיק אין קורצע שטריכן דאָס וואָס מיר האָבן געטאָן וועלן מיר פאר זיך האָבן א קלאָרן בילד און פאָרשטעלונג ניט נאָר פון דעם וואָס אן אָרגאניזירטער כח קען אופטאָן, נאָר אויך פון דעם וואָס אן אָרגאניזאציע דארף לייסטן — פון דעם וואָס אונז פעלט נאָך און וואָס מיר דארפן נאָך דערגרייכן מיט דער הילף פון אונזערע חברים, פון אונזער אידייאישן מיטארבעטער אָדער מיט דער הילף פון גאנצן אידנטום בא אונז אין לאנד.

איבער א חודש איז פארביי זינט עס איז דערשינען דער ערשטער נומער פון אונזער זשורנאל אין לייטארטיקל פון וועלכן מיר האָבן געזאָגט, אז אונזער געדרוקטער וואָרט וועט זיין א פארבינדונגס קראפט צווישן אונז און דער מאסע, אז דער גע־דרוקטער וואָרט וועט פאראייניקן די אלע וואָס זיינען אזוי וויט איינער פון אנדערן, אָבער גלייכצייטיק אויך אזוי נאָענט אין אידיי און שטרעבונג — אָט דער געדרוקטער וואָרט אין וועלכן די אלע נאָענט־ווייטע געפינען דעם אלגעמיינעם וואָרט וועלכן זיי ווילן הערן און די וועגן צום ציל צו וועלכן זיי שטרעבן רייסט איבער די אלע אנגענומענע באגריפן פון וייט און נאָענט און די השגה פון מרחק פארשווינדט אינגאנצן — דער געמיינזאמער וואָרט האָט אלעמען איינג פארבונדן און אין אים האָט יעדער געפונען דעם דערנעענטערונגס כח און דערהערט די שטים וואָס איז אים אזוי נאָענט און ליב צום הארצן.

אָט דאָס האָבן מיר געזען אף דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון אונזערע מיטגלידער, וועלכע איז פאָרגעקומען מיט א חודש צוריק. מיר האָבן געזען, אז „שומרי שבת“ איז ניט קיין חברה אף אן אספה פון וועלכער עס קומען געציילטע מיטגלידער, אז „שומרי שבת“ איז ניט עפעס אן אָרגאניזאציע וואָס יחידים זיינען מיט פאראינטערעסירט — מיר האָבן געזען, אז „שומרי שבת“ שטעלט מיט זיך פאָר א כח הינטער וועלכן עס שטייט אן אָרגא־ניזירטע מאסע. די אלגעמיינע פארזאמלונג האָט אונז באוויזן, אז אלע ברייטע שיכטן שטייען ניט נאָר נאָענט צו אונזער באוועגונג, נאָר זיי ווילן אויך נעמען אן אנטייל אין אונזער ארבעט. דער פיל־צאָליקער עולם, וואָס איז געווען אָנוועזנד אף דער פארזאמלונג האָט אונז געוויזן אז לא אלמן ישראל, אז אפילו בא אונז אין ריגע זיינען דאָ סוחרים, ארבעטער און האנטווערקער וואָס די שומרי שבת באוועגונג איז זיי טייער און זיי ווילן מיטהעלפן דער דורכפירונג פון די פלענער וואָס „שומרי שבת“ האלט אין פאר־

# אידישע פרויען! שטעלט זיך. אין די רייען פון דער „שומרי שבת“ באוועגונג.

ווירקלעכן. און מען האט טאקע געזען אז „ברוב עם הדרת מלך“ — אנדערש איז די פראכט און שיין פון דער שבת המלכה ווען עס קומען איר אפגעבן כבוד הונדערטער אידן וואס זוכן אן עצה ווי אזוי צו ראטעווען די מרגניתא טבא, אז זי זאל חלילה ניט גיין צום גרונט אין די רוישנדע און ברויזנדע וואסערן פון איצטיקן לעבן. און שטארק איז געווען דער איינדרוק ווען עס האבן זיך צונויפגעקליבן אידן מכל המינים כדי צו ריידן וועגן א דבר העומד ברומו של עולם און זיך ארויסזאגן וועגן דעם וואס מען האט געטאן און וואס מען האט נאך צו טאן. האבן זיך טאקע ארויסגעזאגט סוחרים וואס פירן געשעפטן וועגן דעם ווי אזוי זיך צו שטעלן קעגן דעם חילול שבת און אופגעוויזן האבן האנטווערקער און אנגעשטעלטע אז דורכן היטן שבת ליידן גאר־ניט די געשעפטן און די ארבעט קען זיך פירן אויך אן א חילול שבת. זיינען טאקע די הארציקע און באגייסטערטע ווערטער פון ריגער רב שליט״א געווען נכנסים אל הלב און געהאט די נויטיקע ווירקונג.

געוויזן האט אונז די אלגעמיינע פארזאמלונג אז נאך א צוזאמענקומען זיך ווערט מען בא זיך שטארקער, מונטערער און לעבעדיקער, מען פילט זיך דערהויבענער און מען טרעט צו מיט מער התלהבות און א שטארקערע איבערגעבענהייט צו דער ארבעט. מען גיט זיך אפ א דין וחשבון פון וועלכן מען זעט געוויינטלעך אז מען האט נאך דעם חוב ניט ממלא געווען און מען האט נאך אסך וואס פארפעלט, און עס בלייבט בא זיך א הסכם צוצוטרעטן ענערגישער צו דער ארבעט. א רוח חיים איז אריינגעבלאזן געווארן אין די פארזאמלטע און נייע כחות האבן זיך איינגעפונען וואס האבן דערפילט פאר א חוב זיך אקטיוו צו שטעלן אין דער ארבעט פון „שומרי שבת“ און צולייגן א ציגל צו דעם בנין וואס איז דער יסוד פון אידישן פאלק.

פעסטער, אנטשיידענער און מוטיקער גייט ארוים נאך אזא צוזאמענקומען זיך דער שומרי שבת מיטגליד אין גאס כדי צו פראפאגאנדירן דעם שמירת שבת צווישן די וואס זיינען אין דעם שבת שוואך געווארן. ניט קיין סתם מוסר זאגן גייט ער און ניט אפקומען מיט קיין שטראף רייד אליין וויל ער — ניין, זיין אופגאבע איז א פיל וויכטיקערע און ערנסטערע — ער גייט ראטעווען נשמות, אידישע נשמות וואס האלטן באם אונטערגיין, נשמות וואס די רוישנדע כוואליעס האלטן באם מיטשלעפן מיט זיך. מוז ער ארויסשלעפן פון דעם שמוציקן זומפ און צארטע איידעלע נשמות מוז ער דערהויבן צו זייער קדושה, צו זייער שטאלץ און פראכט. און אויב מיט דעם דאזיקן באשלוס און מיט דער דאזיקער ענערגיע וועט יעדער איינער פון אונז זיין דורכגעדרונגען אין שטוב און אין גאס, אין בית מדרש און אין געשעפט — דאן קענען מיר זאגן: „שטארק זיינען מיר און שטאלץ זיינען מיר מיט דעם וואס מיר פארמאגן“.

ב.

## נאך דער פארזאמלונג אין באנק אף העניג־גאס.

און נאך א זאך האבן מיר געזען
מיר האבן געזען ווי וויכטיק עס איז געווען אונזער ארגאניזירונג, מיר האבן געזען די נויטווענדיקייט פון אונזער ארגאניזאציע, וואס וועקט און רופט צו שמירת שבת סיי דעם פרט סיי דעם כלל, מיר האבן געזען די וויכטיקייט פון „שומרי שבת“ וואס פאדערט אפצוהיטן דעם טייערן אוצר. די ארג. „שומרי שבת“ האט אופגעוועקט די פראגע וועגן דעם, אז די אידישע בינק זאלן זיין שבת געשלאסן און מען האט קיין טעות ניט געהאט מיינענדיק אז אזוי איז טאקע אויך דער ווילן פון די באנק מיטגלידער.

דאס האט אונז באוויזן די פארזאמלונג פון דער אידישער באנק אף קעניג־גאס 2, וואו עס איז אנגענומען געווארן א באשלוס, אז די פארזאמלונג פון באנק זאל זיך רעכענען מיטן וואונש פון די באנק מיטגלידער און שבת פאלשטענדיק שליסן די באנק. מיר ווילן דא ניט איבערגעבן קיין באריכט פון דער פארזאמלונג אין באנק, אף וועלכער עס זיינען געווען דעלעגירט מיטגלידער פון „שומרי שבת“, באטש פיל זיינען ניט אינפארמירט אין דעם ריכטיקן צוגאנג פון דער פארזאמלונג — מיר ווילן אבער אופווייזן אף דעם פאקט, אז בעת דער מיטגליד פון „שומרי שבת“ י. י. ב״ץ האט נאר דערמאנט, אז בעת דער אפשטימונג פון דער פראגע אז די באנק זאל שבת זיין געשלאסן זאל מען אופהויבן די הענט — האבן אלע ווי איינער אנגעהויבן צו הויבן די הענט.

וואס ווייזט אונז אט די דאזיקע פאקטיש פארגעקומענע אפשטימונג ? דאס ווייזט אונז, אז אפילו ניט קיין מיטגלידער פון „שומרי שבת“, אידן וואס זיינען אליין אפשר אין זייער אייגענעם לעבן ניט קיין הונדערט פראצענטיקע שומרי שבת און אפילו אזעלכע וואס זיינען ווייט פון דער „שומרי שבת באוועגונג האלטן, אז אן אפיציעלע אינסטיטוציע מוז שבת זיין געשלאסן און אז אזוי איז דער ווילן ניט נאר פון עפעס אן ארגאניזאציע „שומרי שבת“, מיט די פאדערונגען פון וועלכער מען קען זיך יא רעכענען אדער ניט רעכענען, באטש דאס זיינען אייגנטלעך פאדערונגען פון גאנצן ארטאדאקסישן אידנטום וואס האלט זיך פעסט אין זיין אידישקייט און באשיצט די יסודות פון אידישקייט — דאס איז אויך דער ווילן פון די באנק מיטגלידער מיט וועלכע מען מוז זיך ווילנדיק אדער ניט ווילנדיק רעכענען.

מיר ווילן דא ניט פאלעמיזירן מיטן פארזיצער פון דער באנק פארזאמלונג וואס האלט אז צוליב דער חשיבות פון דער פראגע און דעם כבוד פון שבת לאזט זיך די פראגע ניט שטעלן צום אפשטימונג. מיר וואלטן אף דעם מוחל געווען — פארקערט, מיר האלטן אז בעסער וואלט די פראגע געשטעלט געווארן צום אפשטימונג און דאן וואלט דער באשלוס צוגעגעבן כבוד דעם שבת. א גרעסערער אומכבוד פארן שבת, וואס ווייזט די קאלטע, נאכלעסיקע און גלייכגילטיקע באציאונג צום שבת איז ווען איינער גייט אוועק פון דער פארזאמלונג מיט א מחשבה אז דער באנק וועט זיין שבת אפן, איידער די פראגע וועגן שבת־רו זאל געשטעלט ווערן צום אפשטימונג. ניט דאס אבער זיינען מיר אויסן. פאר אונז זיינען ניט וויכטיק די מאטיוון פון פארזיצער און מיר רעכענען זיך ניט מיט דער מיינונג פון איינצלנע פערזאנען — פאר אונז איז וויכטיק דער אלגעמיינער באשלוס פון דער מאסע, דער “מאי עמא דבר” און מיר האלטן אז דער כמעט איינשטימיקער באשלוס אז דער באנק זאל שבת זיין פאל־

שטענדיק געשלאָסן איז ניט נאָר א וואונש מיט וועלכן מען קען זיך אמאָל רעכענען מער ניט ווי מיט א „גוטן וואונש“, מיט א „לפנים משורת הדין“, וואָס ניט בא אַלע אומשטענדן לאָזט ער זיך דורכפירן. ניין! מיר נעמען עס אָן פאַר א גערעכטע, וואַרעמע און געזעצלעכע פאָדערונג מצד דער גאַנצער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, א פאָדערונג, וואָס לאָזט זיך ניט דוחה בקש זיין און א פאָדערונג, וואָס מוז אויך דערפילט ווערן.

מיר רעכענען אָבער אַז אויך די פאַרוואַלטונג פאַרשטייט אַז דער דאָזיקער וואונש מוז אופהערן צו זיין א וואונש און זי מוז אים פאַרווירקלעכן. און אויב די פאַרוואַלטונג האָט זיך ביז איצט גערעכנט מיטן באַשלוס פון אירע באַנק מיטגלידער מער ניט אַף אַזוי פיל וויפיל עס רירט אָן די געפילן פון רעליגיעזן אידן און אָפגעהיט דעם באַשלוס, נאָר אַף אַזוי פיל אַז די באַנק זאָל ניט זיין אָפיציעל אָפן און בא אָפענע טירן זאָלן ניט פאָרקומען קיין באַנק אָפעראַציעס — האָפן מיר אָבער אַז די פאַרוואַלטונג וועט איינגעפינען אַז דער וואונש און פאָדערונג פון יעדן טרייען אידן איז אַז אין די רוימען פון באַנק זאָל ניט פאָרקומען קיין שום חילול שבת, אָן אונטערשייד פון אָפענע אָדער פאַרמאַכטע טירן און אָן אונטערשייד פון באַנק אָפעראַציעס אָדער אַנדערע באַנק אַרבעט.

ג.

## דער „שומרי שבת“ באַנק.

און אַט ווערן שוין געמאַכט אַלע הכנות אַף צו דערעפענען אין גיכן דעם „שומרי שבת“ באַנק. דער באַנק וועט זיין א קרעדיט קאָאָפעראַטיוו, ד. ה. א ליי־ און שפּאָר־קאַסע געזעלשאַפט און מיטגלידער אין באַנק וועלן קענען זיין די חברים פון דער „שומרי שבת“ אָרגאַניזאַציע.

עס איז איבעריק דאָ אופצוקלערן די באַדייטונג פון אַזאַ קרעדיט געזעלשאַפט פאַרן אידישן קליין סוחר, אָנגעשטעלטן, האַנטווערקער און סתם אידן. יעדער איינצלנער פילט אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן די נחיצות פון קרעדיט און ווער רעדט דער איד וואָס איז א שומר שבת, בא וועלכן דער שבת איז טאַקע דער רו־טאָג — ער פילט נאָך מער די דחקות אין א קרעדיט און נאָכמער אין א רעכטצייטיקן קרעדיט וואָס זאָל אים פאַרהיטן פון א חילול שבת. קיין ספק ניט, אַז פאַרן פרט, וועט דער „שומרי שבת“ באַנק זיין פון גרויס באַדייטונג. אין אָנהויב וועט דער יחיד אפשר ניט אַזוי שטאַרק פילן דעם נוצן, וואָס ער וועט האָבן פון אַזא באַנק, מיט דער צייט אָבער, ווען די קאַפּיטאַלן וועלן זיך פאַרגרעסערן, וועלן אויך וואַקסן די הילפס מעגלעכקייטן, וועלכע וועלן קענען געגעבן ווערן די „שומרי שבת“ מיטגלידער.

ניט קלענער איז אָבער אויך די באַדייטונג פון א „שומרי שבת“ באַנק פאַרן כלל. ערשטנס, וועט טאַקע דורך מאַטעריעלער הילף פאַר יחידים „שומרי שבת“ גלייכצייטיק אויך געשטאַרקט ווערן דער אידישער שבת טרייער כלל אַלס אַזעלכער. אין בכלל אלא מה שבפרט. וועט דער פרט זיין א פעסטער, ניט קיין וואַקלדיקער, וואָס וועט צוליב רעם ריבל ניט דאַרפן צוקומען צו חילול שבת מעשים, וועט אויך דער כלל זיין שטאַרק, באַקומען די אים פאַסיקע חשיבות אין פאַרנעמען די אים געהעריקע פּאָזיציע.

צווייטנס, וועט די עקסיסטענץ גופא פון „שומרי שבת“ באַנק זיין א גרויסער ענין פאַר שמירת שבת. דער שבת גייסט וועט אויך זיין אַריינגעטראָגן אין דער סאַמער מאַטעריאַליסטישער בראַנזשע פון דער וועלט — דער געלט בראַנזשע. עס וועט זיין א מוסטער און א באַווייז אַז א באַנק קען זיין געשלאָסן אום שבת, אַז שבת־רו איז העכער ווי די בערז, אַז בא אידן ווערט דער מסחר גייסט רעגולירט דורכן טאָרמאַז פון גייסט, וואָס זאָגט אַז שבת איז דער אידישער רו־טאָג זייט ישראל איז א פאָלק.

ווייטער וועט דורך דער עקסיסטענץ פון באַנק באַקומען אויך מער וואָג די אָרג. „שומרי שבת“ גופא. עס וועט זען דער איר, אַז עס האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן סתם רייד, נאָר עס איז אויך א פראַקטישער ענין. ניט מיט דרשות און מוסר אליין וויל די אָרגאַניזאַציע אָפּקומען און אופטאָן פאַרן שמירת שבת, זי וויל ווי ווייט מעגלעך העלפן צו פאַרווירקלעכן אין לעבן דעם שמירת שבת מיט אַקאָנקרעטער פּראַקטישער ממשות־דיקער אַרבעט.

און דאָס איז די גרינדונג פון א באַנק. ניט דער קאַפּיטאַל שפּילט אין א פאָלקס־באַנק די הויפּט־ראָליע (וויפיל בּיינק מיט גרויסע קאַפּיטאַלן זיינען אונטערגעגאַנגען) נאָר אויך די פירונג פון באַנק די ערלעכקייט, די סאָלידקייט און פאָרזיכטיקייט אין דעם גאַנצן באַנק־פיר, איז דער ערשטער כלל און יסוד פאַר דער עקסיסטענץ פון א פאָלקס־באַנק. אַדאַנק — א ראַיעלער אָנפירונג באַקומט מען קאַפּיטאַלן און מען האָט רוח. די ראַיעלקייט וועט זיין דער פונדאַמענט פון „שומרי שבת“ באַנק און א באַווייז פון צוטרוי זיינען די נעמען פון די גרינדער פון באַנק, ווי למשל די ה״ה ב. לעוויטאַס און א. וואָלשאָנאָק. דאָס באַווייזן אויך די קאָרעקטיזן אין די סטאַטוטן פון „שומרי שבת“ באַנק, וואָס אַנדערע בּיינק האָבן זיי ניט אין זייערע סטאַטוטן.

די באַנק פון „שומרי שבת“ איז איסן צו פאַרווירקלעכן אין לעבן די פּרינציפּן פון ראַיעלקייט, ערלעכקייט און אומאייגננוציקייט.

עס בלייבט אַלזאָ נאָר צו האָפן אַז די מיטגלידער פון „שומרי שבת“ וועלן אים אַנטקעגנקומען אין זיין אַרבעט און דער באַנק וועט האָבן ערפאָלג.

X.

## די פינפטאָגיקע אַרבעטס־וואָך אין אַמעריקע.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז איצט איינגעפירט געוואָרן אין דער בוי־בראַנזשע און אין דער באַקליידונגס־בראַנזשע א פינף־טאָגיקע אַרבעטס־וואָך. 35000 באַשעפטיקטע אידישע אַרבעטער באַקומען אַזוי אַרום אַווטאָמאַטיש שבת־רו.

די פינפטאָגיקע אַרבעטס־וואָך ווערט שוין איינגעפירט אין פאַרשידענע בראַנזשעס אויך אין ענגלאַנד.

עס וואָלט געווען א יושר, אַז אויך בא אונז זאָל מען זיך אין די אַנטשפּרעכנדע קרייזן אָנהויבן צו פאַראינטערעסירן מיט דער פראַגע וועגן איינפירן אין די פאַבריקן און ווערקשטיבער, וועלכע אַרבעטן איצט שבת, א פינפטאָגיקע אַרבעטס־וואָך מאָדוס, לויטן וועלכן אַנשטאָט שבת, ווערט די אַרבעט דערגענצט דורכן אַרבעטן אַביסל שפּעטער אין די וואָכעדיקע טעג.

# געשעפטס־אינהאבער „שומרי שבת"! גיט אפ אייערע אנאנסן אין דעם זשורנאל „דער שבת".

גדליהו בובליק.

# די פאעזי פון שבת.

ווי שיין זיינען געווען דיינע געצעלטן ישראל, איידער עס איז געקומען דער שטורם פון דער וועלט־ציוויליזאציע און האט זיי צעשטערט.

ווי שיין איז געווען די אידישע מאמע, די טאכטער, ווען זי האט איר פרומען פנים פארשטעלט מיט די הענט פאר ליכט בענטשן און האט א הייסע תפלה שטיל געזאגט צום בורא עולם פאר איר מאן און פאר אירע קינדער

און ווען זי האט אירע הענט פון פנים אוועקגענומען האבן פערל פון טרערן געבלישטשעט אין אירע ערלעכע אויגן. טרערן פון גליק און פון הייליקסטער ליבשאפט פון דער משפחה.

קומט, איר דיכטער און קינסטלער, ווען איר גראבט זיך אין מענטשלעכע געפילן וואס איר ווילט אנטדעקן די הייליקע פאר־בארגענע ווענן פון מענטשנס הארצן קומט און באזינגט די טרערן פון דער אידישער מאמע בא ליכט צינדן.

העכער אבער ווי אייער פאנטאזיע זיינען די דאזיקע טרערן און די מענטשלעכע שפראך האט ניט גענוג ווערטער עס צו שילדערן. אין דער מאמעס אוי ן פרייטיק פארנאכט האב איך מער פאעזיע געלערנט ווי אין אלעס וואס איך האב נאכדעם געלערנט און געלייענט מיין גאנץ לעבן.

ווי שיין איז געווען דער אידישער טאטע ווען ער איז לאנגזאם אריין אין שטוב פון שול, ווי א פרינץ, וואס קומט צו זיין פאלאץ. שענער ווי די באגלייטונג פון אלע פרינצן אין דער וועלט איז געווען די באגלייטונג פון אידישן טאטן פרייטיק־צו־נאכט יענעם באגלייטן שמערבלעכע און דער איד איז באגלייטעט פון מלאכים. איך האב געזען מיט מיינע גייסטיקע אויגן די מלאכים ווי זיי פלעגן שטיל אריינגיין באם שוועל און פלעגן שטיל זיך ארום ליטשן צוריק. אוועקגיין ווען דער טאטע פלעגט זאגן „צאתכם לשלום„.

און ווען די מלאכים פלעגן אוועקגיין פלעגן זיי לאזן א שיין פון זייער ליכטיקייט אף דעם פנים פון אידישן טאטן. די אויגן שיינען מיט א גלאנץ פון א אנדער וועלט, דאס זיינען ניט די אויגן מיט וועלכע דער אידישער טאטע שטייט אין קראם! אנדערש איז זיין מויל, קלארער, טיפער און פייערלעכער. ער מאכט דעם קידוש און אלעס הויבט זיך אוף אין די אויגן פון די קינדער.

העכער און העכער שיינט ארום דער שבת־טיש. דאס איז ניט סתם א סעודה, וואס מענטשן עסן ווען זיי זיינען הונגעריק דאס איז עפעס א הייליקעס. אט אזוי — רעכנט דאס אידישע קינד מיט א צאפלדיק הארץ האט געוויס אזיסגעזעען די סעודה, וואס אברהם האט געגעסן מיט די מלאכים דארטן אין אלוני ממרא...

און די געפלאכטענע חלות זעען געוויס אוים ווי דער לחם הפנים וואס פלעגט ליגן אין בית־המקדש און דער לחם הפנים.... און די געדאנקען פון יונגן קינד וואנדערן אוועק אין די גרויסע וועלטן פון אלע געוואלטיקע פאסירונגען ארומגעוויקלט אין דעם צויבער פון פאעזיע און ערגעבנהייט.

הייליק און ערהייבן זיינען געווען די שבת פארנאכטן אין די אידישע געצעלטן! זיסער צער! אין דער דונקלהייט פון פארנאכט זיצט די מאמע אין א ווינקל באם פענסטער און צערטלט די קעפלעך פון אירע קינדערלעך, וועלכע טוליען זיך צו איר. זי איז ערנסט און שווייגנדיק עטוואס גרויסעס פאסירט אף דער וועלט, דער שבת, וואס האט אלעמען גליקלעך געמאכט טרעט צוריק, די שבתדיקע נשמה, וואס מיר האבן געקראגן פרייטיק פארנאכט פון הימל רייסט זיך בא אונז ארויס און מיר בלייבן מיט דער וואכעדיקער נשמה, מיר פאלן אראפ אף דער ערד און ווערן צוריק קליינע מענטשן פארזונקן אין קליינע מעשים און קליינע מחשבות. און די הערצער פון די יונגע קינדער קלאפן און דער מאמעס שטימע ברעכט אוים מיט דעם הימלדיקן געזאנג: ג—ט פון אברהם...

ווי שיין זיינען געווען די טרוימען פון דעם אידישן קינד אט גייט ער צוזאמען מיט יעקבן אין יענעם געפערלעכן וועג, וואו ער שלאפט אף א הארטן שטיין. אט קלאפט זיין הארץ, וואס יעקב און עשיו טרעפן זיך צוזאמען. אט איז ער מיט יוספן אין גרוב, אט איז ער מיט אים אין געפיינקעניש אין מצרים ווי גליקלעך איז ער דער אידישער אינגל, וואס יוסף ווערט שני למלך, און נאכדעם משה, יציאת מצרים, דער בארג סני וועלכער קינד איז אזוי רייך אין פאעזיע און וועלכער קינד איז אזוי רייך אין פאנטאזיע ווי דאס אידישע קינד אין דער אידישער גאס?

גרוים איז געווען די פראכט אין די אידישע געצעלטן אין דעם שבתדיקן טאג ווען די גאנצע גאס איז איבערגעטראגן געווארן אין א וועלט פון פאעזיע און עפעס העכער איבער אלע פעלקער און נאציאנען האט זיך געפילט דער איד.

אט אזוי איז דער שבת אף דער אידישער גאס געווען געקנאטן פון פאעזיע און קדושה, פון גרויסע טרוימען, מעכטיקע פארשטעלונגען און ערווארטונגען. אזוי איז דאס אידישע גאס געווען פול מיט הארץ און גייסט, מיט דיכטונג און קונסט, די קונסט, וואס ליגט אין די גרויסע ספרים מיט וועלכע דער איד האט געטאגט און גענעכטיקט.

## דער וועלט־פארבאנד „שומרי שבת".

קירצלעך וועט אי"ה, פארקומען א זיצונג פון צענטראל־קאמיטעט פון וועלט־פארבאנד „שומרי שבת".

אפן סדר־היום שטייען א ריי זייער וויכטיקע פראגן.

הר״הג ר׳ שמשון רפאל הירש ז״ל.

# דער שבת.

## דער שבת איז א טאָג וואָס ג—ט האָט באַפוילן אין אים צו רוען.

| | |
|---|---|
| באַ שבת — | קומט דער שבת — |
| באַ מנוחה. | קומט די רו. |

אפילו ווען דער שבת וואָלט ניט געווען מער, ווי טאַקע נאָר אָט דאָס, ווי נאָר פון ג—ט א באַפעלענער רו־טאָג, וואָס קומט צום מענטש יעדן זיבטן טאָג, אזוי ווי דער שבת זעט אויס בלויז אין דער אויסערלעכטער דערשיינונג פאַרן איבער־פלעכלעכן בליק, — וואָס פאַר אַ ברכה און גליק ברייננגט ער שוין אויך דאָן מיט זיך!

ווען דו זאָלסט ניט האָבן אָט דעם דאָזיקן שבת, דעם טאָג פון רו, וואָס ג—ט האָט באַפוילן, טאָ ווען־זשע וואָלסטו גערוט, ווען־זשע וואָלסטו געקומען צו זיך זעלבסט, טאָ ווען־זשע וואָלסטו געקומען אַמאָל צו דיין ווייב און קינדער, צו דיין נשמה און גייסט, צו דיין הימל אַף דער ערד? „ווען דו וואָלסט אַמאָל צייט געהאַט?" — אָבער ווען וואָלסטו צייט געהאט, און ווען וואָלסטו געקענט גאָר האָבן צייט?

אָן אָן אופהער אַרבעט די מגושמדיקע און מאַטעריעלע וועלט אַרום דיר, זי שטייט קיינמאָל ניט שטיל, זי קעמפפט האַסטיק אָן אַ רגע רו פאַרן קערפּערלעכן דאַזיין, זי גייט און טרעט אַלץ ווייטער און ווייטער אָן אָן אופהער; ווער עס גייט ניט ווייטער פאָראויס, דער גייט צוריק, ווער עס שטייט שטיל, דער ווערט צעטראָטן, „יום ולילה לא ישבותו", טאָג און נאַכט פייערן זיי ניט קיינמאָל — און דו וועסט גאָר וועלן, קענען און באַדאַרפן איינמאָל זאָגן: „שטיי!" צו דיינע אַלע מיען און מאַטער־נישן, צו דיינע זאָרגן ווענן דיין לייבלעכן עקסיסטענץ? דו וועסט וועלן, באַדאַרפן און קענען איינמאָל באַפוילן דיין האַנט, דיין קאָפּ, און דיין נשמהצו רוען? איינמאָל אויסצוטריקענען דיין שווייס איינמאָל אָפּצוגלעטן דעם שטערן, איינמאָל אָפּצושאָקלען דעם שטויב פון דעם גיכן לעבנס־געיעג, איינמאָל גיין ניט פאָרווערטס? איינמאָל ניט קוקן מיט פאַרזאָרגונג אַף דעם ציל, וואָס מען דאַרף נאָך אויסקעמפן, נאָר צוריקקוקן אַרום זיך און אין זיך, פול מיט פרייד און פרידן? איינמאָל קוקן אַף דעם, וואָס דו האָסט שוין געוועלט, אַף דעם, וואָס דו האָסט שוין דערגרייכט, אַף דעם, וואָס איז פאַר דיר שוין געוואָרן, וואָס דו אליין ביסט שוין געוואָרן? און איינמאָל אַרויסטרעטן פון דעם רוישיקן לעבנס־מאַרק, פון דעם שמערץ־רייכן „עס וועט ערשט — ווערן", צו דעם פריילעכן געפיל פון דעם „שוין־דערגרייכטן" דאַזיין, אין דיין גן עדן אַף דער ערד?!

„גן עדן?" ווער וואָגט עס נאָך צו ריידן וועגן גן עדן אַף דער ערד; די טויערן פון גן עדן זיינען שוין לאַנג הינטער אונז פאַרשלאָסן געוואָרן — פון דעמאָלט אָן בליט שוין ניט פאַר קיינעם דער בוים פון לעבן, דערנער און דיסטלען ליגן אַפן וועג מיט שווייס אַפן פנים אַרבעט מען אויף ברויט, און דאָס אויסגע־אַרבעטע ברויט עסט מען מיט זאָרגן און זיפצן. — אָן שבת אָן רו מיט זיך דער מענטש, אָן שבת, אָן רו פייניקן אים די דאגות — און כאָטש טויזנטער גייסטער טראַכטן טאָג פאַר טאָג, ווי אַזוי זיין שכל, זיין וויסנשאַפט צו פאַרמערן, און כאָטש טויזנטער דערפינדונגען פאַרגרעסערן טאָג פאַר טאָג זיין קראַפט, דאָך ניט רייכער, ניט גליקלעכער מאַכט אים די וויסנשאַפט; ניט פרייער און ניט מילאָן מאַכט אים די קראַפט. „יוסיף דעת — יוסיף מכאוב", וואָס מער וויסנשאַפט אַלס מער ווייטיק, וואָס מער דערפינדונגען עס קומען אויף אַלץ גרעסער ווערן די באַדערפעניש, וואָס מער קראַפט אַלץ מער אַרבעט, דער פאָטער האָט געדאַרפט קאָנקורירן נאָר מיטן שכן אַליין, דעם זון קומט אָבער שוין אויס בייצושטיין אַ וועלט־קאָנקורענץ מיט דער גאַנצער וועלט; דער פאָטער האָט באַדאַרפט אַרומקוקן זיך און אינטערעסירן זיך נאָר אין זיין דערפל, דער זון מוז שוין אבער שיקן בליצן פאָראויס, כדי די גאַנצע וועלט אויסצופאָרשן. טויזנטער זאַכן, טויזנטער הנאות, וואָס דער איינפאַכער, אומוויסנדער פאָטער האָט גאָרנישט געוואוסט פון זיי, מוז דער קליגערער זון דערווערבן און אויס־קעמפן פאַר זיך און פאַר זייניקע מיט שווייס פון פנים, מיט דער גאַנצער שפּאַנענדער קראַפט פון זיינע נערוון, מיטן יעדן שפּאַן פון זיין צייט און קראַפט, ער האָט אַזוי פיל צו זאָרגן פאַר זיך און פאַר זיין פרוי און קינדער, אַז עס פעלט אים פשוט אויס צייט א טראַכט צו טאָן וועגן זיך און וועגן זיין פרוי און קינדער, און די זאָרג פאַרן הויז, פאַרפרעמד אים דאָס הויז. דאָס וואָרט „עקסיסטענץ" איז אויסגעוואַקסן צו אַזאַ גרויסן עמפאַנג, עס איז געוואָרן אַזוי גרויס און אַזוי ברייט, אַז דאָס גאַנצע דאַזיין פאַר־ברייננגט דער מענטש אינם אויסקעמפן פאַר זיך אַן עקסיסטענץ, און די פראַגע וועגן דעם צוועק, וועגן דעם ציל, וועגן דעם ווערט און באַדייטונג פון אונזער דאַזיין, געפינט שוין גאָר באַ אונז קיין אָרט ניט. דאָס וואָרט „עקסיסטענץ" איז געוואָרן אַזאַ ריזן־גרויסע אופגאַבע, אַז דער גאַנצער סך־הכל פון אַלע מענטש־לעכע חכמות, דאָס אויספאָרשן פון הימל און ערד, לענדער און ימים, און אַלץ נאָר צוליב דער „עקסיסטענץ", און אַז אפילו טוגנט און זיטלעכקייט, אַז אפילו כמעט דאָס רחמנות און מילדקייט מוזן אויך זיין באַזאָרגט מיט אַן אינדוסטריע־שטעמפּל, כדי דאַדורך צו קענען האָבן אַ צוטריט און אַכטונג אין די קרייזן פון דער

מתפללים פון די מנינים און שולן! אלע ווי איינער פארשרייבט זיך אלס מיטגלידער באַ די מורשים פון די שולן.

# געשעפטס אינהאבער! רעגיסטרירט איז אייערע אייגענע אינטערעסן אייערע געשעפטן איז דעם ביוראָ פון „שומרי שבת“

ברויט־זוכנדער מענטשהייט. דער מענטש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיט ג—טס בילד, מיט חכמה, גוטסקייט, ליבע און גערעכטיקייט, לויט דעם מוסטער פון זיין גאָט, כדי ער זאָל זיך פרייען מיט זיין ווערק, אָט ער סאַפּעט נעבעך אַזוי שווער פאַרשוויצטערהייט אונטער דעם יאָך פון דער ערד זיך יאָגנדיק נאָכן שטיקל ברויט, און ער הערט שוין גאָרנישט יעצט דעם „איכה?“ „וואו ביסטו?“ פון דער בלאָנזשנדער געטלעכער שטימע, וואָס זוכט און רופט אים: מענטש, האָב אַף דיר רחמנות! וואו ביסטו?

דאַן קומט דער ג—לעכער שליח פון עדן, דאַן קומט ג—טס מלאך, דער שבת, צו דיר אַראָפּ, און זאָגט „אין ג—טס נאָמען: שטיי, און גיי ניט ווייטער, גיי ניט מער; דו טאָרסט ניט זאָרגן בלויז פאַר דיין לייבלעכן ברויט פאַר דיר און דיין פאַמיליע, דו פאַרזינדיקסט דיך באַ דיר אַליין, באַ דיין פרוי און קינדער, ווען דו ריירסט אייביק מיט דיין האַנט נאָר עסן צו שאַפן, ווען דו הויבסט שטענדיק דיין פוס נאָר פרנסה צו זוכן, ווען דו מאַטערסט אייביק דיין קאָפּ נאָר כדי אויסצושפּעקולירן ערגעץ וואו אַ שטיקל רוח; צי האָט איר ניט אין זיך קיין גייסט, קיין הארץ, קיין נשמה, וואָס באַדאַרפן אין אָט דער נאַרישער פאַרביי־גייענדער וועלט אויפבליען צו דעם אייביקן אומשטערבלעכן גליק? צו באַדאַרפן אייערע נשמות, אייערע גייסטער, דאַרן און קוואַרן, זיין פאַרקימערט און טרויעריק, בשעת איר שפּייזט און צירט מיט אַלעם שענסטן און בעסטן אייערע קערפּערס? גענוג געאַרבעט! דיין ג—ט באַפעלט אַז דו טאָרסט ניט אַרבעטן, און דאָס איז דיר שוין ערב דערפאַר אַז דו דאַרפט ניט מער צו אַרבעטן, דו האָסט גאַנץ גענוג געטאָן, אויב דו האָסט דיין בעסערן „איך“, און דיין אייביקן ג—ט נאָך ניט פאַרלייקנט, טאָ וואַרף אַלזאָ אַוועק די אַרבעט און קום אַריין מיט מיר צו דיר אין הויז אַריין“. און דו בלייבסט שטיין שטיל, און רואיקער הויבט זיך און פאַלט די פאַרסאַפּעטע ברוסט, און שטילער, רואיקער שלאָגט דער פולס פון דיין לעבן, און דו קומסט צו זיך, דו שפּאַנסט דיך אויס פון דעם יאָך פון דער מי און מאַטערניש, דו טריקנסט אָפּ דעם שווייס פון דיין טריפנדן שטערן, דו שאָקלסט אָפּ דעם שטויב פון דיינע קליידער, דיין שטערן ווערט גלאַטיקער, און דיין בליק הויבט זיך אויף, און דיין אויג קוקט זיך ארום איבער דיר און ארום דיר — דו שמייכלסט, און ערשט איצט הערסטו די שטימע פון עדן וועלכע זוכט דיך, זי ציט דיך אַריין אהיים, אין דער זייט פון דיין פרוי, אין דעם קרייז פון דיינע קינדער, און זי שיינקט דיר דעם שבת אין דיין נשמה, דעם שבת אין דיין הויז — און גאַנץ פאַרענדערט זעט באַ דיר איצט אויס די סוכה פון דיין לעבן! קיין שום הויז איז ניט אַזוי קליין, קיין שום געצעלט איז ניט אַזוי אָרים, וואו עס זאָל ניט אַריינקומען צוזאַמען מיטן שבת די ג—טלעכע הערלעכקייט! דאָס ליכט, וואָס לייכט אין אייך, פאַרדאָפּלט און פאַרגרעסערט דעם גלאַנץ פון דעם שבתדיקן ליכט; דער שלום, וואָס הערשט צווישן אייך, איז דאָס געווירץ, דער געשמאַק פון דעם שבת־מאָלצייט, — זאָרג, טרערן, קלאָגן און יאָמער פאַרטרייבט דער שבת פון דעם אָרימסטן קרייז. „שבת איז היינט, דו טאָרסט ניט וויינען! שבת איז היינט, דו טאָרסט ניט קלאָגן!“ דער שבת האָט אין זיך אַ באַלזאַם און אַ טרייסט פאַר אַלע, ער מאַכט אַלע רייך און גלייך. דער שבת זאָגט צו יעדערן:

— גול על ד' דרכך והוא יעשה! „דו לייג נאָר אַרויף אַף ג—ט די משא, די לאַסט פון דיין וועג, און ער וועט עס שוין אויספירן!„ דו האָסט געטאָן דאָס דייניקע, דאָס איבעריקע וועט שוין ג—ט טאָן! פאַר דעם איז דיר ערב דער שבת, וועלכער שטעלט אָפּ אין נאָמען פון ג—ט אַלע דיינע אַרבעט, זאָרגן און מיען, און וועלכער ווייזט דיר, אַז דיין פאָטער אין הימל, דער אַלמעכטיקער רעגירער און לענקער פון די צייטן, איז דיין ג—ט, וואָס קעמפט מיט דיר און פאַר דיר דיינע קאַמפן, וואָס פירט אָן מיט דיין מי און אַרבעט, וואָס זאָרגט דיינע זאָרגן און וואָס נעמט פון דיר אַראָפּ גערן דעם גרעסערן און שווערערן טייל פון דיין לעבנס־משא, אויב דו האָסט נאָר דעם מוט זי אים אָנצופאַרטרויען.

דער שבת מאַכט אַלע רייך און גלייך! די גיטער, צוליב וועלכע עס ווערט געפירט דער קאַמף אין דער גאַנצער וואָך, זיי שיידן דאָך די מענטשן און שטעלן זיי אַף פאַרשיידענע מדרגות; ווייל ניט יעדערן געלינגט דער קאַמף, און אומענדלעך פאַרשיידן איז דאָס, וואָס יעדערער דערקעמפט. אָבער די גן־עדן אוצרות, וואָס דער שבת שיינקט אונז, דעם פרידן, די ג—טלעכקייט, די מנוחה, די רו, — אָט די אַלע שטייען פריי און אָפן פאַר אַלע גלייך, און „ווען מיר וואָלטן נאָר איין שבת געפּיערט ווי עס באַדאַרף צו זיין — וואָלט באַלד געקומען די גאולה פאַר אונז אַלע“. (ילקוט, תהלים צ״ה, ז').

אָבער נאָר דעם ג—טלעכן שבת געלינגט עס אַזעלכע צוליבער צו ווייזן; נאָר ווען ג—ט שטעלט אָפּ דיין אַרבעט, דאַן געווינסטו די רו. אומזיסט וועט זיין דיין אַרבעט, ווען דו וועסט וועלן דיר אויסקלייבן אַן אַנדער רו־טאָג אין דער וואָך. די האַנט מעג פייערן, די פוס מעג רוען, דער גוף מעג זיך אָנטאָן די גרעסטע פאַרגעניגנס, אָבער נאָר ג—ט איז עס, וועלכער קען דאָס געמיט באַרואיקן, דאָס האַרץ איינשטילן, די זעלע דערקוויקן; — נאָר ווען ג—ט הייסט דיר רוען, דאַן האָסטו אין זיין געבאָט אַליין אַן ערבות, אַז דו דאַרפסט רוען, אַז דו קענסט רוען, און אין ג—ט אַליין קענסטו געפינען דאָס שלמות פון דיין לעבן.

נאָר דער ג—טלעכער שבת ברענגט דיר די גענצלעכע מנוחה, די אמתע רו.

# שטעלן אוז ארבעטס געבער! מעלדעט אן אייערע פרייע שטעלן און ארבעטס אין ארבעטס ביוראָ פון „שומרי שבת“.

עזריאל קארלעבאך.

# צו די אידישע פרויען.

(פון א רעדע, וואס דער דירעקטאר פון וועלט=פארבאנד „שומרי שבת“, עזריאל קארלעבאך האט געהאלטן בא א פרויען-קאנגרעס אין האמבורג).

אין אמתן איז א באגריסונג, א זעלבסטפארשטע נדלעכקייט. עס איז ענלעך ווי צווי מענטשן, גוטע פריינט באגעגענען זיך אין גאס און פרעגן זיך נאך איינער באם צווייטן וואס מען מאכט, און וואס מען האט איבערגעלעבט זינט מען האט זיך געזען דעם לעצטן מאל.

און אויב א באגריסונג סתם צווישן אידישע מענטשן, איז א זעלבסטפארשטענדלעכקייט, על אחת כמה וכמה איז עס דאס ווען מיר ביידע באגעגענען זיך:

## די אידישע פרוי און דער שבת.

אזוי ארום קומט מיר אויב ווען א ך ניי דא באגריסן אאידישן פרויען=קאנגרעס אין נאמען פון וועלט=פארבאנד „שומרי שבת“, צו זאגן נאר זעלבסטפארשטענדלעכקייטן. און אויב אפילו דאס איז ניט קיין אנגענעמע אויפגאבע נאר דאך איז עס א סימן פון דער גוטער באציאונג, וואס הערשט צווישן אונז ביידן, ווארום ווער נאך קען זיך דערלויבן צו זאגן זעלבסטפארשטענדלעכקייטן, ווען ניט זייער א גוטער באקאנטער.

טאקע מיר זיינען גוטע און אלטע באקאנטע. עס איז נאר א ספק ווער פון אונז ביידן איז געווען דער ערשטער גורם צו דער באקאנשאפט. עס איז נאר א ספק, צו די חשיבות פון שבת און די געשמאקייט פון אים נעמט זיך פון דעם חן פון דער אידישער פרוי, וואס האט אים דורך הונדערטער יארן באשיינט און אויסגעשמיקט. צו די וויכטיקייט און די באדייטונג פון דער פרוי פאר דער אידישער משפחה, האט זיך גענומען פון דעם, וואס איין טאג אין וואך, איז שטענדיק געווען אפגעגעבן דערויף איר אפצוגעבן כבוד און צו שטארקן איר שטעלונג אין דער אידישער שטוב.

און אויב אין היינטיקן אוונט, טרעפן זיך צווי אזוינע אלטע באקאנטע, איז אפשר כדאי זיך אביסל דורכצושמועסן וועגן די טובות, וואס מיר ביידע האבן געהאט איינער פון צווייטן אין משך פון אונזער לאנגיאריקער פריינטשאפט.

דער איר, וואס פלעגט פארצייטן און היינט א גאנצע וואך ניט זיין אינדערהיים און איבערגעלאזן די פרוי בא די קינדער און שפעטער קומען ערב שבת א פארמאטערטער פון וועג פלעגט באגריסן אינאיינעם מיט דעם הייליקן שבת זיין אייגן פרוי. די מאטערניש פון דעם נע=ונדניק פלעגט פארגעסן ווערן אין דער סביבה פון זיין אייגענער שטוב, וואו די מלכה שבת האט נע=קיניגט. דא איז אפגעצאלט געווארן דער אידישער פרוי איר חוב פון ליבשאפט און פארערונג. וועלכן דער מאן האט ניט געקענט אפגעבן די גאנצע וואך און דא איז אויך באלוינט געווארן די מי וואס די אידישע פרוי האט געהאט דורך דער וואך. דא איז זי געווארן די אמתע מלכה אין שטוב. דא האט פון יעדן ווינקל געשיינט איר חן, ערשט דא האט זיך ארויסגעוויזן דער תועלת פון איר וואכעדיקער ארבעט, פון איר ראמען און פוצן און אפ=וואשן, פון איר צוגרייטן דעם טיש און פון איר אופפאסן די קינדער. עס איז פון יענע אלטע משלים, פון א מלך וואס האט געמוזט אוועקגיין פון זיין געליבטער פרוי אין ווייטע לענ=דער און דארט אין א זיבן=יאריקן קריג בינקען אהיים נאך ווייב און קינדער. און ווי אין יענע אלטע מעשיות שטעלט זיך אונז פאר די צניעות מיט וועלכער די מלכה האט געווארט אפן צוריקקומען פון איר מאן און די גרויסע פרייד וואס האט געהערשט ווען דער מלך איז צוריקגעקומען אהיים. דער זעלבער בילד איז נאך היינט א לעבעדיקער און אפילו ניט ווינציקער פאעטיש. עס איז א קריג אין וועלכן דער מאן גייט ארויס אלע מוצאי שבת, און ס'איז זיכער אז ער וואלט ניט געקענט ביישטיין די אלע נסיונות, ווען עס וואלט ניט פאר אים געשטאנען דער לייכטנדער בילד פון דעם שבת, צונויפגעשמאלצן מיט דעם בילד פון זיין פרוי.

און ווען מיר קוקן צו ווי אזוי עס ווערן באוואוסט אדער אומבאוואוסט, באנוצט טעמעס, וואס באשעפטיקן זיך מיט דער פרוי אין די אידישע מזמורים און תפלות פון פרייטיק=צו=נאכט, וואונדערן מיר זיך ניט אז דורך דעם ווערט געשאפן א לעבעדיקע באציאונג צווישן דער מלכה=שבת און דער מלכה פון דער שבתדיקער שטוב, דער אידישער מאמע. עס איז א קייט וואס ציט זיך פון שיר השירים, וואס ווערט געזאגט בין השמשות, ביז „אשת חיל“ און די זמירות. א קייט פון געדאנקען, וואס שאפן דער פרוי די שטעלונג אינם צענטער פון דער אויפמערקזאמקייט פון אלע שבתדיקע מנהגים. דאס בענטשן די קינדער, דער צאינה וראינה, דאס אלץ גיט צו דער אידישער מאמע די הייליקייט, דאס אלץ באשיינט איר געשטאלט, דאס אלץ שטארקט די ליבשאפט פון איר מאן.

ויען מיר זאלן וועלן פארגלייכן די שטעלונג פון דער פרוי בא די אומות העולם, ווען מיר זאלן וועלן בא זיי זוכן א טאג אין וועלכן די פרוי קריגט אזא איידעלע חשיבות, ווי אין אידישן שבת, וועלן מיר דאס ניט געפינען. עס איז אזא גרויסער אונטערשייד פון אונזערע שבתדיקע בגדים און דעם איידעלן אפשיין, וואס די ליכטער ווארפן אף דעם פנים פון אונזערע מאמעס פרייטיק=צו=נאכט, ביז דער פויערשער פארגרעבטער פרייד פון רו=טאג, אז די אידישע פרוי פארשטייט אליין: אז בא קיין פאלק האט זי ניט אזא עמאנציפאציע ווי בא אונז און אז בא קיין פאלק איז ניטא קיין אינסטיטוציע, וואס זאל אזוי העכערן און שטארקן איר איינפלוס ווי דער אידישער שבת. אלע דיכטערס זינגען וועגן דעם שבת און דער פאקט וואס דוקא וועגן דעם רו=טאג פון דעם געיאגטן אידן זיינען געשריבן געווארן אזוי פיל ווארימע און הארציקע שילדערונגען דורך ניט אידישע דיכטערס, נעמט זיך זיכער פון דעם חן וואס אונזערע אידישע מאמעס האבן פון אייביק אן צוגעגעבן דעם שבת. א ן אפשר דאס גרעסטע און שענסטע אין פאעטישן זין, וואס אידישע פרויען האבן ווען עס איז אויפגעטאן, איז דאס, וואס קיין שום פאלק האט ניט געקענט, דאס שאפן פון א מאנארכיסטישער אטמאספערע אין זיין ארעמער אידישער שטוב. עס איז זיכער ניט קיין קונסט צו קויפן וואס מען דארף אף שבת, ווען א גאנצע וואך איז דא פון וואנען צו לעבן, אבער א קונסט און א טאט, וועלכע דער אידישער פאלק וועט קיינמאל ניט פארגעסן דער אידישער מאמע, איז איר אפ=שפארן און הונגערן און מאטערן זיך א גאנצע וואך כדי צ

# לייענט און פארשפרייט דעם זשורנאל „דער שבת"

קענען אויספוצן דעם שבתדיקן טיש, כדי צו ברענגען דערצו, אז עס זאל דורך איין מעת-לעת פארגעסן ווערן אלע נויט און אלע פיין, דער קונסט פון דער אידישער פרוי צו מאכן פון איר ארעמען מאן א מלך.

דאס אלץ האט איר אונז געגעבן, נאר דער שבת האט עס ניט אומזיסט גענומען. די חכמים זאגן „שכר מצוה—מצוה". און מיר פארשטייען דאס. ווען מיר שטעלן זיך פאר אז די תורה וואס נעמט ארום דעם גאנצן לעבן מיט אלע זיינע קלייניקייטן, באלוינט אונז מיט דער שיינקייט פון איין פרט דורך דעם צווייטן. און אזוי האט די שיינקייט וואס די פרוי האט געגעבן דעם שבת און די צענטראלע שטעלונג וואס דער שבת האט געגעבן דער פרוי געבראכט דערצו, אז די אידישע מאמע איז אין דער פאר-שטעלונג פון איר קינד צונויפגעשמאלצן מיט דער פארשטעלונג פון דעם שבת.

אידישע קינדער פארוועלגערן זיך און בלאנדזשן, נאר אידישע קינדער פארגעסן ניט זייערע מאמעס. זיי קענען ניט פארגעסן, ווייל זיי פארגעסן ניט דער מאמעס שבת. ווען איר זאלט וועלן אונטערזוכן, וואס זיינען די מאמענטן צוליב וועלכע עס ווערן געשריבן טויזנטער בריוו, וואס הונדערטער שיפן טראגן זיי אין דער מינוט איבער צענדליקער ימים אהערצו, צוליב וואס דער זון אין דעם ווייטן אמעריקע באפרייט זיך א האלבע שעה פון אלע זיינע פארדרייטע עסקים און שרייבט א בריוו צו דער מאמען און העלפט איר, ווען איר זאלט וועלן וויסן וואס פאר א הרגש עס רופט צונויף די גרויסע פארזאמלונגען פון אייערע ווייטע—נאענטע קינדער, אידישע מאמעס, יענע פארזאמלונגען אין וועלכע מען באשליסט אנצואווענדן אלע כוחות צו העלפן דער היים, וועט איר געפינען איין ענטפער צו אלע שאלות. די קינדער זאגן: „מיר געדענקען דער מאמעס שבת".

איצט איז די צייט מיר זאלן זיך פאראייניקן, איצט ווען מיר צוויי אלטע באקאנטע שמועסן זיך דורך אביסל און געפינען וויפיל מיר האבן גענומען איינער פון צווייטן. וועקט זיך אין אונז אויף די באדערפעניש צו געבן נאך און נאך. מיר פארשטייען, אז דער שבת איז פונקט אזוי אפהיינגיק אין דער פרוי, ווי די פרוי אין שבת.

ווען די פרוי וועט ניט מיטארבעטן אין די ראמען פון וועלט-פארבאנד, ווערט זי אן אירע איינע שטעלונג פונקט אזוי פיל ווי דער שבת ווערט אן אן איר מיטהילף. וואָרום, אזוי אביסל דורכשמועסנדיק זיך, זיינען מיר געוואר געווארן אז עס איז א ביים וואס עס איז פארגעקומען צווישן אונזערע כוחות פון דורות אן און אזא ביים מוז עס זיין אויך אף ווייטער.

דעריבער האלט איך עס פאר איינעם פון די גרעסטע פאקטן אף וועלכע מיר קענען אנווייזן אין אונזער ארגאניזאציע-ארבעט, אז דער וועלט-פארבאנד פון אידישע פרויען נעמט אן אונזער איינלאדונג צו א ספעציעלער קאנפערענץ וועגן דעם שבת. „וועגן דעם שבת און דער אידישער פרוי" די קאנפערענץ וועט דורכפירן א איינגען צוזאמענשלוס פון אונזערע כוחות. דער גרויסער ציל, וואס שוועבט אונז פאר און דער זכות פון דעם שבת און פון דער אידישער פרוי וואס פאראייניקן זיך היינטיקן טאג אויך ארגאניזאטאריש וועט אונז בייסטין צו פארגרעסרן אונזערע און אייערע ענערגיעס. עס איז א היסטארישער טאג זוון א היסטארישער צוזאמענשלוס, נאר ווייל די גרונטבאציאונגען זיינע זיינען אזוי אלט ווי דאס אידישע פאלק אליין, איז עס א זעלבסטפארשטענדלעכער צוזאמענשלוס.

און איך האב באלד געזאגט. אז ווען איך באנריס דא פון גאנצן הארצן, האב איך מער ניט צו זאגן, ווי א פאר זעלבסט-פארשטענדלעכקייטן...

# שבתדיקע פערל.

באארבעט דורך **ח. ספיר.**

מען קען ניט פארגלייכן די ליכטיקייט פון מענטשנס פנים אינדערוואכן צו זיין ליכטיקייט אום שבת. (בראשית רבה. פ. י"א).

* * *

רבינו הקדוש — ר' יהודה הנשיא, דער מסדר פון די משנה, — האט געמאכט א סעודה פאר אנטונינוסן, — דעם רוימישן קייזער, וועלכער איז באוואוסט אין ש"ס פאר א גרויסן אוהב ישראל, — די סעודה איז פארגעקומען אום שבת, און מען האט פאר אים געבראכט קאלטע שבתדיקע געקעכטס. אנטונינוס האט געגעסן מיט געשמאק. דערנאך האט ער פאר אים געמאכט א צווייטע סעודה אינדערוואכן אף וועלכע מען האט דערלאנגט הייסע וואכעדיקע געקעכטס, אנטונינוסן האט די שבתדיקע קאלטע מער געשמעקט ווי די וואכעדיקע די הייסע, רבינו הקדוש האט אים דערויף אנגעוויזן דאס זיי האבן איצט פארפעלט א געווירץ, וואס גיט צו א געשמאק דעם עסן — „פעלט דען אין קייזער-לעכן אוצר געווירץ, אז דו האסט עס דעם מאל פארפעלט?" — האט אנטונינוס געפרעגט. — „יא!" — האט רבינו הקדוש געענטפערט, — „שבת. איז דער געווירץ, וועלכער גיט צו נע-שמאק די מאכלים, דאס איז אזא געווירץ, וואס דו פארמאגסט ניט אין דיין גאנצן אוצר!" (בראשית רבה י"א)

יערער וואכן-טאג האט זיך זיין פאר: זונטיק פארט זיך מיט מאנטיק, דינסטיק — מיט מיטוואך, דאנערשטיק — מיט פרייטיק, שבת האט קיין פאר ניט, דערויף האט דער אויבערשטער געזאגט צום שבת, — „אידן וועלן זיין דיין פאר". (בראשית רבה י"א).

* * *

די פרוי האט אויסגעלאשן די ליכט פון דער וועלט (אדם הראשון) — דעריבער מוז זי אנצינדן די ליכט פון שבת.

(ירושלמי שבת פרק ב')

* * *

אמר רבי יוסי, — רבי יוסי האט געזאגט: „זעט דעם בריליאנט וואס ג—ט האט אייך געגעבן — דעם שבת!"

(שוחר טוב צ"ב)

* * *

אמר אביי — אביי האט געזאגט: ירושלים איז חרוב גע-ווארן, ווייל מען האט דארטן מחלל שבת געווען. (שבת קי"ט).

* * *

זכור את יום השבת לקדשו! — מיט וואס הייליקסטו אים? — מיט לערנען מקרא, משנה, מיטן עסן, מיטן טרינקען, מיט א ריינעם בגד און מיט מנוחה. (ת"דא רבה כ"ו).

# הויפט אין די געשעפטן און אונטערשטיצט די אונטערנעמונגען וואס זיינען שבת געשלאסן

ח. מ. חאדאקאוו.

# צו די אידישע עלטערן.

א.

## די זארג פארן קינד.

צו אייך אידישע עלטערן, וועלכע זיינען אליין אידן, און ווילט, אז אייערע קינדער זאלן אויך אידן זיין, וועלכע זיינען שומרי שבת און ווילט אז אויך אייערע קינדער זאלן שומרי שבת זיין ווענד איך זיך מיט מיין היינטיקן ארטיקל.

איר אידישע עלטערן, ווען איר קוקט זיך ארום אף דעם גרויסן חלול־שבת וועלכער הערשט אף דער אידישער גאס, ווערט איר אפשר פון מאל צו מאל ערשראקן, פאר דער צוקונפט פון אייער אייגענעם קינד.

איר האלט, און זייער ריכטיק, אז אייער קינד שטייט אין מיטן ים פון א ברוינדן חלול־שבת, און איז שטענדיק חס ושלום אין סכנה אוועקגעטריבן צו ווערן אין שלעכטן שטראם. איר זייט אפטמאל אזוי מיואשדיק און האלט די לאגע פאר אזוי שלעכט אז איר האלט שוין ניט פאר נויטיק צו זוכן וועלכע ניט איז רעטונגס־מיטלען, דען איר רעכנט זיי זיכער ניט צו געפינען.

און אפשר האט איר שוין טאקע די פראקטיק אין אייער שטוב אליין. אף אייערע עלטערע קינדער האט איר שוין אפשר אנגעווענדעט פארשידענע מיטלען, בייזע און גוטע, אז זיי זאלן שבת היטן, און דאך איז עס געבליבן אן ערפאלג. אין דעם פאל פילט איר זיך שוין גאר אומזעכטיק וואס צו טאן אף דעם געביט לטובת אייערע אינגערע קינדער, וועלכע זיינען גאנץ, און וועלכע איר וואלט וועלן זיי זאלן גאנץ זיין.

און ווען איר דערזעט א אידישן בחור אדער א אידישע מיידל וועלכע היטן שבת, זייט איר זייער מקנא זייערע עלטערן.

איר דערמאנט זיך דאן נאך מער אף אייערע שטובישע צרות מיט די קינדער.

איר דערמאנט זיך וואס פאר א לעבן עס קען זיך שוין בויען בא אייערע קינדער די מחללי שבת, וואס פאר א הייזער זיי קענען אופשטעלן.

און איר דערמאנט זיך אויך אמאל, אז איר זייט ניט אייביק אף דער וועלט, און דער אויבערשטער זאל געבן און איר וועט אויסלעבן לאנגע יארן, וועט איר מוזן פון דאנען אוועקגיין, און ווער בלייבט אייך דא אייער קדיש, א קינד וואס וועט שבת זאגן קדיש, שפודן זיך צוריקצוגיין אין געשעפט, א קינד וועלכער פון איין זייט זאגט ער „יהא שמי׳ רבא מברך“ און פון דער אנדער זייט איז ער מחלל שם שמים זייענדיק מחלל דעם הייליקן שבת, אזא קינד וועט דארפן ווייזן אייער אופטו וואס איר האט אופגעטאן דא אף דער וועלט, און אזא קינד וועט עס אייך דארפן צוגעבן שיינקייט און כבוד אין אייער נייער וועלט.

און אז איר דערמאנט זיך דאס, געפינען זיך בא אייך איין אזעלכע מאמענטן, אין וועלכע איר וואלט אוועקגעגעבן אלעס אבי אייער קינר זאל בלייבן א איד, אייער קינד זאל בלייבן א שומר שבת.

אבער טייערע עלטערן! צו וואס די פארצווייפלונג, ווען עס איז מעגלעך די רעטונג. מיטלען זיינען דא. איר דארפט זיי נאר ריכטיק און רעכטצייטיק אנווענדן און דא וועט אייך שוין דער אייבערשטער אויך העלפן און אייער קינד איז גערעטעט.

און וועגן די מיטלען דארפן מיר זיך דא איצט דורכריידן

ב.

## ערציאונג.

דער הויפט־פאקטאר, וועלכער ווירקט אף דעם ווי דער קינד זאל זיין, איז זיין ערציאונג.

און ווילט איר אז אייער קינד זאל זיין א שומר שבת, דארפט איר זען, אז אייער קינד זאל ערצויגן ווערן צו שמירת שבת און ניט ערצויגן ווערן צו חלול שבת.

אין צו היטן שבת דארף מען זיין א מאמין, אום צו היטן שבת דארף מען זיין א ירא שמים, און אום צו היטן שבת דארף מען וויסן דעם דין פון שבת.

און ווען איר ווילט אז אייער קינד זאל זיין א שומר שבת, דארפט איר קודם כל אויסקלייבן פאר אייער קינד אזא ערציאונגס־ארט, וואו דעם קינד זאל דאס אויבנדערמאנטע געגעבן ווערן אין א וואס גרעסערע מאס.

אייער קינד דארף לערנען וועגן שבת. אייער קינד דארף באגייסטערט ווערן הערנדיק דעם אמתן וועזן פון אידישקייט בכלל און שבת בפרט, אייער קינד דארף זען אין זיין לערער צו וועלכן ער איז צוגעבונדן, דעם איבערגעגעבענעם שומר שבת.

ווען איר גיט, אבער אוועק אייער קינד אין אזא שול, וואו וועגן אידישקייט הערט ער גארנישט, אדער זייער ווייניק, אדער אייער קינד לערנט נאך מער אין א שול, וואו מען פרעמדעט אים גאר אפ פון אידישקייט.

ווען איר גיט אוועק אייער קינד אין הענט פון לערערס און לערערקעס, וועלכע באגייסטערן אים גארניט פון שבת, וועלכע זיינען אליין מחללי שבת און אמאל גאר אזעלכע וועלכע שמייכלען נאך פון דעם וועלכער איז א שומר שבת.

ווען אין אזעלכע ערציאונגס־ערטער גיט איר אפ אייער קינד, טא פון וואנען זאל ער זיין א שומר שבת?!

עס קען דאן ניט העלפן אייער בעטן זיך בא אים, עס קען דאן ניט העלפן אייער שרייען אף אים, אייער קינד איז אן אומגליקלעכער מחלל שבת.

און שולדיק אין דעם זייט איר אליין, ווייל איר מיט אייערע הענט האט אים אפגעגעבן צו די, פון וועלכע ער קען שוין גאנץ ניט ארויס.

און האט איר א קינד וועלכן מען קען נאך ראטעווען, און מיינט איר טאקע ערנסט מיט דעם, טא גיט אים לערנען נאר אין אזעלכע שולן, וואו מען וועט אים געבן א שמירת־שבתדיקע ערציאונג (וייטערע קאפיטלען פאלגן).

## יעדער איד איז מחויב צו זיין א מיטגליד אין „שומרי שבת“.

# די אלגעמיינע פארזאמלונג פון „שומרי שבת“.

חול המועד פסח איז בא א פול געפאקטן זאל פון פאלקסקיך פארגעקומען די אלגעמיינע פארזאמלונג פון אלע מיטגלידער פון דער ריגער ארגאניזאציע „שומרי שבת“. פילצאליק איז געווען דער עולם, וואס איז געקומען אויסהערן א באריכט פאר א האלב יאר ארבעט און גרויס איז געווען דער אינטערעס בא יעדן איינעם צו די שטרעבונגען, פלאנען און פראבלעמען מיט וועלכע „שומרי שבת פארנעמט זיך. כדי צו באקענען זיך מיט דער באפארשטייענדער ארבעט פון דער ארגאניזאציע און די מיטלען און וועגן מיט וועלכע די דאזיקע ארבעט ווערט געפירט זיינען געקומען מענטשן פון אלע שיכטן: רבנים, סוחרים, האנטווערקער, אנגעשטעלטע ווי אויך דער סיים דעפוטאט מ. דובין און ראטמאן ש. י. וויטנבערג.

אלס פארזיצער פון רער פארזאמלונג ווערט אויסגעוויילט ה' צבי הירש גוטמאן און אלס סעקרעטאר ה' צבי הירש וואסערמאן

אין נאמען פון דער צייטווייליקער פארוואלטונג גיט אפ א באריכט ה' אלעזר פנחס ווײלער, וועלכער שטעלט זיך אפ אין זיין איינלייטונגס-ווארט אף דער נויטווענדיקייט פון אזא מין ארגאניזאציע אין ריגע. ה' ווײלער באקענט די אנוועזנדע מיט די צילן, וועלכע די ארגאנזאציע האט פאר זיך געשטעלט און וועלכע זי שטרעבט דורכצופירן אין דער ווירקלעכקייט. נאכדעם ווי דער רעדנער ווייזט אוף, אז „שומרי שבת„ פארפאלגט א דאפלטן צוועק: --- ערשטנס צונויפרופן די אלע אידן וואס זיינען שומרי שבת אין איין ארגאניזאציע כדי זיי גייסטיק און מאטעריעל שטיצן אז זיי זאלן טאקע בלייבן בא אלע אומשטענדן אידן שומרי שבת און צווייטנס דורך פארשידענע מיטלען צו מילדערן רעם חלול שבת, וואס הערשט אין ריגע אין זיינע פארשידענע פארמען—שטעלט זיך אפ ה' ווײלער אף די דערגרייכונגען וואס „שומרי שבת“ האט צו פארצייכענען פאר דער צייט פון איר עקסיסטענץ. די ארגאניזאציע האט זיך פארנומען מיט אויסערלעכער און אינערלעכער ארבעט: מען האט שטארק פארגרעסערט די צאל מיטגלידער און די ארגאניזאציע האט געוואונען צוטרוי פון רער מאסע, וועלכע האט זיך מער אדער ווייניקער גענומען אינטערעסירן מיט דער באוועגונג און פארשטיין ווי וויכטיק עס איז געווען די אידיי צו גרינדן אזא ארג. אין ריגע.

וועגן רער ארבעט פון „מזהירי שבת“ — פון פארמיידן חלול שבת דורך די אפענע געשעפטן א. א. וו. האט אויך רי ארגאניזאציע צו פארצייכנען דערפאלגרייכע רעזולטאטן: עס זיינען געפירט געווארן אונטערהאנדלונגען מיט פארשירענע בראנזשעס און אף אנדערע פון זיי האט מען געווירקט, אז זיי זאלן זיך שליסן שבת ווי אויך האט מען געווירקט אף עטלעכע געשעפטן וואס האבן זיך לעצטנס געעפנט שבת און אף אזעלכע וואס האבן זיך געהאלטן באם עפענען. אין איניקע פאבריקן האט זיך אפילו איינגעגעבן דורכצופירן א פינפטאגיקע ארבעטס-וואך. רער רעדנער ווייזט אן אז אין א גרויסער מאס זיינען אין רעם חילול שבת צווישן די אנגרא סוחרים שולדיק די קרעמער פון פראווינץ, וועלכע קומען זיך איינצוקויפן אום שבת. וועגן דעם האט זיך די ארג. געווענדעט צו די רבנים אין רי פראווינץ שטעט ווי אויך געקומען אין פארבינדונג מיט איניקע אנגרא סוחרים — דער עיקר אבער כדי דאס צו פארמיידן איז צו ארגאניזירן רי פראווינץ, שאפן אפטיילונגען פון „שומרי שבת„ אין אלע פראווינץ-שטעט.

די „שומרי שבת“-באוועגונג איז איצט א וועלט באוועגונג און ציילט ארגאניזאציעס אין פארשידענע לענדער און אויב אין ריגע וועט זיך איינגעבן צו שאפן די נויטיקע צאל מיטגלידער וועט מען פיל געווינען פארן שבת געדאנק און ווירקן אף די רעגירונגען, אז די גזירה פון צוואנגס זונטיק-רו זאל געמילדערט ווערן. — דא אפן ארט איז אונזער ערשטע אויפגאבע זיך צו ווענדן צו דער שטאט-פארוואלטונג און פאדערן מען זאל אונז אנטקעגנקומען און ערלויבן זונטיק לכל הפחות אף א פאר שעה צו האלטן אפן די געשעפטן. דאס קען אבער געטאן ווערן דאן ווען די ארגאנזיאציע וועט ציילן א פיל גרעסערע צאל מיטגלידער וויפיל זי פארמאגט איצט.

די ארג. „שומרי שבת“ שטעלט זיך אלס ציל אויך צו העלפן פינאנסיעל אירע מיטגלידער — צו שטיצן דורך פארשידענע מיטלען ווי דורך א גרינדונג פון א באנק, פארזארגונג פון די ארבעטסלאזע מיט ארבעט א. א. וו. די אידן וואס זיינען שומרי שבת. אין דער ארבעט „שומרי שבת“ גייט אויך אריין צו גרינדן קאאפעראטיוון, ווערקשטובן און אנדערע אונטערנעמונגען, וואס זאלן שטיין אונטער דער אויפזיכט פון דער ארגאניזאציע. א גרויסע האפנונג לייגט ה' ווײלער אפן געדרוקטן ווארט — אף דעם זשורנאל „דער שבת“ וועלכער זייענדיק דער ארגאן פון ארג. באקענט די מיטגלידער ניט נאר מיט דער ארבעט וואס די פארוואלטונג לייסטעט, נאר פארבינדט אויך אידייאיש די אלע וואס שטייען נאענט צו דער „שומרי שבת“ באוועגונג אין פארשידענע שטעט און לענדער.

כדי די נויטיקע ארבעט זאל קענען מצליח זיין און נושא פירות זיין איז וויכטיק אז רי ארג. זאל זיך פאברייטערן און פארשטארקן. דער רעדנער פארענדיקט זיין רערע מיטן רוף זיך צו ארגאניזין, פארשפרייטן דעם זשורנאל, זיך פארשרייבן אלס מיטגלידער אין דעם באנק פון „שומרי שבת“ און אונטערשטיצן די אונטערנעמונגען און געשעפטן וואס זיינען שבת געשלאסן.

ה' ח. מ. חאדאקאוו ערגענצט דעם באריכט פון הערן א. פ. ווײלער און שטעלט זיך אפ אף דער פראקטישער ארבעט, וואס געלייסטעט געווארן דורך דער ארגאניזאציע. דער באריכט פון ה' חאדאקאוו נעמט ארום די ארבעט וואס איז אפגעטאן געווארן אין משך פון לעצטן האלב יאר צייט. ער ווייזט אוף אז די התעוררות וואס האט זיך דערוועקט מיט א יאר צוריק האט נושא פירות געווען און דאס גופא וואס צו דער איצטיקער אלגעמיינער פארזאמלונג איז ערשינען אזא צאלרייכער עולם, וואס איז א זעלטנהייט אף אנדערע פארזאמלונגען, איז שוין א באוויז, אז די אידיי פון „שומרי שבת“ האט געפונען א אפקלאנג צווישן די ברייטע מאסן און דער געדאנק פון אזא ארגאניזירונג האט געהאט דערפאלג.

דער רעדנער שטעלט זיך אפ אף רער ארבעט פון די איינצלנע קאמיסיעס און בפרט אף די ארבעט פון דער רעדאקציע קאמיסיע און רער ארגאניזאציע קאמיסיע. די הויפט-אויפגאבע פון

„שומרי שבת“ איז צו שטארקן די אידן וואס היטן שבת אז זיי זאלן חלילה ניט ווערן קיין מחללי שבת ווי אויך דעמאנסטרירן דעם שטאלץ און שיין פון שבת און דורכדעם וועט מען אומדירעקט ווירקן דאס די מחללי שבת זאלן אופהערן צו זיין מחללי שבת.

הויפטזעכלעך זיינען ארגאניזירט געווארן די מנינים, וואו די מתפללים זיינען דורך ספעציעלע מורשים איינגעשריבן געווארן אלס מיטגלידער. אין מערערע בתי מדרשים זיינען געשאפן געווארן שיעורים אף צו לערנען הלכות שבת, וואס דאס האט א גרויסע באדייטונג חוץ דעם וויסן פון די דינים פון שבת אויך אלס דעמאנסטראציע פארן שבת. מען האט אין געוויסע שבתים גערעדט אין אלע בתי מדרשים וועגן שמירת שבת און וועגן דער ארגאניזירונג פון די שומרי שבת — אט דאס אליין האט אויך א געוואלדיקע באדייטונג כלפי חוץ. צום סוף ווייזט אן דער רעדנער אז „שומרי שבת“ האט זיך איינגעגעבן צו פועלן אז אייניקע אידישע ביינק וואס האבן ביז איצט געארבעט אום שבת זאלן זיין שבת געשלאסן.

וועגן דער פראגע פון באנק, וועלכן די ארגאניזאציע איז צוגעטראטן צו שאפן רעפערירט ה׳ מ. וועקסלער.

ה׳ מ. וועקסלער גיט אפ א באריכט וועגן דער ארגאניזירונג פון באנק און ווייזט אויף אף דער וויכטיקייט וואס די גרינדונג פון אזא באנק שטעלט מיט זיך פאר. די באנק האט א דאפלטע באדייטונג: א באנק, וואס וועט זיין שבת געשלאסן און באשעפטיקן נאר שומרי שבת וועט האבן א דעמאנסטראטיווע באדייטונג, און דער עיקר אז זי וועט קענען אויסהעלפן מיט הלואות סוחרים און האנטווערקער וואס נייטיקן זיך אין הלואות. דער רעדנער באקענט די אנוועזנדע מיט די הויפט פונקטן פון באנק אנווייזנדיק, אז א פאי וועט קאסטן 20 לאט און מען וועט קענען לייען אין פינף מאל אזוי פיל ווי פיל פאיען מען האט. ה׳ וועקסלער פאדערט אויף אלע מיטגלידער פון שומרי שבת זיך איינצושרייבן אלס מיטגלידער פון באנק ווי אויך צוטרעטן צו דער ארבעט פון זאמלען פאיען

ראטמאן ש. י. וויטנבערג טרעט ארויס מיט א רעדע וועגן די אופגאבן פון דער פארוואלטונג און פון די מיטגלידער:

„איינע פון אונזערע וויכטיקסטע אופגאבן איז בטל צו מאכן דעם אומצוטרוי וואס האט ביז איצט געהערשט אף דער אידישער גאס צו דער ארג. “שומרי שבת“ — מען האט איר אינאנהויב אפשר באטראכט ווי א נייע געגרינדעטע חברה גלייך מיט אנדערע חברות און מען האט ניט פארשטאנען, אז „שומרי שבת“ איז ניט קיין ענין פון יחיד, נאר אן אלגעמיינע כלל זאך — דאס איז א פאלקס זאך און די ארג. וויל געזונט מאכן דאס גאנצע פאלק. איצט אבער זעט מען אז די באציאונג צו „שומרי שבת“ איז גאר אן אנדערע ווי צו אלע חברות און ארגאניזאציעס — דער עולם האט אנגעהויבן ארויסצוהאבן, אז „שומרי שבת“ טראגט אף איר פאן גאר הייליקע און וויכטיקע אידעאלן, וואס אין זייער פארווירקלעכונג מוז יעדער איינער האבן א חלק“.

די פארוואלטונג פון „שומרי שבת“, ווייזט אוף דער רעדנער האט פיל געלייסטעט אף פארשידענע געביטן. וואס האבן אבער אופגעטאן און געשאפן די מיטגלידער? זיי האבן אבער ליידער דערוויל נאך גארנישט געטאן כאטש אף זיי ליגט אויך א חוב — יעדער איינער פון די מיטגלידער מוז זען צו העלפן מיט וואס ער קען און יעדער מיטגליד איז מחויב צו שאפן נאך עטלעכע מיטגלידער כדי די ארג. זאל זיך פארשטארקן און פארגרעסערן. ערשט דאן מיט פאריינקטע כוחות און א בריטערע טעטיקייט וועט אפשר זיין מעגלעך בא א פאליטיש גינסטיקן מאמענט ווירקן אף דער שטאט-דומע און דורכזעצן דעם שבת-רו געזעץ. דער רעדנער לייגט פאר צו בילדן בא דער ארג. א רעכטלעכע קאמיסיע וואס זאל זיך באשעפטיקן מיט דער רעכטלעכער לאגע פון זונטיק-רו אין פארשידענע לענדער און צו זאמלען מאטעריאלן וועגן דעם ווי אזוי דער שבת ווערט געזעצלעך אפגעהיט אין די דאזיקע לענדער.

ה׳ יעקב יוסף כץ רופט די אנוועזנדע מיטגלידער צו שטיצן מיט אלע מעגלעכקייטן דעם באנק פון „שומרי שבת“.

א שטארקן רושם אף אלע אנוועזנדע מאכט די ווארעמע התלהבותדיקע רעדע פון הרב הגאון ר׳ מנחם מנדל ז״ה שליטא.

בא א געהויבענער שטילקייט ווערט אויסגעהערט די באגייסטערטע רעדע פון הרה״ג ז״ק, וועלכער איז ניט קוקנדיק אף דעם, וואס אים איז געווען שווער צו קומען אנטיילצונעמען אין דער פארזאמלונג דאך געקומען כדי זיך משתתף צו זיין אין דער בנסי׳ של מצוה און דא פאר אלעמען ארויסזאגן זיין ווארט צו וועלכן אלע זאלן זיך צוהערן אין אלס מורה דרך און רב פון שטאט אויך ארויסטראגן זיינעם א פסק דין, אז יעדער איד וואס היט נאר שבת מוז זיך שטעלן אין די רייען פון דער „שומר שבת“ באוועגונג און זיך פארשרייבן אלס מיטגליד אין דער ארגאניזאציע.

הרה״ג ז״ה גיט צו פארשטיין די וויכטיקייט פון דער ארגאניזירונג אין א פארבאנד פון „שומרי שבת“ אזוי ווי דער אויר הגשמי קורירט דעם מענטשן אזוי ווירקט אויך און דעזינפיקצירט דער אויר הרוחני — דער שלעכטער אויר שאדט דעם מענטשן און דער גוטער אויר היילט אים און מאכט אים געזונט. נאר דאן ווען אלע שומרי שבת וועלן זיך פאראייניקן קענען זיי רייניקן דעם אויר פאר זיך און דער דאזיקער אויר וועט אויך קענען ווירקן אף די מחללי שבת און זיי מהזיר למוטב זיין. דער רב באדויערט זייער וואס עס מערקט זיך צייטנווייז אויך בא ערלעכע אידן א קאלטקייט און גלייכגילטיקייט צום געדאנק פון שומרי שבת אין דער צייט ווען דער פאראייניקן זיך אין איין פארבאנד איז א מצות עשה: „ושמרו בני ישראל לעשות את השבת“, דער זין פון די ווערטער „לעשות את השבת“ איז אז מען זאל זיך אלע פארבינדן כדי דער שבת זאל ווערן אפגעהיט, און „לא השיב משה רבינו שומרים לשמור על שום מצוה, רק על השבת השיב שומרים“ — די מצוה פון שבת שטייט העכער ווי אנדערע מצות און זי פאדערט שומרים.

הרב הגאון ז״ק גיט א ברכה די פארוואלטונג אין איר ארבעט און ענדיקט זיין רעדע מיטן רוף אז ער אלס רב. פסקנט אלס א הוראה אז יעדער איד מוז ווערן א מיטגליד פון „שומרי שבת“ און העלפן אין איר הייליקער ארבעט.

הרב ר׳ שמעון לייב קאדעש באדויערט זייער וואס מען זעט ניט אין דער ארבעט פון שומרי שבת קיין יונגע כוחות און רופט די יוגנט זיך צו ארגאניזירן און אנטיילנעמען אין דער ארבעט פון „שומרי שבת“.

עס ריידן נאך די ה״ה ברויט און י. ברושטין, וועלכע זאגן זיך ארויס וועגן דער באפארשטייענדער ארבעט פון „שומרי שבת“.

צום סוף פון דער פארזאמלונג קומען פאר וואלן אין פארוואלטונג, ראט און רעוויזיאנס-קאמיסיע.

אין פארוואלטונג ווערן אויסגעוויילט פאלגנדע פערזאנען: הר״הג ז״ק, הר״הג אוין, די רבנים בארנציק, קאדעש, גור ארי׳,

# אַלע ווי איינער שטעלט זיך אין די רייען פון דער „שומרי שבת" באַוועגונג.

# פון דער „שומרי שבת" באַוועגונג.

## דער חילול שבת בא דער גרויסער שול.

דער חלול שבת, וועלכער הערשט אף דער אידישער גאַס, פאָדערט די אָנגעשטרייגגטע אַרבעט פון יעדן איינצעלנעם אידן און פון יעדער אידישער אינסטיטוציע, וועלכע האָט די מעגלעכקייט וואָס ניט איז צו טאָן קעגן דער חלול שבת עפּידעמיע. איינער פון די הויפט־פאַקטאָרן אין דער אַרבעט האָט געדאַרפט זיין דער מנין, דער אידישער גייסטיקער צענטר, וואו דער איד דערהויבט זין העהער פון זיירע וואָכעדיקע הו־האַדיקע ענינים און מען האָט די מעגלעכקייט זיך אביסל מיט אים ערנסט דורכצורעדן און אים דעם אמת צו איבערצייגן.

דער מנין האָט געדאַרפט דערציען יונג און אַלט, צו האַלטן הייליק דעם שבת.

ווער רעדט נאָך, אַז דער מנין דאַרף חלילה ניט שוואַכער מאַכן דעם שמירת שבת.

זייער טרויעריק איז דעריבער דער פאַקט פון חלול שבת, וועלכער האָט זיך אָפּגעשפיגלט שבת ראש חדש אייר לעבן דער גרויסער שול אף גאָנגאַל־גאַס.

ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס פון געוויסע קרייזן האָט מען שוין פיל מאָל רעאַגירט אַף דעם איינאָרדנען שבת דעם דאַווענען אף בילעטן, וואָס מוז ברייננגען צום חלול שבת, האָבן זיך דאָך די גבאים פון גאָנגאָל־שול ניט גערעכנט מיט דעם, און פאַרקויפט בילעטן. מען האָט אפילו ניט פּובליקירט אין די צייטונגען, אַז מען קען אנשטאָט ברייננגען דעם בילעט, זאָגן באַם אַרייננגאַנג דעם נומער.

נאָר מען האָט פּשוט אוועקגעשטעלט פּאָליציי לעבן טויער, און מען האָט געפאָדערט בילעטן.

ווי גרויס האָט געדאַרפט זיין דער וויי־געשריי פון יעדן אידן, וועלכער האָט צוגעזען, ווי לעבן דעם מקדש־מעט, לעבן דעם מנין, קומט פאָר אזאַ חלול שבת.

מיר טראָגן אַרויס אונזער שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן די גבאים פון דער שול, וועלכע האָבן פאַראורזאַכט דעם חלול שבת.

מיר פּראָטעסטירן אויך קעגן די, וועלכע האָבן מחלל שבת געווען בפרהסיא לעבן אַ מנין, דורכדעם וואָס זיי האָבן געטראָגן בילעטן. מיר פּראָטעסטירן אויך זייער שאַרף קעגן די, וועלכע האָבן געוואַגט פּרייטיק אָוונט נאָך דער שקיעה אָנצופאָרן אף אויטאָס צום שול.

## דער שמירת־שבת אפן שטראַנד.

מיט דעם דערעפנונג פון שטראַנד־סעזאָן, שווימט אויף די פראַגע וועגן שמירת שבת אין די אידישע געשעפטן, וועלכע געפינען זיך אפן שטראַנד.

ווי עס איז באַוואוסט, איז אפן שטראַנד דערלויבט צו האַנדלען זונטיק, ממילא פאַלט שוין אָפּ אויך די טענה פון האַלטן צוויי טעג פעסט דעם געשעפט און דער נסיון אויב אַזוי איז פאַר די געשעפטן אפן שטראַנד אסך לייכטער ווי אין שטאָט.

מיט וואָס קען מען אָבער ווירקן, אַז די געשעפטן, וועלכע וועלן בשום אופן ניט וועלן פעסט זיין שבת, זאָלן דאָס דאָך מוזן טאָן?

מען קען דאָס אויספירן גאַנץ לייכט, אויב די בעלי־הבתים וועלן קויפן נאָר אין די געשעפטן, וועלכע זיינען שבת געשלאָסן.

דאָס וואָלט מיטברייננגען, אַז אַלע געשעפטן וועלכע ווילן האָבן אידישע לייזונג, וועלן ווילנדיק ניט ווילנדיק מוזן האַלטן זייערע געשעפטן שבת געשלאָסן

זאָלן טאַקע די אידישע פרויען דערפילן זייער הייליקע פליכט, און מיט אַן אויסגעהאַלטענע טאַקטיק מיטווירקן דעם שמירת שבת אין די געשעפטן אפן שטראַנד.

---

סאָסנאָוויק און די ה"ה א. חפץ. א. פ. ווילער, מ. וועקסלער, ש. חאַצקעלעוויץ, י. מאַכעלסאָן, ח. יפה, י. ז. בירנאָוו, ה. גוטמאַן, ח. מ. חאָדאַקאָוו, מ. כ"ץ, י. ברושטין און ג. ענטין.

אין ראַט ווערן געוויילט פאָלגנדע פּערזאָנען: די רבנים קאַלטון, לייבסאָן, לעווי, ליטווין, וועוייער און די ה"ה: ט. כאַראַן, מ. ראָזין, ש"י דובין. י. מ. מייסטער, ז. פיטעל, דאָנבין, א. ד. וועליקמאַן, ז. כ"ץ, ע. כהנער. ק. י. ראַפּאָפּאָרט, ז. בערלין, י. שמוקלער, ב. קלעמפּמאַן, ש. י. פריול, מ. לייבאָוויץ, ז. דערעס, ה. ראַבינאָוויץ, מאָיען, שטיינגאָלד, י. מ. פינגערהוט, י. הורוויץ, צ. פרידמאַן, י. י. כ"ץ, ש. י. וויטנבערג, מ. הורוויץ, ש. וואלד, ריוולין. ש. באַג, מונין, דאַנעמאַן, מייראָוויץ, י. וועקסלער, א. איצקין און ש. י. כ"ץ.

אין רעוויזיאָנס־קאָמיסיע ווערן אויסגעוויילט די ה"ה: פּרוצאַנסקי, ז. לעווין, י. פרידמאַן און א. ג. כ"ץ.

באַ אַ געהויבענער שטימונג שליסט דער פאָרזיצער די פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט אף אַלע אָנוועזנדע געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און מיט אַ באַשלוס צו זיין טעטיק אין די וויכטיקע אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע גייט זיך דער עולם פאַנאַנדער.

— מ

---

## יעדער מיטגליד פון „שומרי שבת" מוז זיך פאַרשרייבן אלס מיטגליד אין דעם „שומרי שבת" באַנק.

# דער ארבעטס־ביוראָ באַ דער אָרגאַניזאַציע „שומרי שבת"

שווער קומט אָן באַ היינטיקע צייטן אַ אידן אַ שומר שבת צו קריגן אַ פּאַסיקע שטעלע. אין אַ צייט ווען דאָס רוב אידישע געשעפטן און פאַבריקן אַרבעטן אום שבת שטייט דעם אַרבעטער און אָנגעשטעלטען פאַר אַ נסיון פון ניט נכשל ווערן ח"ו אין חילול שבת. טרעפט אָפטמאָל אַז אַ לייגגערע צייט גייט אַרום דער אַרבעטסלאָזער מיט אַ ישוב הדעת, ער שלאָגט זיך מיט דער דעה און וואַקלט זיך אויב ער זאָל איבעררייסן מיטן שבת און אָננעמען אַזאַ שטעלע וואו ער איז געצוואונגען צו אַרבעטן אום שבת. געדויערט אָבער באַ איינעם לייגגער און באַ דעם אַנדערן קירצער דער ישוב הדעת און ניט קענענדיק זיך אַנטקעגנשטעלן די טאָג־טעגלעכע פאָדערונגען און באַדערפנישן פאַלט ער אַריין אין אַ יאוש און ווערט אָפטמאָל קעגן זיין אייגענעם ווילן אַ מחלל שבת. מיט דעם תירוץ „די נויט האָט אים געטריבן", וויל ער זיך ריינוואַשן פון דעם חילול שבת. בפרט איז זייער שווער פאַר דער יוגנט בייצושטיין דעם נסיון פון שבת און זי ווערט אַלץ מער און מער אַריינגעצויגן אין דער חילול שבת עפּידעמיע.

דאָס אַלץ האָט איינגעזען די אָרגאַניזאַציע „שומרי שבת" און כדי צו זוכן פאַר די אַרבעטסלאָזע שטעלן, וואו זיי זאָלן ניט דאַרפן מחלל זיין האָט די אָרג. געעפנט אַן אַרבעטס־ביוראָ וואָס זיין אויפגאַבע איז צו באַזאָרגן פאַרשידענע אַרבעט און שטעלן פאַר אַרבעטער און אָנגעשטעלטע וואָס ליידן דורכדעם, וואָס זיי ווילן ניט מחלל שבת זיין. אמת דאָס איז זייער אַ שווערע אויפ־גאַבע, דען וויניק פרייע אָנשטעלונגען זיינען פאַראַן באַ היינטיקע צייטן און בפרט באַ אידן שומרי שבת, דאָך אָבער האָט זיך דעם אַרבעטס־ביוראָ איינגעגעבן צו פאַרשאַפן עטלעכע שטעלעס אין געשעפטן וואָס זיינען שבת געשלאָסן. מיר האָפן אַז ווען די געשעפטס־אינהאַבער וועלן אונז אַנטקעגנקומען און מעלדן אין אַרבעטס־ביוראָ זייערע פרייע שטעלן וועלן מיר קענען פיל העלפן די אָנגעשטעלטע און אַרבעטער שומרי שבת.

דעריבער ווענדן מיר זיך צו אַלע געשעפטס־אינהאַבער און אַרבעטס־געבער, אַז זיי זאָלן וועגן זייערע פרייע שטעלן מעלדן אין אַרבעטס־ביוראָ פון „שומרי שבת", וואו עס זיינען פאַרע־גיסטרירט אַ גרויסע צאָל פון געניטע בוכהאַלטערס, פאַכמענער, אַרבעטער צו פאַרשידענע אַרבעט און אָנגעשטעלטע באַ פאַר־שידענע בראַנזשעס. פון די שטעלעס וואָס „שומרי שבת" האָט ביז איצט פאַרשאַפט הערן מיר זייער ערפרייענדע ידיעות — ביידע צדדים זיינען צופרידן, מיר האָבן די אַרבעטסלאָזע צופרידן געשטעלט געבנדיק זיי אַ שטעלע וואו זיי וועלן ניט דאַרפן מחלל שבת זיין און מיר האָבן אויך דעם בעל־הבית צופרידנגעשטעלט, געבנדיק אים אַן אָרענטלעכן ראַיעלן מענטשן, וואָס דערפילט זיינע התחייבותן.

דער אַרבעטס־ביוראָ געפינט זיך מערקל־גאַס 9 דירה 4 און איז אָפן טעגלעך פון 8 ביז 10 אינאָוונט. עס קען אויך געמעלדעט ווערן דורכן טעלעפאָן 4־2־6־0־2

# די אספה פון „שומרי שבת" אין די רייסישע מנינים.

זונטיק, א' פ' בחוקתי, איז אין גרויסן רייסישן מנין פאָר־געקומען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון אַלע מתפללים מיט די פאָר־שטייער פון דער אָרגאַניזאַציע „שומרי שבת". „שומרי שבת" איז צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן אַ ריי פאַרזאַמלונגען אין די שולן און בתי מדרשים, כדי אויפצוקלערן די וויכטיקייט פון אַ פאַראייניקונג פון אַלע שבת טרייע אידן. אף די דאָזיקע אספות ווערט גערעדט וועגן די נויטווענדיקייט און די צילן פון אזא מין אָרגאַניזירונג און עס ווערן געזאַמלט נייע מיטגלידער. אזעלכע אספות זיינען שוין פאָרגעקומען אין פּיטוי שול, רייסישע מנינים א. א. די פאַר־זאַמלונג אין רייסישן מנין האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם מתפללים און נאָך דער וואַרעמער רעדע פון הרב ר' יואל באַראַנציק האָבן די אָנוועזנדע זיך רעגיסטרירט אַלס מיטגלידער אין דער אָרגאַזיזאַציע „שומרי שבת". דאָ האָט מען געזען אַז אזעלכע פאַרזאַמלונגען זיינען פון אַ וויכטיקער באַדייטונג און האָבן אַ ווירקונג: ערשטנס ווערט די צאָל מיטגלידער פון דער אָרג. פאַרגרעסערט און דורכדעם שטאַרקט זיך די „שומרי שבת" באַוועגונג און צווייטנס ווערט דערווייל אַלץ מער פאַרשפּרייט דער געדאַנק פון שמירת שבת און פון אַ „שומרי שבת" פאַרבאַנד, וואָס דער ערפאָלג פון זיין אַרבעט איז אָפּהייניק אָן דער מיטווירקונג פון די מיטגלידער און פון אַלע אידן וואָס דער שבת איז באַ זיי טייער.

# די באַנק פון „שומרי שבת"

פאָריקע וואָך זיינען באַשטעטיקט געוואָרן די סטאַטוטן פון דעם „שומרי שבת" באַנק. די גרינדער פון באַנק זיינען פאָלגנדע פּערזאָנען: ב. לעווטאַס, א. וואָלשאָנאָק, א. חפץ, מ. וועקסלער, א. פּ. ווילער, ח. יפה, ש. חאצקעלעוויץ, י. ז. פּיטעל און י. ז. בירנאָוו.

מען איז איצט צוגעטראָטן צו זאַמלען פאַיען און אין גיכן וועט דער באַנק דערעפנט ווערן.

יעדער מיטגליד פון „שומרי שבת" קען באַקומען ביז 10 פּאַיען צו 20 לאט אַ פּאַי און וועט באַקומען אַ הלואה פינף מאָל אזוי פיל.

אַלע וואָס ווילן ווערן מיטגלידער אין באַנק קענען זיך איינשרייבן טעגלעך אויך אין ביוראָ פון „שומרי שבת".

# רעגיסטראַציע פון געשעפטן, וואָס געפינען זיך אף שטראַנד.

די אָרג. „שומרי שבת" פאָדערט אויף אַלע געשעפטס־אינהאַבער, וואָס האָבן זייערע געשעפטן אַף שטראַנד צו רעגי־סטרירן זיי אין ביוראָ פון „שומרי שבת", ווייל כדי צו שטיצן די אונטערנעמונגען און געשעפטן, וואָס זיינען שבת געשלאָסן וועט די אָרגאַניזאַציע „שומרי שבת" עמפעלן אירע מיטגלידער צו קויפן אין די געשעפטן וואָס זיינען שבת געשלאָסן.

אין זייערע אייגענע אינטערעסן ווערן דעריבער געבעטן אַלע געשעפטס־אינהאַבער וואָס זייערע געשעפטן אַף שטראַנד זיינען שבת געשלאָסן זיך צו רעגיסטרירן טעגלעך אין ביוראָ פון „שומרי שבת„ מערקל־גאַס 9 דירה 4. טעלעפאָן 4־2־6־0־2.

# אידישע פאבריק אינהאבער! העלפט דער איינ־פירונג פון א פינף־טאגיקע ארבעטס־וואך.

# השבת.*)

מה נפלאו בני ישראל בהליכותיהם כיום שבת קודש! נפלאות יכלה לראות עין בוחן ובודק גנזי עם עולם וסגולות אוצרותיו הרוחנים במתנה הטובה הנתונה לו מאת ה' ו„שבת" שמה. עם כלו, עם עני ודל, אשר חייו תלואים לו מנגד, נהפך ערב שבת עם חשכה לעם מדשני ענג גוף ונפש, לעם שכלו אומר שירה וזמרה, שכל עצמותיו תגלנה כמזמור שיר ליום השבת. לעם אשר מחוטב עציו עד נושא מימיו, מקטניו ועד גדוליו, כל איש ואשה, כלם נהפכים בערוב יום הששי לאצילים, לאנשי קדש, לשאננים ובוטחים, לאוכלי מן, אשר לא תכהה רוחם מעמל יום עובר, ולא ידאגו דאגת מחר...

למען מנוחת יום השביעי, יעבדו כל ששת ימי המעשה. כל מלכת עבודה המפרכת גופם, למען השבת העתיד לבוא, לא יחשכו ידיהם וכל כחותיהם מכל עמל בשר ויגיעת נפש כל ימי השבוע. ומה תגדל החרדה. ומה רב החפזון והמרוצה בערב שבת! הכל חשים רצים, על שפת כל לשון עולה השבת: אוי, הנה היום יפנה, הנה השמש יבא. בעל מלאכה יאיץ בחניכיו עושי מעשהו: „מהרו כל מעשיכם", הגברת במשרתת, החנוני בקונה: „קנה או פנה לך, כי הנה רד היום מאד". העגלון דופק בסוסיו, מנופף ידו, מנופף שוטו, וקורא, „אוי, אוי! הרימו פעמיכם, כי הנה שבת!" שמח ירוץ איש יהודי העירה מקלו בידו, וצרורו על שכמו, ירוץ ולא בכחו, ואבק רגליו עולה על פניו המכוסים בזיע, וכמעט בנשימתו האחרונה יבא אל כיתו עם קריאת השמש לביהכנ"ס, והוא משליך מעליו את צרורו, מתרחץ למשעי, מחליף שמלותיו בה בעת אשר האשה תעלה נרות השבת, וכחלום גז חיש כל עמל דרכו, וכמו לא ייעף ולא חש דאגה ומחסור מימיו! ירדה את ילדיו אל בית אלקים, ובמנוחה שלמה יקרא עם הקהל בנגינה שאננה: „לכו נרננה לה'".

כן גם העגלון יפתח למוסרות סוסיו העיפים, יתפשט משמיכתו העבה והמלוכלכת במי מדמנה ועבטיט, ירחץ את סנדליו הגדולים המגללים בבוץ, יחליף את בגדיו הצואים בבגדי שבת גם הוא. והתהלך כאיש מנוחה אל „קלויז העגלונים". כל העיפים והיגעים על פת לחם רעבון כיתם, מהמונינו אשר רבם ככלם הם אורדי יום הולדם, הנם שבים אז יחד עם עשירי עמנו ונכבדיהם, מתהלכים לאט, ידיהם מופשלות לאחוריהם זו כזו, בלב שקט כשרים זהב להם, כמרגישים ברב טוב הצפון להם בבתיהם, כמו חיים הם ביום שכלו שבת. כל איש יבא אל ביתו בפנים שוחקות ומאירות, האשה נות בית ובנותי' ששות לקראתו מדי יברך אותן בברכת שבת טוב, וכמו מלאכי שלום יחד עם האשה יקדמו פניו בשיר: „יונה מצאה בו מנוח ושם ינוחו יגיע כח" והוא יענה ויאמר: „שלום עליכם מלאכי השלום"... „אשת חיל מי ימצא".

על טהרת מנוחה וקדושה ישבו איש וביתו ושתיליהם הטהורים מסביב לשלחנו. שלוים ושאננים כאנשים אשר לא ראו עני ולא שבעו רגז מימיהם ואין כל דאגת העתיד בלבבם. שלחנם מלא נחת, ופיהם מלא זמירות לשבת. כחזן ומקהלה ישיר בעל הבית ובנו ואורחו ויריעו בזמירות מטוב לב שמח המתענג על ה' ושבת קדשו. אכן לא בנזירות מתענוגי הגוף יענג נפשו ואת השבת, כי נם להטבע יתן חלקו במדת הדין האמת והשלום על פי התורה, וקרא לשבת ענג במאכל ומשתה ושינה מתוקה. ובכל זאת ישכים קום כשעה או שתים אחר חצות לילה מלילות החורף ללמוד או לשמוע תורה ומוסר, או לאמר תהלים בבית המדרש. רבים מבעלי מלאכה אשר יבא אליהם ה"רבי" לבתיהם, ולמרות כל עמלם בכל ימי השבוע אשר יבלו במועט שינה ובמעוט שיחה עם נשותיהם מקצר רוח ומעבודה קשה, תשיש האשה להעיר את אישה משנתו, שנת עובד מתוקה, וממנוחתו הטובה לעיף, לקום לקחת תורה מפי ה„רבי", ומאושרה היא בעיניה, לשמוע מבעד יריעות משכנותיה את ה"רבי" ואישה בנגון מנגנים את הפרק משניות, שו"ע או עין יעקב.

כה יהגו כמעט כל העם בתורה עד תפלת השחר, ויתפללו בנעימה בשירה ובזמרה. ושבו לבתיהם שמחים וטובי לב. יקדשו על היין, אך לא יהללו קדושת היום כשכרון. יתענגו על רב טוב אשר הכינו ביום הששי, המה ונשותיהם ובניהם וה"כחור העני" או ההלך העובר ארח, וינוחו על משכבותם במעט שנת הצהרים הנחשבת בתענוגי השבת גם היא, ושבו אל בית המדרש לעסוק בתורה, או לשמוע דרשת הדרשן ואל תפלת המנחה, וישלחו את השבת במזמורי תהלים לפני הערבית של חול, ובזמירות למוצאי שבת, יתחזקו בתפלתם ותקותם לה' כי ישלח להם את אליהו ומלך המשיח.

ברוך ה' אשר נתן לנו את השבת, כי עוד בימינו גדול כבודו בתוכנו ורבה פעולתו עלינו, לפחת בנו נשמה יתירה, ורוח שירה אשר תעודדנו ותרוממנו מעל לעמל חיי הארץ ותלאותיהם. ואולם לדאבון לב בימינו הננו רואים רק את צל הקדושה והמנוחה השלמה אשר מצאו אבותינו ביום השבת, כי אז גם המוני עמנו נשמרו ממצוא חפצם ודבר דברי חול, ממשא ומתן וכל ענין המביא להשוב לדעת מה ילד יום מחר. כי יעיק אז ענין רע ועסק ביש גם על לב איש אשר לא בצדיקים נמנה, ויאלצהו לפתוח שפתיו לדבר בענין הרע או כעסק ביש ההוא, עד מהרה יזכירוהו האנשים מסביב, ואמרו: „הס, כי לא להזכיר ביום השבת". והוא יקפוץ פיו ויסיח דאגתו מלב, ולא אדבר מלומדי תורה ויראי ד' המצוינים, אשר יקדשו את השבת בכל מושגי גופם ורגשות רוחם!

כמה מהותיקים דברו ביום השבת גם עם נשותיהם ובני ביתם בלשון הקדש, וההרגל ילמד גם אותן לשמוע ולהבין מה הוא סח.

---

*) דער ארטיקל איז גענומען פון ספר „זכרון יעקב" ח' ב. וועלכן עס האט ארויסגעגעבן ר' נטע הלוי ליפשיץ און געהערט דער פעדער פון זיין פעטער ר' צבי הירש ליפשיץ ז"ל.

שמ. וויטענבערג.

# נאָטיצן.

### א׳
## זומערדיקע פּרעסט.

אַלע פרײַנט פון דער „שומרי שבת" באַוועגונג האָבן זיך אופּריכטיק געפרייט זעענדיק דעם גיכן וואוקס פון דער נײַ געגרינדעטער אָרגאַניזאַציע „שומרי שבת", וועלכע האָט פאַר אַ קורצער צײַט זיך דערוואַרבן 700 מיטגלידער. נאָך מער האָט מען זיך געפרייט זעענדיק די ערנערגישע, פּראָדוקטיווע אַרבעט פון פאַראײַן, וועלכער האָט רעגולערע זיצונגען און אָרגאַניזירטן סעקרעטאַריאַט און אַ טיכטיקע פאַרוואַלטונג.

איצט אָבער דאַרף מען אָנהויבן צו קלערן, ווי אַזוי זאָל אָט דער פּראָגרעס אין לעבן פון פאַראײַן א נ ה א ל ט ן ד ו י ע ר נ ד, עס זאָל ניט קומען ח״ו קיין פאַרגליווערונג, און די טעטיקייט פון פאַראײַן זאָל ניט שטיין אויף איין אָרט, נאָר פּראָגרעסירן און פאַרברייטערן זיך.

אַז איצט איז גראָד די ריכטיקע צײַט צו דערמאָנען וועגן דעם און פאַרוואָרענען זיך פון דער סטאַגנאַציע, ווײַזט די ביטערע פּראַקטיק פון אונזער גאַנצן געזעלשאַפטלעך לעבן; ווי עס קומט אין דער נאַטור דער זומער, ווערט אין די פאַראײַנען ווינטער. דאַמאָלסט איז אַ געפערלעכע צײַט פאַר אַ יונגע געזעלשאַפט, וואָרום קוים כאַפּט זי אַביסל פּראָסט, איז דערנאָך שווער, און ווי שווער דעם פּראָסט צו פאַרטרײַבן.

„לאָזט ניט אײַנפרירן דעם שומרי שבת פאַראײַן„ — דאָס דאַרף זײַן אַ לאָזונג פאַר דער זומערדיקער אַרבעט.

ווער־זשע זאָל היטן, אַז די אַרבעט־טעמפּעראַטור זאָל ניט פאַלן? איך, דו, ער? אַז איך פאָר גאָר אויפן שטראַנד, דו פאָרסט אין דובעלן, און ער איז זומער אין עדינבורג? ווער־זשע פאָרט?

דער אמת איז אָבער, אַז קיינער פאַרמאַכט ניט דעם געשעפט, אָדער די קאַנטאָר, אָדער די ווערקשטוב צוליב עדינבורג אָדער צוליב קאַרלסבאַר. מען געפינט די נויטיקע צײַט און די נויטיקע קראַפט פאַרן געשעפט; און מיט וואָס איז שומרי שבת אַ שלעכטער געשעפט? דאַרף מען טאַקע באַצײַטנס זיך אַזוי פעסט אָרגאַניזירן, אַז מען זאָל וויסן אַז זומער ווערט אויך געאַרבעט און געטאָן, אַז אין שומרי שבת קומען פאָר די רעגולערע זיצונגען אויך זומער, אַז דער סעקרעטאַריאַט פונקציאָנירט אויך זומער, אַז די פאַרוואַלטונג וואַכט אויך זומער. מיט טאַקט און ענערגיע קען מען עס אײַנשטעלן אַזוי, אַז „שומרי שבת" זאָל ניט וויסן פון קיין סעזאָנען, נאָר בלײַען בסדר.

### ב.
## דער זשורנאַל — דער וועקער.

ווײַסט איר נאָך וואָס עס דאַרף געשטעלט ווערן אַ וועקער אויפן פאַרוואַלטונגס־טיש פון „שומרי שבת" — דאָס איז אין רעדאַקציע פון דעם „שבת" — דעם מאָנאַטלעכן אָרגאַן פון „שומרי שבת".

אָט דער מאָנאַטשריפט דאַרף פאַרן זומער אַרויפגעבראַכט ווערן אויף אַזאַ הויך, אַז ער זאָל קענען באַלעבן די גאַנצע אַרבעט. דאָס געשריבענע אָדער געדרוקטע וואָרט האָט אין זיך אַן אייגענעם לעבן, אַ בריאה פאַר זיך, די געשריבענע ווערטער רייצן ניט נאָר צו די לעזער, נאָר אפילו צו די שרײַבער. דער זשורנאַל דאַרף געבן אימפּעט, און פאַרטרײַבן יעדע פאַרקאַלכטע, פאַרקנעכטע שטימונג. די טאָגעסאָרדנונג פון דער „שומרי שבת" אַרבעט דאַרפן אַזוי דײַטלעך און פאַרביק באַצײַכנט ווערן, אַז עס זאָל פון איר גאָרנישט ניט פאַרגעסן ווערן.

# פאַרן אידישן קינד.

## די אַלטע בת מלך.

איך גיי זיך איבער דער שטאָט וו. עס איז פרײַטיק פאַר נאַכט. איך גיי אין שול, נאָר וואו... עס איז מעגלעך אין אַ גרויסער שטאָט צו דערגיין אַ שול...

איך ווייס בײַ אונז אין שטעטל פרײַטיק פאַרנאַכט, איז שוין אין מאַרק קיינער ניטאָ, די קראָמען אַלע פאַרמאַכט, וואו ניט וואו הערט זיך אַ קלאַפּערײַ מיט די טירן, די קרעמערינס לויפן שוין אַהיים אָן אַ נשמה, און דאָרטן ניט זייער ווייט לייכט זיך דורך די פענסטער אַ הויכע הויז. העכער און גרעסער פון אַלע הײַזער פון שטעטל, אָט דאָרטן איז די שול. מען גייט צו נענטער און לייכט צו דערקענען, אַז דאָ איז אַ שול. מען זעט לויפנדיק אַהיים מאַנסביל אַלט און יונג, יעדערער אויסגעוואַשן, אויסגעפּוצט און איבערגעטאָן שבתדיק און אינגעלעך אויסגעקעמטע, אויסגעוואַשענע מיט ליכטיקע פּנימלעך און ריינינקע בגדימלעך מיט סדורים אין הענטלעך לויפן, לויפן אין שול אַרײַן, עס איז פּשוט אַ מחיה.

איך דאַרף שוין גאָר באַ קיינעם ניט פרעגן וואו די שול איז, אָבער דאָ אין וו. אין אַ גרויסער שטאָט, עס איז גאָרניט

קענטיק, אַז עס איז ערב שבת. אין די גאַסן רוישט, עס קאָכט ווי אין אַ מיטנוואָך. איך גיי אינמיטן גאַס, פאָרן אָן אַלע ווײַלע אַף מיר פורלייט, אויטאָס און טראַמוויען, גיי איך בײַ דער זײַט, איז קוים וואָס איך מאַך זיך אַ וועג דורך די מענטשן, מען דאַרף זיך דורכשטופּן; עס גייען פיל הערן און דאַמען זייער פײַן געקליידעט ס'איז אָבער נישט שבתדיק, נישט לכבוד שבת, זיי גייען אַלעמאָל אַזוי, אַלע טאָג און אין אַלע צײַטן אפילו אין די נײַען טעג... און אַז פּרוּוו זיך אָפּשטעלן אַ קוק טאָן, וואו דאָ איז ערגעץ אַ שול, פאַרשטופּט מען מיך מי יודע וואו. און דערקען דאָ אַ שול, דורכאויס מויערן פיר=פינף עטאַזשיקע, אַלע גרויס, ליכטיק באַלויכטן און אַלע טאָג גלײַך. עס לויפן מענטשן, אָבער נישט אין שול. דער מיטן שטעקל, דער מיט פעקל, דער מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, דער פאָרט מיט אַ פורמאַן, ווער מיט אַן אויטאָ און ווער מיטן טראַמוויי איך ווער טויב פון טומל, הכלל איך ווייס נישט וואו איך בין אין דער וועלט... עס איז אָבער פאָרט ערב שבת פאַרנאַכט און עס איז שוין שפּעט

איך גיב אַ קוק אָן אַ זײַט, אַף אַ גאַניק בײַ אַ גרויסן מויער זיצט עפּעס איינע אַ אַלטע פרוי אָנגעטאָן שבתדיק. זי זעט אויס זייער אַלט, נאָר די שיינקייט אירע איז נישט געענדערט. אַף איר פּנים ליגט עפּעס אַ הייליקע שיינקייט, און זי איז מיר דאַכט זיך באַקאַנט. פון דעם גרויסן טומל איז מיר די קאָפּ נישט אַף אָן אָרט און איך קען זיך נישט דערמאָנען וואו איך האָב איר געזען.

מײַן נאַטור איז, אַז איך האַלט זייער פון די אַלטע לײַט, איך האָב זייער ליב צו הערן זייערע רייד, זייערע ערציילונגען, הײַנטיקע יונגע האַלטן דאָך, אַז זיי זײַנען קליגער און די אַלטע פאַרשטייען גאָרנישט, זיי שטאָלצירן זייער מיט די נײַע/ אופקלערונגען, מיט די וואונדערלעכע דערפינדונגען, וואָס מען איז דערגאַנגען. מיט דעם סאָרט לעבן, וואָס די יונגע האָבן דערקלערט, וואָס די אַלטע האָבן אַמאָל אַף די אַלע נײַס גאָר קיין שכל נישט געהאַט; אָבער איך האַלט נישט אַזוי, איך ווייס, אַז די יונגע חכמים טוען זייער פיל נאַרישקייט, די יונגע פּריצים, די גראַפן מיט די באַראָנען פּטרן און פירן איבער איבער אין אַ קורצע צײַט די וועלדער מיט די פעלדער, וואָס זייערע אַלטע עלטערן האָבן זיי געלאָזן.

דער עיקר שכל איז צו פאַרשטיין די רעטעניש פון דער בריאה, צוליב וואָס די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, וואָס איז דער צוועק, דער תּכלית פון דעם מענטשנס לעבן, וואָס קומט אַרויס פון דעם טומל, וואָס מען טומלט זיך אַף די זיבציק=אַכציק יאָר, אַ גרויסע חכמה איז צו הערן איבער דער אייגענער נאַטור, דער פאַרשטאַנד זאָל גובר זײַן די געבאָרענע זיטן, דער מח זאָל שולט זײַן אַף דער האַרץ און דעם שכל געפינט מען נאָר בײַ די אַלטע לײַט, זיי פאַרשטייען דעם לעבן פיל בעסער פון די אינגערע, זיי האָבן פּראַקטיקע, נסיונות, זיי האָבן זיך אָנגעזען פאַר דער צײַט פון זייער לעבן גענוג פאַקטן, אַז די וועלט איז נישט באַשאַפן געוואָרן פון ווילטיק וועגן, זיי האָבן זיך אנגעזען גרויסע מענטשן, חכמים, צדיקים און מעשים נפלאים זייער אינטערעסאַנטע, פון זיי איז גוט צו הערן ספּורים און מעשיות און אַזוי בין איך צוגעגאַנגען נענטער צו דער אַלטער און פרעג בײַ איר:

— באָבינקע איר זײַט אַ היגע ?

— איצט בין איך אַ היגע — ענטפערט זי מיר — פאַראַכטאָגן און פאַר צוויי וואָכן בין איך דאָ אויך געווען, און פאַר דריי און פאַר פיר וואָכן אויך, איך בין דאָ נישט שטענדיק, נאָר איין מאָל אין וואָך בין איך אַלעמאָל דאָ.

— הערט באָבינקע -- זאָג איך — און בײַ אונז איז שטעטל זײַט איר געווען ווען עס איז?

— עפּעס איר זײַט מיר זייער באַקאַנט. געווים בין איך געווען — ענטפערט זי — נישט ווייניקער ווי דאָ, איך בראַקיר נישט מיט די קליינע שטעטלעך, איך האָב נאָך דאָרטן, אָפּט מער פאַרגעניגן ווי אין די גרויסע שטעט.

— ווער=זשע זײַט איר פאָרט? איר זעט אויס זייער אַלט. איר זײַט געווען בײַ אונז מסתּמא נישט אין מײַנע צײַטן, האַ?

— וואָס איז? איך בין טאַקע אַלט, די זון מיט דער לבנה זײַנען אינגאַנצן מיט דריי טעג עלטער פאַר מיר, הערסט וויפיל איך בין אַלט? און פונדעסטוועגן, בין איך נאָך, געלויבט דער אויבערשטער, בײַ מײַן כּח, איך קום וואו איך דאַרף, איך פאַרשפּעטיק נישט אַף איין מינוט, אַף אַ סעקונדע נישט, הלוואי וואָלטן אַזוי יונגעלײַט נישט פאַרשפּעטיקן, און דווקא די יונגעלײַט פאַרשפּעטיקן, פון זיי האָב איך די לעצטע צײַט אַ ביסל צרות...

איך שטיי און הער אַזוי פאַרוואונדערט, איך קלער, אַז אפשר פון פיל אַלטקייט רעדט זי נישט צו דער זאַך. עס טרעפט בײַ אַלטע זייער אָפט, אָבער איך הער, אַז זי רעדט מיט אַזאַ פעסטן פאַרשטאַנד, דער קול איז קלאָר און שטאַרק, יעדער וואָרט גייט אַרײַן טיף אין האַרצן, און די מינעס, די תּנועות זײַנען עפּעס אַזוי חנדיק און איר געזיכט פלאַקערט, אָט ווי די ג—טלעכקייט ליגט אַף איר.

— ווער=זשע זײַט איר פאָרט? — פרעג איך — זאָגט מיר שוין באָבינקע.

— איך בין נישט קיין באָבע, איך בין אַלט, אָבער קיין באָבע נישט, איך בין אַ בת=מלך, אַ אַלטע בת=מלך.

איך האָב נישט געוואָגט איבערשלאָגן איר די רייד, און זי דערציילט ווייטער — געוויינטלעך בין איך באַראַקטערנע אַביסל, איך האָב זייער ליב ריינקייט, דאָס איז די ערשטע זאַך, אַז איך קום ערגעץ האָב איך ליב צו דערוויסן אַז עס איז ריין און זויבער אין אַלע ווינקעלעך, אַף די טישן זאָלן ליגן ריינע טישטיכער, ווייסע האַנטיכער, די הויז=לײַט זאָלן זײַן אויסגעוואַשענע, ריין אָנגעקליידעט און וואָס זיי האָבן נאָך זייער פאַרמעגן נאָר ריין אפילו די קליינע קינדער זאָלן אויך זײַן אויסגעוואַשענע, אויסגעפּוצטע, אָט אַזוי האָב איך ליב. אין שטוב זאָל זײַן ליכטיק, נישט נאָר בײַ דעם טיש וואו מען עסט נאָר אין יעדן צימער זאָל זײַן צום ווייניקסטן אַ ליכט און צום עסן זאָל אויך צוגיין עפּעס פײַנער ווי געוויינלעך.

וואָס זאָל איך דיר דערציילן, דעם כּבוד, וואָס איך האָב געהאַט די גאַנצע יאָרן און איצט נאָך אויך, געלויבט איז דער אויבערשטער אין פיל ערטער, אַז מען ריכט זיך אַף מיר, אַף מײַן קומען, קערט זיך די וועלט אַ גאַנצן טאָג. מען וואַשט, מען רייניקט, מען באַקט און מען קאָכט און אַלע קליידן זיך אָן ריינע וועש, ריינע קליידער, אַף דעם עס=טיש שטייען לײַכטער אויסגעשייערטע ריין ווי גאָלד, און ליכט וואָס מער, די פאַמיליע זעצט זיך אַרום טיש, עפּעס מיט אַזאַ שיינקייט, מיט אַזאַ איידלקייט.

דער בעל=חבית זע איך איז פון מיר צופרידן, ער זינגט פון מײַן כּבוד וועגן, ער נעמט אַ גלעזל ווײַן, אַביסל בראַנפן אַליין צוליב מיר און די בעל=הביתטע מיט אַזאַ פרישקייט, מיט אַזאַ מונטערקייט דערלאַנגט און נעמט צו און זעט צופרידן צושטעלן אַלעמען, אַלץ צוליב דעם גאַסט, צוליב דער בת=מלך, דאָס הייסט צוליב מיר, מען לאָזט קיינעם נישט דעם טישטעך פון טיש אַראָפּנעמען...

(פאָרזעצונג קומט).

# ידיעות פון דער אלוועלטלעכער „שומרי שבת" באוועגונג.

## א פראפאגאנדע פאנד פאר א 5 טאגיקע ארבעטס-וואך פון ניט איד. געווערקשאפטן

פון ניו-יארק איז מען מודיע, אז דער „שומרי שבת„ ארג. אין אמעריקע איז געלונגען צו באוויזען דעם אלגעמיינעם געווערקשאפטס-פארבאנד אין אמעריקע צו שאפן א גרעסערן פאנד אף פראפאגאנדירן די אידיי פון א פינף טאגיקע ארבעטס-וואך. מען רעכנט, אז גרעסערע פאבריקס-אינהאבער וועלן זיך באטייליקן אין דעם פאנד.

## הגאון ר' חיים עוזר גראדזענסקי — דער פארזיצער פון פוילישן לאנדעספארבאנד פון „שומרי שבת".

אין ווילנע איז אונטערן פארזיץ פון הגאון ר' חיים עוזר גראדזענסקי פארגעקומען א קאנפערענץ אף וועלכער עס איז געבילדעט געווארן א ראט, וואס באשטייט פון 75 פראצ. ווירטשאפטס-מענטשן. עס איז אויך באשלאסן געווארן זיך אנצושליסן צום אלוועלטלעכן פארבאנד אין בערלין.

## א „שומרי שבת" לאנדעס-ארגאניזאציע אין אפריקע.

דורך דעם אויבערראבינער פראפ. ד"ר י. ל. לאנדוי ווערט איצט געשאפן א לאנדעס-ארגאניזאציע פון דער יאהאניסבורגער ארגאניזאציע „שומרי שבת" מיט א פאראייניקונג פון די אנדערע אפריקאנישע ארגאניזאציעס. דער צענטראל-ביורא וועט זיך געפינען אין יאהאניסבורג.

## א „שומרי שבת" ארג. אין רומעניע.

הרב צירלסאן האט באוויזן די פראגע צו שאפן אין רומעניען א „שומרי שבת" פארבאנד.

---

## די מורשים פון די שולן און מנינים.

יעדער איד, וואס איז ניט איינגעשריבן אין דער ארגאניזאציע „שומרי שבת", קען זיך רעגיסטרירן בא די ספעציעלע מורשים פון די שולן און בתי מדרשים.

די מתפללים פון זיילן שול קענען זיך איינשרייבן בא די מורשים:

ר' יהודה מאיר מייסטער.
ר' שלום חאצקעלעוויץ.
ר' ישראל מענדל מאבעלסאן.
ר' ברוך קלעמפמאן.
ר' ישראל מענדל פינגערהוט.

די מתפללים פון מאטיי שול בא די מורשים:

הרב ר' שמעון לייב קאדעש.
הרב ר' נפתלי הערץ סאסנאוויק.
ר' ארי' אהרן מיראוויץ.

די מתפללים פון מנין דבאזאר בערג בא די מורשים:

ר' אהרון חפץ.
ר' אלעזר פנחס ווילער.
ר' משה ראזין.

די מתפללים פון פיטוי שול בא די מורשים:

ר' אברהם דוד זעליקמאן.
ר' אליהו איצקין.
ר' יהושע זעליק בירנאוו.

די מתפללים פון די רייסישע מנינים בא די מורשים:

ר' עזריאל בהנער.
ר' קלמן יוסף ראפאפארט

די מתפללים פון מנין אף מילן-גאס 109 בא די מורשים:

ר' זלמן בערלין
ר' ישראל שמוקלער.

די מתפללים פון אלט-נייע שול בא די מורשים:

הרב ר' זלמן וועוויער.
ר' הנך רבינאוויץ
ה' מונין.

די מתפללים פון מנין אף גערטרוד-גאס בא די מורשים:

הרב ר' בן ציון לייבסאן.
הרב ר' חיים לעווי.
ר' חיים יפה.

די מתפללים פון זיילן-גאס 87 בא די מורשים:

ה' שטיינגאלד.
ה' מאיען.

די מתפללים פון מנין אפן נאמען פון ר' ישעי' בערלין ז"ל. בא די מורשים:

ה"ה וועקסלער און בעקער.

---

## זייטיקע ידיעה.

אין געשעפט „אמפערע" זיינען איינגעטראפן עלעקטרישע אווטאמאטישע אורן וואס פארלעשן פון זיך די עלעקטרישע באלויכטונג. די דאזיקע עלעקטרישע אורן זיינען זייער נוציק אף צו פארלעשן שבת די באלייכטונג, און זיינען ניט פארבונדן מיט קיין שום חילול שבת.

---

רעדאקטאר: ל. ווײלער·

ארויסגעגעבער ארג. „שומרי שבת„

פאַרזיכערונגס אַגענטור

# י. מ. מאַכעלסאָן

ריגע, גערטרוד־גאַס 34 טעל. 3-4-3-0-2

איבערנעמט צו אויסער־געוויינלעך־גינסטיקע באַדינגונגען פאָלגנדע פאַרזיכערונגען:

פייער, — טראַנספּאָרט, — וואַלאַרען, — איינ־ברוך־דיבשטאָל — גלאָז, — האַפט—קעגן דריטער פּערזאָן, — אַלער אַרט אומפאַל־פאַרזיכערונגען.

## לעבנס־פאַרזיכערונגען:

געוויינלעכע פאַרזיכ.,—געמישטע פאַרזיכ.— אויסשטייער פאַרזיכ., — פאַרזיכערונגען פאַר באַזונדערע אומשטענדן, פאַרזיכערונגען אַף 2 לעבנס מיט איינמאָליקע פּרעמיען־צאָלונגען. אַלע מיט דירעקטע ריק־פאַרזיכערונגען אין די גרעסטע אייראָפּייאישע און אַמעריקאַנישע קאָנצערן.

אנגרא אנגרא

טוך און מאַנופאַקטור וואַרן לאַגער

א גרויסער אויסוואַל פון היגע און אויסלענדישע סחורות

# האַלפּעריז און שער

מילן־גאַס 107 2 טרעפּ הויף

טעל. 26337

קויף אַלערליי אייזן און זעמטלעכע מעטאַלן, יעדן קוואַנטום צו די העכסטע פּרייזן ווי אויך פאַרשידענע מאַשינען

# י. י. כּץ

קר. באַראָן־גאַס 72 טעל. 9-2-3-2-3, 0-7-4-1-9.

קאָלאָניאַל געשעפט

טעגלעך פרישע סחורה. ריעלע באַהאַנדלונג.

# י. כּץ

נייַ דובעלן ניקאָליי פּראָספּעקט 11.

גימנאַזיע

# „תורה־ודרך־ארץ“

קורמאַנאָוו־גאַס 12.

אָפּטיילונג פאַר אינגלעך

אָפּטיילונג פאַר מיידלעך

אָנמעלדונגען פון שילער און שילערינס ווערן אָנגענומען טעגלעך פון 10 ביז 12 אין קאַנצעלאַריע פון שול.

בײַ דער גימנאַזיע עקסיסטירן אויך

## קינדערגאַרטנס

## אַכטונג!

באַשטעלונגען פון קליידער, ווי אויך אויספאַרטיקונג פון אייגענע שטאָף פירט אויס פּראָמפּט און אַקוראַט לויט דער לעצטער מאָדע

# ה. אַראָנעס מאָסקווער־גאַס 24

גאַראַנטירט פאַר כשרע צודאַטן

עס ווערט אויך געגעבן אַף אויסצאָלונגען אין ראַטעס.

עלעקטרישע לאָמפּן און מאַטעריאַל

# אַמפּערע

זינדער־גאַס 25

לייגט פאָר עלעקטרישע און אויטאָמאַטישע זייגערס צום זעלבסטשטיקן פאַרלעשן די באַלייכטונג

## אַכטונג שומאַכער!

איך לייג פאָר צו מעסיקע פּרייזן פאַרשידענע שומאַכער באַדאַרפס אַרטיקלען און לייסטן

# א. ראָזענבערג

שווים־גאַס 22 טעל. 22634

מאָדערנע טאַפּעטן, שרייב־וואַרן, פּאַק־פּאַפּיר און פּאַר־פומעריי־האַנדלונג

**א. צייטלין** מילן־גאַס 92 טעל. 28641

ביליקע פּרייזן.

Spiestuve «Splendid» Rīgā. Kungu ielā 21, Tālr. 27249

DER ŠABOS

Cena 20 santim.

# דער שבת

## חודש זשורנאל

אדרעס פון רעדאקציע:
ריגע מערקל-גאס 9 ד. 4.
ארגאניזאציע „שומרי שבת“ ריגע

פרייז פאר איינצל-פארקויף 20 סאנטים.
פרייז פאר אבאנעם. 2 ל. 50 ס. א יאר.
פרייז פאר אנאנסן 32 ס. שורה פעט.

Redakcija: Riga, Merkela iela 9 dz. 4. Talr. 20624.
P. K. 568.

| № 3 | Rigā, augusts 1929. | ב״ה ריגע, מנחם אב תרפ״ט | ערשטער יארגאנג |
|---|---|---|---|

# № 3

## אינהאלט:

1) מחודש לחודש.
2) שבתדיקע פערל. ה. ספיר.
3) דער שבת. הר״הג ר׳ שמשון רפאל הירש ז״ל
4) למען השבת. שמואל הכהן ד״ר גרינבערג.
5) צו דער קאנפעקציאנס־בראנזשע.
6) צו די שטראנד־לייט.
7) צו די אידישע עלטערן. ה. מ. חאדאקאיי.
8) דער שבת און דאס אידישע פאלק. ה. קלופט.
9) פארשיידענע טיפן.
10) דער שבת און די מענטשלעכע פסיכיק. ה. ברושטיין.
11) אויסצוגן פון די סטאטוטן פון „שומרי שבת“-באנק.
12) פארן אידישן קינד.
31) פון דער „שומרי שבת“ באוועגונג.
14) זייטיקע ידיעות.

אנגרא — אנגרא

פאפיר נידערלאגע

ו. פיטער ריגע — זינדער-גאס 26 — טעלעפאן 29689

פאפיר און שרייב־ווארן —— קאנווערט-פאבריק

# ארג. „שומרי שבת", ריגע

זונטיק, דעם 25 אווגוסט אום 5 אזייגער נאָכמיטיק וועט פאָרקומען

# אן אויסערארדנטלעכע זיצונג פון ראט.

אף וועלכער עס ווערן געבעטן צו קומען אלע מיטגלידער פון ועד און פון ראט.

די זיצונג וועט פאָרקומען בא הרה"ג זכ שליטא אף שטראנד עדינבורג II. גרענץ-גאַס 11.

דער ועד.

---

דרוקעריי

## ב. לעווענבערג

גר. ניי-גאַס 7 טעל. 23957

## ספעציאליטעט

פאפירבייטל פאַר אלע בראַנזשעס.

---

א נ ג ר א　　　א נ ג ר א

קאָלאָניאַלוואַרן-האנדלונג

## ז. לעווין און א. קאוונער

קל. מינסטעריי-ג. 5.　　טעל. 20837

לייגט פאָר פאַרשידענע קאָלאָניאַלוואַרן. שטענדיק אפן לאַ-גער איינגעטראָפענע רוסישע געטריידע. קאָרעקטע באַהאַנדלונג.

---

# דער ארבעטס-ביורא

## בא דער ארגאניזאציע „שומרי שבת"

ווענדעט זיך צו אלע געשעפטס- און קאנטאר-אינהאַבער, ווי אויך צו אַלע אַרבעטסגעבער מיט דער בקשה אָנצומעלדן זייערע פרייע שטעלן אין אַרבעטס-ביוראָ „שומרי שבת".

אין ארבעטס-ביוראָ זיינען פאַראַן רעגיסטרירט אַ גרויסע צאָל פון געניטע בוכהאַלטערס, פאַכמענער צו פאַרשידענע אַרבעט און אָנגעשטעלטע בא פאַרשידענע בראַנזשעס.

אָנמעלדונגען אין ביורא, מערקל ג. 9 ד. 4. טעל. 20624.

---

## אכטונג　　אכטונג

הוי זהיר באיסור שעטנז.
כי אין חכמה ואין תבונה נגד ד'.
באשטעלונגען אף קליידער פון אייגענער שטאָף ווי אויך מיט פאַרטיקע ווערן ריאיל און גוט אויסגעפירט.
גאַראַנטירט פאַר כשרע צודאַטן.

מיט אכטונג

## יוסף אראנעם

גר. מאסקווער ג. 24.

---

## ליכט-בענטשן.

פ' ואתחנן שבת נחמו, 45 אף 8

פ' עקב 28 אף 8
פ' ראה 10 אף 8
פ' שופטים 51 אַף 7

---

# אומזיסט

זיינען אייערע באמיאונגען צו געפינען א דרוקעריי וואס ארבעט אזוי ביליק מיר האבן א ספעציעלן אפטיילונג פאר חיבורים מיט זעצער-שפראך-קענער, און האבן שוין ארויסגעלאזן חיבורים פון בארימטע גאונים וואס באשטעטיקן אין אונזער קארעקטער באהאנדלונג און זויבערע אויספירונג. דרוקעריי «ספלענדיד», ריגע, הערן-גאס 21.
שבת פעסט — זונטיק אפן.

DER ŠABOS

Cena 20 santim.

# דער שבת

## חודש זשורנאל

אדרעס פון רעדאקציע:
ריגע מערקל-גאס 9 ד. 4.
אָרגאַניזאַציע „שומרי שבת“ ריגע

פרייז פאר איינצל-עקזעמפּלאַר 20 סאַנטים.
פרייז פאר אבאָנעמ. 2 ל. 50 ס. א יאָר.
פרייז פאַר אנאָנסן 32 ס. שורה פעט.

Redakcija: Riga, Merkela iela 9 dz. 4. Talr. 20624.
P. K. 568.

ערשטער יאָרגאנג | ב״ה ריגע, מנחם אב תרפ״ט | Rigā, augusts 1929. | № 3

# מחודש לחודש.

### א.

## פון ריגע ביז ניו־יארק.

ווי איז היינט דער מצב פון ארטאדאָקסישן אידנטום ? וואָס פאַר אַ בילד באַקומען מיר ווען מיר קוקן זיך צו צום לעבן פון דער ארטאדאקסישער מאַסע אין פאַרשיידענע לענדער ?

דוכט זיך אַז דער אַלגעמיינער בילד וואָס מען באַקומט איז א טרויעריקער, אַ טונקעלער. די פאַרשיידענע ידיעות וועגן דעם מצב פון אידנטום וואָס מיר זיינען געוואוינט געוואָרן טאָג טעגלעד צו הערן פירן אונז אריין אין אַ טרויעריקער שטימונג.

צי איז דאָס נים אַ סימן אַז דאָס ארטאראקסישע אידנטום איז נים געגוג טעטיק אַף קעגנצושטעלן זיך און באַשיצן זיך פון די אַלע ירידות און מהפכות וואָס קומען פאָר אין אידישן לעבן ?

דאָס זיינען די שאָטן־בילדער. פאַרזונקען איז נאָך די גרויסע מאַסע אין דאָס הומריות, אין דאָס פשוטע גשמיות פון יאָגעניש נאָך אַ רובל פרנסה און איז נים מבחין בין קדש לחול, פון שבת און וואָך. עס פעלט נאָך אָט די גרויסע התעוררות, אָט די דערוועקונג, וואָס זאָל אַ שטויס געבן די אַלע פאַרבלאָנדזשעטע זיך אומצוקערן צום שבת מיטן פולן הארצן, מיט דער פולער איבערצייגונג.

מיר זעען די טונקעלע שאָטנס, מיר טאָרן אָבער אויך נים פאַרמיידן אונזער אויג פון דאָס ליכטיקע וואָס הויבט אָן אַריינצושטראַלן אין אונזער פאַרוואָלקנטן לעבן. און אַזעלכע שטראַלן פון ליכט וואָס הויבן אָן אַריינצודרינגען אין אונזער ארטאדאָקסישן לעבן זיינען שוין פאַראַן. אַן התחלה איז שוין דאָ — און אַ גאַנץ פיינע התחלה. מיר זעען שוין אפילו אויך אַז די קליינע פייערלעך וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שיינען פאַנגען זיך אָן צו פאַרשפרייטן און פאַרברייטערן אין אַ גרעסערע פלאַמיקע ליכט וואָס באַלייכט די פינסטערע ווינקעלעך פון דער אידישער נשמה.

די ארטאדאקסישע פירט אַ מלחמה און די „שומרי שבת“ אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן זיך געשאַפן אין פאַרשיידענע לענדער פירן אַן ענערגישע אַרבעט אַף צו שטאַרקן דעם שמירת שבת און פאַרמיידן אַף ווי וויים מעגלעך דעם חילול שבת. הערן מיר דאָך טאַקע ערפרייליכע ידיעות וועגן די אָנשטרייגונגען פון דער „שומרי שבת“ צענטראַלע אין דייטשלאַנד צו פועלן אַז דער געזעץ פון סטראַבירן די אַרבעטסלאָזע זאָל אויך חל זיין אַף די וואָס פאַרלירן שטעלעס, ווייל זיי ווילן נים שבת אַרבעטן.

און אָט מעלדן די צייטונגען וועגן אַ פאַקט, וואָס איז געשען אין אַמעריקע. פינף טויזנט אידן האָבן דעמאנסטרירט אין ניו-יארק קעגן חילול שבת. אַן עולם פון פינף טויזנט מאַן איז געגאַנגען פון בוד צו בוד אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק און געפאָדערט צו פאַרמאַכן די געשעפטן — מען איז ארום אין גאַס מיט אַן עפנטלעכן פּראָטעסט און דאָס רוב געשעפטן האָבן טאַקע געפאָלגט און גלייך פאַרמאַכט די „ביזנעס“.

# יי ...ישע פאבריק אינהאבער! העלפט דער איינ־פירונג פון א פינף־טאגיקע ארבעטס־וואך.

אט די ידיעה הערן מיר פון אמעריקע — פון א לאנד וואס מיר זיינען די גאנצע יארן געוואוינט צו הערן נאר טרויעריקע ידיעות — אין אמעריקע, אין דער לאנד, וואו אידישקייט איז דוכט זיך אזוי געפאלן איז פארגעקומען אט דער פראטעסט, אט די אויבנדערמאנטע דעמאנסטראציע.

צי איז דאס נים א סימן פון אן ענערגישער ארבעט? איז דאס נים א רעזולטאט פון א גוט ארגאניזירטער אקציע?

מען דארף נאר טאן און מעוד זיין — די מאסע איז פארט מיט אונז.

ב.

## די קראפט פון ארגאניזירונג.

פון דעם פאל וואס איז פארגעקומען אין אמעריקע זעען מיר ווי שטארק עס איז דער כח פון אן ארגאניזירטער מאסע. לא אלמן ישראל. דער ארטאדאקסישער לאגער איז נאך גענוג שטארק, און מיט אן ענערגישער ארבעט קען פיל וואס אויפגעטאן ווערן. מיר האלטן ערשט באם אנהויב — בא דער הקדמה צו די גרויסע מעשיב וואס עס דארפן דורכגעפירט ווערן דורך דער וועלט באוועגונג „שומרי שבת". נאר די עצם ארגאניזירונג, דער צונויפבונד אליין איז פאר אונז זייער וויכטיק. מיר זעען אז יחידים, וואס יעדער איינער איז זיך א וועלט פאר זיך אין זיין לעבנסגאנג, אין זיינע וועלט־השקפות, אין זיינע פאליטישע און פאר־טייאישע אנשויאונגען און אין זיין געזעלשאפטלעכקייט, האבן זיך פאראייניקט און פארקניפט אין א צבור. יעדער פרט, וואס האט געזארגט נאר פאר זיך און זיך געארבעט אף זיין געביט איז געווארן א חלק פון דעם גרויסן כלל, וואס שטרעבט מיט פאראייניקטע כחות צו פארווירקלעכן דעם גרויסן אידעאל פון „זכור ושמור" — דער שבת האט זיי אלעמען פעסט פאראייניקט.

און אט דער צבור וואס האט זיך גענומען האנט בא האנט, זיך באפעסטיקט אין איין גאנצעס, אין א חטיבה אחת, מיט א געאייניקטער פראגראם און שטרעבונג, הויבט איצט אן דורכצופירן זיין ערנסטע און הייליקע שליחות. א נייע באוועגונג מיט פעסטעווארצלען פארצווייגט זיך איבער דער גאנצער וועלט. טאג־טעגלעך קומען אן פרישע ידיעות פון ניי־געגרינדעטע „שומרי שבת" פאר־באנדן — אין אלע וועלט־טיילן האט דער דאזיקער געדאנק אן אפקלאנג געפונען. אין רומעניען האט זיך אנגעהויבן א באוועגונג פארן שמירת שבת, אין טערקיי, גריכנלאנד, יוגאסלאוויען און טשעכאסלאוואקיי האבן זיך „שומרי שבת" ארגאניזאציעס געשאפן. דער אפקלאנג איז אפילו דערגאנגען ביז די אפריקאנער און אמעריקאנער אידן, וועלכע האבן זיך אויך פאראייניקט צו שיצן דעם שבת — צו פארשפרייטן דעם שמירת שבת־געדאנק צווישן זייערע ברידער און ארבעטן האנט בא האנט מיט זייערע ווייטע אבער אין געדאנק און טאט, נאענטע ברידער אין איראפע פארן דערהויבן דעם שבת צו זיין אמתער הויך, צו זיין אמתער פראכט און גלאנץ. עס הויבט זיך אן די באוועגונג און עס מערקט זיך אן התעוררות אויך צווישן די וואס מיר האבן זיי גערעכנט פאר ווייטע גאנצקייט און אחדות אין דער ארבעט פארן שבת האט זיי צו אונז דערנענטערט.

זיינען דען דאס נים קיין סימנים אז דער קאמף פארן שבת נעמט ארום אלץ מערערע קרייזן? איז עס דען נים קיין באווייז אז דער שבת וועט זיך פארשטארקן, וועט זיך דערהויבן צו א העכערער מדרגה און מיר וועלן מנצח זיין?

עס איז קלאר אז דער מצב וועט זיך בייטן, מיר אלע האפן אף ענדערונגען און זיינען זיכער אז עפעס גרויסעס וועט געשאפן ווערן. נאר שטיין אף דער וואך דארפן מיר אלע — מיר טארן נים אפהייניק מאכן אונזער ארבעט פון פארשידענע באדינגונגען און מיר טארן זיך נים איינריידן אין דער שוואכקייט און מאנגל פון אונזערע כחות.

און איר אלע וואס דער שבת איז אים טייער און זעט ווי די נייע גרויסע באוועגונג צושפרייט אירע פליגלען און נעמט ארום אלע אונזערע ברידער וואו זיי זאלן זיך נאר נים געפינען. איר אלע, טארט אין אזא מאמענט נים שטיין פון דערווייטן און זיך גלייכגילטיק צוקוקן צו דער ענערגישער און איבערגעבענער ארבעט פון איינצעלנע יחידים — שטייט נים אזוי ווי פרעמדע, ווי זייטיקע וואס קוקן און שווייגן. קומט און העלפט אונז. קומט צו אונז און זייט צווישן די שאפער און האנט בא האנט וועלן מיר פירן אונזער ארבעט, אונזער קאמף פאר דאס טייערסטע און הייליקסטע — פארן שבת. און שטארק איז אונזער האפנונג אז מיר וועלן מיטן אויבערשטנס הילף מנצח זיין.

ג.

## פארזאמלונגען, קאנפערענצן, קאנגרעסן.

א גרויסע פארזאמלונג וועגן שמירת שבת איז פארגעקומען אין רומעניען, א קאנפערענץ פון די שומרי שבת ארגאניזאציעס איז צושטאנד געקומען אין ירושלים און א צענטראל־קאמיטעט זיצונג פון אלוועלטלעכן שומרי שבת פארבאנד איז איצט פארגעקומען אין בערלין.

דאס אלץ זיינען אבער געווען זיצונגען און קאנפערענצן פון איינצלנע פארבאנדן און ארגאניזאציעס, וואס באטראכטן דעם מצב השבת אין זייער לאנד און זוכן עצות און מיטלען ווי אזוי צו פארשטארקן בא זיך דעם שמירת שבת. איצט אבער שטייען מיר פאר צוויי קאנגרעסן אף וועלכע די שבת־פראגע וועט פארנעמען גאר א חשובן ארט און וועט באהאנדלט ווערן אין אן אלוועלט־לעכן מאסשטאב. דאס איז דער ארטאדאקסישער קאנגרעס, די כנסיה הגדולה וואס וועט פארקומען אין חדש אלול און וואו אפן סדר־היום פארנעמט א וויכטיקן ארט די פראגע וועגן שבת: דאס פראבלעם פון פארזיכערן קעגן ארבעטסלאזיקייט פאר שומרי שבת א. א. וו.

דער צווייטער קאנגרעס איז דער וועלט־קאנגרעס פון אלע שומרי שבת ארגאניזאציעס, און וועט פארקומען אין א פאר חדשים ארום אין בערלין. אין אט דעם אלוועלטלעכן קאנגרעס

וועלן זיין פארטראָטן אַלע מדינות און פאָרשטייער פון אלע לענדער וואו עס עקסיסטירן שומרי שבת פארבאנדן וועלן זיך ארויסזאָגן וועגן דעם מצב השבת אין זייער לאנד און געמיינזאם וועט מען זוכן מיטלען צו לייזן די שוין לאנג אָנגעווייטיקטע שבת פראגע,

דאָס וועט זיין דער ערשטער אלוועלטלעכער קאָנגרעס וואָס וועט זיך פארנעמען אויסשליסלעך מיט דער שבת-פראַגע און דעריבער וועט דער קאָנגרעס זיין א ווענד-פונקט אין דער אנטוויקלונג פון „שומרי שבת" באוועגונג. דער קאָנגרעס וועט זיין א טריבונע פאר פראפאגאנדע און אגיטאציע פארן שבת צווישן דער אידישער וועלט און וועט אויך דעמאָנסטרירן דעם שבת געדאנק צווישן דער ברייטער ניט אידישער עפנטלעכקייט.

איצט, נאָכדעם ווי די באוועגונג האָט זיך שוין צושפרייט איז געקומען די צייט פון פראקטישער ארבעט — די פלענער, פראָגראַם און פאָרם פון וועלבער עס וועט אויסארבעט דער צוקונפטיקער קאָנגרעס. דער קאָנגרעס וועט האָבן א מעגלעכקייט דורך קאָנקרעטע פאקטן און פאָדערונגען וואָס זיינען נעשאפן פון לעבן באשליסן וואָס צו טאָן און אף וואָס פאר א וועג צו פירן ווייטער די אנגעהויבענע ארבעט. פיל וויכטיקע פראגן וואָס זיינען פארבונדן מיטן שבת ווארטן אף זייער לייזונג און דער קאָנגרעס וועט זיי מוזן לייזן — ער וועט דארפן געבן די אמתע ריכטונג און די ריכטיקע ווענדונג אף צו דערגרייכן דעם ציל וואָס די באוועגונג האָט זיך געשטעלט.

עס איז דערווייל שווער פארויסצוזאָגן די פאָרמען אין וועלכע עס וועט זיך אויסדריקן די ארבעט פון קאָנגרעס. איינס איז אָבער קלאָר: — דער וויכטיקסטער רעזולטאט פון קאנגרעס וועט זיין צו פארגרעסערן אונזערע רייען און אויסגעפינען אַלע וועגן און מיטלען, וועלכע זאָלן מאכן די שומרי שבת באוועגונג פאר א באוועגונג פון די ברייטע אידישע פאָלקס-מאסן.

**X.**

# יעדער איד איז מחויב צו זיין א מיטגליד אין „שומרי שבת".

# שבתדיקע פערל.

באַארבעט דורך **ח. ספיר.**

„זכור את יום השבת לקדשו" — געדיינקט דעם שבת צו היילינגן, — אום זונטיק זאָלסטו שוין דערמאָנען דעם קומענדיקן שבת. (מכילתא).

* *
*

דער אויבערשטער זאָגט צו די אידן: מיינע קינדער! באָרגט אַף מיין חשבון די שבת-הוצאות און היילגט דעם היליקן טאָג— און איך וועל שוין באַצאָלן. (ביצה ט"ו).

* *
*

רב הונא פלעגט זיך נוהג זיין צו שיקן אַ שליח אַלע פרייטיק פארנאַכט און אופקויפן אַלע איבעריקע גרינסן וואָס פלעגט איבערבלייבן בא די גערטנער, כדי זיי זאָלן צום נייסטן שבת ניט פארמינערן זייער סחורה צום פרייטיקדיקן מארק. (תענית ב').

* *
*

אמר רב יוסף—רב יוסף האָט געזאָגט: הלואי זאָל מיין חלק זיין צווישן די, וואָס זיינען מקבל שבת אין טבריא, וועלכע שטייט אין אַ נידעריקן אָרט און די זון ווערט באַצייטנס פארשטעלט אונטערן האָריזאָנט — דעריבער איז מען דאָרטן פרי מקבל שבת — און מיט די, וואָס באַגלייטן שבת אין ציפורי, וועלכע שטייט אין קעגנזאַץ צו טבריא אַף אַ באַרג און שפּעט, שפּעט לאָזט זיך דאָרטן די זון אראָפּ אונטערן האָריזאָנט — דעריבער לאָזט מען דאָרטן שפּעט ארויס דעם שבת — בא זיי ביידן זאָל מיין חלק זיין. (שבת קי"ח).

* *
*

רבי חנינא פלעגט זיך ארומהילן און פלעגט שטיין און וואַרטן אַפן אָנקומען פון שבת און פלעגט זאָגן: „קומט לאָמיר ארויס אַנטקעגן די שבת מלכתא!". (ב"ק ל"ב).

* *
*

ושמרתם את השבת כי קודש היא לכם—איר זאָלט היטן דעם שבת, ווייל הייליג איז ער „פאַר אייך" — מגיד — דאָס באַווייזט אַז שבת איז מוסיף קדושה צו די אידן; ווארום וואָס איז דען עס, וואָס זיין כבוד איז שבת געשלאָסן? — ווייל ער היט שבת. וואָס איז דען יענעם וואָס ער שטערט זיך און טוט ניט קיין מלאכה? ווייל ער היט שבת און זאָגט עדות פארן וועלט-באַשעפער, דאָס ער האָט געשאַפן די וועלט אין 6 טעג און האָט גערוט דעם 7-טן. וכן הוא אומר ואתם עדי נאום ד'— און איר זייט מיינע עדות — זאָגט ג-ט, — דאָס איך בין אייער שעפער. (מכילתא).

* *
*

רבנו הקדוש האָט אמאָל געפרעגט בא רבי ישמעאל: — רבי! די גבירים פון ארץ ישראל מיט וואָס זיינען זיי זוכה צו זייערע עשירות? — צוליב זייער פינקטלעכן מעשר — האָט רבי ישמעאל אים געענטפערט. — אין בבל מיט וואָס זיינען זיי זוכה? — ווייל זיי זיינען מכבד די תורה. — און אין די איבעריקע לענדער? — דורך דעם שבר. וואָס זיי זיינען מכבד ערב שבת. ר' חייא דערציילט, אַז איינמאָל איז אים אויסגעקומען

איינגעלאַדן צו זיין בײַ אַ רייכן בעל=הבית אין לודקיא, בײַם טיש האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ הערלעכע פּאַנאָראַמע — זאָגט רבי חייא — איך האָב געזען, ווי מען האָט געבראַכט פאַר אונז אַ גאָלדענעם טיש, וועלכן 15 מענטשן האָבן געמוזט טראָגן, דער טיש איז געווען באַצירט מיט זילבערנע קייטן און געדעקט מיט אַלערליי געשיר און מיט די שענסטע שפּייז, און פאַרשיידנסטע געטרייניק און דעליקאַטעסן, וואָס קען נאָר געבן. בײַם ברייגען דעם טיש האָבן זיי אויסגערופן: לד' הארץ ומלואה! — צו ג—ט געהערט די וועלט און אַלעס וואָס פילט איר אָן! און בײַם צונעמען האָבן זיי אויסגערופן: השמים שמים לד', והארץ נתן לבני אדם, — די הימלען זיינען הימלען פאַר ג—ט, אָבער די ערד האָט ער אָוועקגעגעבן די מענטשן. האָב איך אים געפרעגט, — דערציילט ווייטער רבי חייא — מיין קינד! זאָג מיר מיט וואָס פאַר אַ זכות האָסטו זוכה געווען צו דעם אַלעמען? — איך בין געווען אַ קצב — האָט ער מיר געענטפערט, — זאָגט רבי חייא — און יעדע פעטע און שיינע בהמה פלעג איך זאָגן זאָל זיין אַף שבת, — האָב איך אים געזאָגט — ענדיקט רבי חייא, — געלויבט איז דער אויבערשטער, וואָס האָט דיר מזכה געווען דערצו (שבת קי"ט).

* *
*

ווען אידן וואָלטן היטן 2 שבתים, ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואָלטן זיי גלייך אויסגעלייזט געוואָרן. (שבת קי"ח).

# מתפללים פון די מנינים און שולן! אַרע ווי איינער פאַרשרייבט זיך אַלס מיטגלידער בײַ די מורשים פון די שולן!

## אַ אַלוועלטלעכער שבת־קאָנגרעס אין דעצעמבער.

בערלין. מיט דער באַטייליקונג פון אַ גרויסער צאָל אין עפנטלעכן אידישן לעבן באַוואוסטע פּערזענלעכקייטן איז דאָ פאָרגעקומען אַ זיצונג פון די בערלינער מיטגלידער פון צענטראַל=קאָמיטעט בײַם וועלט=פאַרבאַנד „שומרי שבת". נאָך די באַריכטן וועגן דער אַרבעט פאַר דער פאַרגאַנגענער צייט און אַ דין וחשבון איבער די דערפאָלגן, וואָס מ'האָט ערצילט איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן צונייפרופן אַן אַלוועלטלעכן שבת=קאָנגרעס.

די „שומרי שבת"=אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע האָבן געפאָדערט צונויפצורופן דעם קאָנגרעס אין חדש אויגוסט, אַזוי אָבער ווי ס'איז געבליבן אַ קורצע צייט און ס'פאָדערן זיך גרעסערע פאָרבאַרייטונגען צו אַ וועלט=קאָנגרעס האָט דער אַלוועלטלעכער פאַרבאַנד ניט געקענט זיך אָנשליסן צו דער דאָזיקער פאָדערונג. עס איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָרשלאַג פון קאָנסול ד"ר י. כהן=יפה צונויפצורופן דעם וועלט־קאָנגרעס אין דעצעמבער מאָנאַט אין בערלין. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז אויך באַשלאָסן געוואָרן זיך צו ווענדן צו אַלע רבנים פון גאַנץ וועלט מיט דער אויפפאָדערונג צו ריידן ימים נוראים אין זייערע דרשות וועגן דער באַדייטונג פון שבת און אָנווייזן אַף דער וויכטיקייט צו שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קערפערשאַפט אַף צו באַשיצן דעם שבת.

## דער אידישער קאַמיטעט קעגן קאַלענדער־רעפאָרם.

ציריך. — ווי באַוואוסט איז אין יאָר 1925, ווען דער פעלקער=בונד האָט דעם ערשטן מאָל דיסקוטירט די פראַגע וועגן רעפאָרמירן דעם קאַלענדאַר, צונויפגערופן געוואָרן אַ קאָמיסיע בכדי צו פאַרטרעטן דעם אידישן שטאַנדפּונקט, אין וועלכער עס זיינען אַריין נשיאי הרבנים: הערץ פון לאָנדאָן, לוי פון פּאַריז, פירסט פון ווין, הרב לעווענשטיין פון ציריך און מר. לוסיען וואָלף. ווען דאָ נישט לאַנג איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון דער ליגא פאַר קאַלענדאַר=רעפאָרם אין פּאַריז, וועלכע האָט געדאַרפט אַרויסטראָגן ענטגילטיקע רעזאָלוציעס וועגן די דערמאָנטע פראַגן, זיינען אויך אויסגעהערט געוואָרן רעפעראַטן פון די אידישע פאַרטרעטערס, וועלכע האָבן אויסגעדריקט, אַז די רעפאָרם פון קאַלענדאַר וועט קיינעם ניט ברייגען קיין נוצן נאָר פאַרקערט שטאַרק שעדיקן אַלע רעליגיעס און נאַציעס. נאָך דער קאָנפערענץ איז צונויפגערופן געוואָרן אַן אסיפה פון באַוואוסטע אידישע פּערזענלעכקייטן, און אין אַכט נעמענדיק די אויספּידלעך געשילדערטע שווערע לאַגע, איז באַשלאָסן געוואָרן, צו בילדן אַ וואָס ברייטערע פאַראייניקונג קעגן קאַלענדער=רעפאָרם. אַזוי אַרום פאַרנעמען זיך די גרעסערע אידישע אָרגאַניזאַציעס און אַלע זייערע צוזאַמענפאָרן מיט אָט די פראַגעס און עס ווערט ערנסט געאַרבעט אַרום אַ צענטראַליזאַציע פון אַלע כחות קעגן דער קאַלענדער=רעפאָרם.

דעריבער איז אויך איצט צוגעטראָטן געוואָרן צו פאַרהאַנדלונגען מכח אַ געוויסע פאַראייניקונג פון וועלט=פאַרבאַנד שומרי שבת מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער ליגא קעגן קאַלענדער=רעפאָרם.

הר״הג ר׳ שמשון רפאל הירש ז״ל.

# דער שבת.

## דער שבת פון דער וועלט באשאפונג.

„ויכולו השמים והארץ“.

מיר האבן באטראכט דעם אידישן שבת אין זיין אויסערלעבן אויסזען, און מיר האבן געזען וויפיל ברכה און גליק ער, און נאר ער אליין, קען געבן דעם איד, אלס א טאג, וואס ג—ט האט געהייסן מען זאל אין אים רוען.

אבער דער שבת אליין האט נאך א פיל מערערע באדייטונג; נאך א פיל העכערן און טייערערן אוצר פון ליכט און אמת, קדושה און ברכה, טראגט דער שבת אין זיך, וואס מיר ערווערבן אים פאר אונז, וואס מיר דרינגען אריין אלץ מער און טיפער אין זיין תוך, אין זיין אינערלעכן מהות, וואו מיר באגעגנען זיך ניט בלויז מיטן באטראכטן ג—טס געזעצן איבערפלעכלעך.

ג—טס געזעצן זיינען דאך ענלעך און האבן אין זיך די זעלבע איינגשאפטן פונקט ווי — זיינע ווערק! אפילו דער מענטש, וואס איז גארנישט באקאנט מיט דער נאטור, דערפרייט אים אויך דער בליק פון הימל און ערד, עס דערהויבט אים דער גלאנץ פון אויסגעשטערנטן הימל, ער ווערט אנטציקט פון די פארשידנארטיקע בלומען־פארבן, פון די בשמים־ריחות, פון די בליקן, פון דעם לעבן און וועבן פון די טויזנטער לעבעדיקע באשעפענישן. אפילו דעם אומוויסנדסטן מענטש פארשאפט פיל פארגעניגן, ווען ער מאכט א בלינדן שפאציר אין ג—טס הערלעכער נאטור.

אבער גאנץ אנדערש ווערט דיין אנטציקונג, ווען דו ווייסט נאר אנצורופן מיט די נעמען באטש איניקע שטערן, וואס גריסן דיר פון הויכן הימל; גאנץ אנדערש — ווען דו האסט נאר איניקע ידיעות וועגן די כוחות פון די נאטור־געזעצן, וועלכע מיר באטראכטן אין זייער גאנג. מיט א גאנץ אנדערער, העכערער אנטציקונג קוקסטו אף דער בלום, אף דער בליט, אף דער חיה, אף דעם ווארים, ווען דו ווייסט דעם סוד, דעם געדאנק, וועלכער ליגט אין זייערע פארמען, געשטאלטן, טיילן, גלידערונגען, קרעפטן און אנטוויקלונגען פון זייער דאזיין. פול מיט געדאנקען און באוואוסטזיין וואנדערסטו דאן אין דעם גרויסן ווערקשטאט פון ג—ט דעם מייסטערס געדאנקען באגריסן דיר אומעטום; דא איז ניטא קיין שום זאך, וואס זאל ניט האבן איר באדייטונג, איר ווערט, איר צוועק, קיין שום זאך איז דא ניט קליינלעך. אדרבה, גראד אין קלענסטן קענסטו באוואונדערן די גרויסע און הויכע מייסטערשאפט, וואס ווייזט זיך ארויס בולט פון דעם קלענסטן פעדימל, אין דעם קלענסטן אדערל.

אט אזוי זיינען אויך ג—טס געזעצן. אפילו דעם, וואס האט אין זיי קיין שום ידיעה ניט, ברענגט אויך זייער ערפילונג די גרעסטע ברכה. „א בוים פון לעבן זיינען זיי פאר יעדן, וואס האלט זיך אן זיי“. אבער וואס מער דו דיינקסט און טראכטסט אריין אין די געזעצן פון דער תורה, וואס מער דו ווערסט היימיש און פארטרויסט דיר מיט די געדאנקען, וואס ג—ט אליין האט אין די מצות פון דער תורה אויסגעדריקט, וואס מער עס ווערן פאר דיר קלאר די באציאונגען פון זייערע ארדנונגען, טיילן און באשטימונגען, אלץ מער ווערן זיי פאר דיר אן אומענדלעכער קוואל פון באלערונג און הימלשן גליק, אלץ מער זאגט דיר ארויס יעדע קלענסטע באדייטונג פון דער תורה די העכסטע לעבנס־הנאה, און דו דערקענסט, אז אויך אין דעם דאזיקן געטלעכן קעניגרייך, אין דער תורה, איז ניטא קיין שום פוסטע זאך, וואס עס זאל ניט האבן איר צוועק, איר ציל, „כי לא דבר ריק הוא“, עס איז ניטא קיין שום קליינלעכע און קליינע זאך, „ואם ריק הוא — מכם“, און אויב עס געפינט זיך יא אזוינס, וואס אונז דאכט זיך, אז עס האט ניט קיין ווערט און קיין צוועק, איז עס נאר אונזער שולד, „למה? שאין אתם יגעין בו“ — דערפאר, ווייל מיר גיבן זיך ניט די מי אין דער זאך אריינצודרינגען „כי הוא חייכם — אימתי הוא חייכם? בשעה שאתם יגעין בו“ — אבער ווען מיר זאלן זיך יא געבן די מי, וואלטן מיר אפילו אין דעם קלענסטן וואָרט פון דער תורה געפינען א קוואל פון לעבן, גליק און ברכה.

אויב מיר האבן ביז איצט באטראכט דעם שבת פון זיין אויסערלעכער, אלגעמיינער דערשיינונג, ווילן מיר איצט פארבייפירן פאר אונז די אלע ג—טס־אויסשפרוכן, וואס אנטהאלטן אין זיך ג—טס הייליק ווארט וועגן שבת.

קודם כל, קומט אונז אנטקעגן די ערשטע, עלטסטע קוועלע וועגן שבת, און ווייזט אונז אן אפן שבת, ווי אפן לעצטן שלום־שטיין, ווי אף דער קרוין, אפן ציל און פארפאלקאמונג פון דער גאנצער בריאה!

| | |
|---|---|
| „ויכלו | „און עס זיינען פארפאלקאמט געווארן |
| השמים והארץ | דער הימל און די ערד |
| וכל צבאם; | און זייער גאנצע ארמיי; |
| ויכל אלקים ביום השביעי | און ג—ט האט הארמאנירט אין דעם זיבנטן טאג, |
| מלאכתו, אשר עשה. | זיין ג—טלעכעס ווערק, לויט באשטימונג. |
| וישבות ביום השביעי | און ער האט גערוט אין דעם זיבנטן טאג |
| מכל מלאכתו, | פון זיין גאנצער ג—טלעכער ווערק, |
| אשר עשה. | וואס דערמיט האט ער זי פארפארטיקט. |
| ויברך אלקים את יום השביעי, | און ג—ט האט געבענשט דעם זיבנטן טאג, |
| ויקדש אותו. | און האט אים געהייליקט; |
| כי בו שבת אלקים | ווייל אין אים האט ג—ט גערוט |
| מכל מלאכתו, | פון זיין גאנצן ג—טלעכן ווערק, |

# געשעפטס־אינהאבער „שומרי שבת"! גיט אפ אייערע אנאנסן אין דעם זשורנאל „דער שבת".

אשר ברא אלקים — לעשות".

וועלכעס ג—ט האָט באַשאַפן— אַף דער אַרט אומאויפהערלעך צו פונקציאָנירן".

(בראשית ב. א'—ד').

אין דעם אָנבליק און קעגנוואַרט פון שמים וארץ, פון הימל און ערד; אין דעם אָנבליק פון כל צבאם; אין דעם אָנבליק פון דער גאַנצער, גרויסער מחנה פון באַשעפענישן, וואָס פילן אָן הימל און ערד; אין דעם אָנבליק פון די אַלע אומציליקע קעמפנדע און קאָנקורירנדע שטאָפן און קרעפטן, פון דעם גאַנצן „צבא", פון דעם גרויסן וועלט־קאַמף, ווי עס האָבן אונז טיפזיניק אויסגעטייטשט אונזערע חכמים; פון דעם אָנבליק פון דעם דאָזיקן אַלוועלטלעכן שטרעבן אין קעמפן פון יעדן יחיד און פון גאַנצן כלל — פון יעדן איינציקן באַשעפעניש באַזונדער און פון דער גאַנצער וועלט־האַרמאָניע צוזאַמען — רופט דיר דער שבת אַיעק און זאָגט דיר די באַדייטונגספולע, אינהאַלטסרייכע ווערטער: „ויכלו!" „מלאכתו!" „זיי זיינען פאַרענדיקט געוואָרן", „זיי זיינען איין ווערק, זיי זיינען זיין ווערק!"; קומט דער שבת און רופט אויס, בענטשנדיק און הייליקנדיק, דעם נאָמען „אלקים", „גאָט!" אין גאַנצן רוים פון דער וועלט, און ווייזט אָן אַף דעם ג—ט, וועלכער האָט אַלץ באַשאַפן און פאַרענדיקט, אַף דעם, וועלכער רופט אָן זיין ווערק: הימל און ערד.

ויכולו! זיי זיינען געוואָרן פאַרענדיקט! זיי זיינען ניט נאָר אַנטשטאַנען אין זייער צייט — נאָר דאָס קלענסטע ווי דאָס גרעבסטע, יעדעס באַזונדער ווי אַלע אינאיינעם איז דער אויסדרוק, די פאַרווירקלעכונג פון איין געדאַנק פון דעם, וועלכער האָט ניט גערוט ביז ער האָט זיין געדאַנק אויסגעפירט, ביז ער האָט זיין געדאַנק פאַרענדיקט. די פאַרענדיקונג פון זיין געדאַנק שטייט פאַר דיר, און אַף אים, אַף דעם דיינקער פון אָט דעם געדאַנק און באַשעפער פון דער גאַנצער וועלט „וכל צבאם", פון דער וועלט, וואָס איז פול מיט סתירות און קעגנזאַצן און אויך מיט האַרמאָניע און אהדות, וואָס איז פול מיט מחלוקת און שלום, וואָס איז פול מיט ליבע און אויך מיט האַס, אָט אַף דעם ג—ט, וואָס האָט אויסגעבראַכט דעם געדאַנק פון אָט דער קעמפנדער און דאָך איינהייטלעכער וועלט, אָט אַף אים ווייזט דיר אָן דער שבת.

און דעריבער: מלאכתו! „מלאך": ענגל, שליח. „מלאכה": באַטשאַפטן, שליחות, אויפטראַג, הייסט דאָס ווערק אין דעם גייסט פון דעם הייליקן וואָרט. יעדעס ווערק איז אַ „מלאכה" אַ טרעגער, אַ פאַרווירקלעכער, אַן אויספירער פון דעם מייסטערס געדאַנק. כל זמן עס עקסיסטירט, כל זמן עס ווירקט, עקסיסטירט עס און ווירקט נאָר דורך אויפטראַג פונעם מייסטער; און כאָטש דו זעסט ניט דעם מייסטער, זיין שליח, זיין שליחות, זיין „מלאכה" איז אָבער יעדעס וועזן, סיי דאָס גרעסטע און סיי דאָס קלענסטע אַף דער וועלט; עס שטייט פאַר דיר, ווייל ער האָט אַנידערגעשטעלט. עס ווירקט און עס שאַפט, ווייל ער האָט עס פאַר אַזאַ ווירקן און שאַפן אויסגעטראַכט און באַשאַפן, ווייל ער האָט עס געגעבן קראַפט, שטאָף, פאָרם, באַוועגונג און לעבן און האָט געזאָגט: אָט אַזוי זאָלסטו זיין און אָט אַזוי זאָלסטו ווירקן און שאַפן! און די אַלע נאַטור־געזעצן, וואָס דו ערפאָרשט, זיינען אַלע זיין וואָרט.

נאַראָנים זיינען יענע חכמים, וועלכע טראַכטן גאַנצע טעג און נעכט וועגן די פאַרשידענע נאַטור־שטאָפן פון דער קונסט, וועלכע פאָרשן אויס מיט די פאַרגרעסער־גלעזער פון זייער קורצזיכטיקייט דעם קלענסטן פאָרם־פונקט, וועלכע זעען דורך דעם גאַנצן וועלט־רוים מיט דער הילף פון זייערע טעלעסקאָפן, און ווייל זיי זעען דאָרט, אין דער פאָרשונג, וואונדער איבער וואונדער, ווייל דורך דער הילף פון דער קראַפט, וואָס דער בורא האָט זיי געשענקט, דורך די שמעלץ־אינסטרומענטן און פאַרגרעסער־גלעזער באַגרייפן זיי דאָס ווערק פון דעם מייסטער, — דורכדעם מיינען זיי, אַז זיי זעען, אַז זיי באַגרייפן דעם מייסטער אַליין!

מלאכתו, דאָס וואָס ער האָט אייך געשיקט, דאָס וואָס ער האָט פאַר אייך אַנידערגעשטעלט, זיינע דינער, זיינע מייסטערווערק, אָט זיי מעגט איר טיילן אַף פאַרשידענע טיילן, איר מעגט צושיידן זייערע שטאָפן, איר מעגט פריבן און אויספאָרשן די באַדינגונגען פון זייער פאַרבינדונג, די רעזולטאַטן פון זייער צוזאַמענאָרדנונג, די געזעצן פון זייער אַנטוויקלונג, איר מעגט זיך לערנען צו באַוואונדערן אַלץ מער און מער די חכמה און קראַפט פון דעם גרויסן מייסטער, קוקנדיק אין דעם גרויסן ברעגלאָזן וועלט־רוים, אָדער אין די קלענסטע ברעקלעך, וואָס דאָס אויג קען זיי שוין ניט דערזען — אָבער נאַראָנים זייט איר, ווען איר גלויבט, אַז אויך דעם מייסטער אַליין קענט איר האָבן אין אייערע אויווינס, פאַר אייערע גלעזער, אַף אייערע וואָגן, אונטער אייערע מעסערס! שוטים! איר צענעמט דעם זייגער, כדי איר זאָלט אין אים דעם קינסטלער זוכן, איר בלעטערט דורך דעם בוך, כדי אין אים דעם מחבר צו טרעפן, איר צעשניט דעם בילד, כדי אין אים דעם מאָלער צו געפינען, — דאָס ווערק, די געדאַנקען, די פאָרמען, אָט זיי זיינען אייער וועלט! אָבער אים אַליין, דעם, וואָס האָט די געדאַנקען געטראַכט, דאָס ווערק געשאַפן, די פאָרמען געבילדעט, אים געפינט איר ניט אין אייער קונסט און בילדונגס־וועלט! אפילו איינמאָל קענט איר דאָרט ניט געפינען די אידעלערע פון זיינע געדאַנקען, ניט דעם גייסט, ניט די פרייהייט און דאָס לעבן; אפילו איינמאָל קענט איר ניט קאָנסטרואירן דעם אָנהויב, גאָר דעם ערשטן אָנהויב פון עפעס אַ לעבעדיקן אָרגאַניזמוס. און ווען אפילו די גאַנצע וועלט — זאָל נאָר איבערשטייגן די העכסטע הייך פון דער היינטיקער וויסנשאַפט, „ווען אפילו די גאַנצע וועלט מיט אירע חכמות און חכמים זאָלן זיך צונויפקומען — אַן אמת וואָרט פון אונזערע אַלטע חכמים — וועלן זיי אויך ניט אימשטאַנד זיין צו באַשאַפן אפילו די קלענסטע פליג". נאָר דאָס טויטע, און די בוהות, וואָס ווירקן אינם טויטן נאָר זיי געפינען זיך אין אייער מלוכה. — בײַ דעם ערשטן אַרופטריט אַף דעם שוועל פון לעבן, שווינדלט און ווערט בלינד אייער בליק—און איר מיינט טאַקע באמת, אַז איר האָט שוין אים אַליין, אים, דעם פרייען באַשעפער פון דער וועלט, אין וועלכער איר לעבט, דעם פרייען באַשטימט ער פונם שטאָף, וועלכן איר וועבט, דעם פרייען וועקער פון די נאַטור־קרעפטן, וועלכע איר פרובט, דעם פרייען בילד פון די פאָרמען, וועלכע איר מעסט, דעם פרייען פאַרפאַסער פון די געזעצן, וועלכע איר זוכט, דעם פרייען שיינקער פון לעבן, וועלכן איר באַוואונדערט דעם פרייען דיינקער פון די געדאַנקען, וואָס זייער אלף־בית הויבט איר ערשט איצט אָן זיך צו לערנען! — — — ער מיט זיין פרייהייט און אַלץ, וואָס ער האָט מיט אַ טייל פון זיין פרייהייט באַגנעדיקט, איז פיל העכער פון אייער צאָל און מאָס, פון אייער שיעור וואָס איר קענט באַגרייפן — — — (המשך קומט)

# קויפט אין די געשעפטן און אונטערשטיצט די אונטערנעמונגען וואס זיינען שבת געשלאסן.

שמואל הכהן ד״ר גרינברג

# למען השבת׳

כה בשעה שנתנה השבת לישראל נפתחו שוב שערי ה״גן־עדן״ ולא רק בעד דור יוצאי מצרים, אלא בעד כל הדורות: להט החרב המתהפכת הורחק מדרך „עץ־החיים״. ועם ישראל שלח ידו ואכל מפריו וחי לעולם. .

השבת הפכה את הקללה של „בזעת אפך האכל לחם״ לברכה. השבת המתיקה את העבודה של ימי המעשה ויגיעתה. השבת הביאה כסיפת העבודה לעולם׳ כי חביבה העבודה בעקב המנוחה. השביתה, השביתה את המארה שבמלאכה.

השבת הביאה החופש לעולם. ההשתחררות ממשמעת העבודה התדירית. עבדים היו כ׳ באי עולם, משועבדי העשי׳ כעבד כאדוניו. באה השבת באה החרות. העבדות העולמית כליה נתערערה ביסודותיה, שבתה.

ושלש שבתות נתנו לישראל. שבת ב ר א ש י ת, שבת הבריאה, היום השביעי „ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו״. ברכו במן ויקדשו במן, בשבת הכל אוכל מן המוכן מערב שבת, ושבת ה א ר ץ. השנה השביעית, שנת השמיטה. ללא חרישה ולא זריעה. ושבת ה ד ר ו ר, שנת היובל, המשיבה איש אל אחוזתו ואל משפחתו. מבטלת „קנין הקרקעות כי לה׳ הארץ״ „והארץ לא תמכר לצמיתות. . .

קרוב לאלפים שנה בטלו ה י ו ב ל ו ת וחדלו ה ש מ י ט ו ת בישראל. אבדו לעמנו שני ערכים מסוימים, נסתתמו בעבורנו שני מעינות של ברכה יאושר. נתקיים בנו מקרא שכתוב: „אז תרצה הארץ את שבתותי׳. . . ואתם בארץ איביכם״. עבדים היינו לעבדי הקנין והנכסים. נשכחו שתי השבתות, שבת הארץ ושבת היובל, מארץ החיים. אבל לעולם דוגמה חי׳ ממרצת לחקוי גורמת למעשה רב משנה העתים וסדרי האנושיות החמריותית.

עם — השבתות נפזר לקצוי ארץ ואיים רחוקים. נעקר העץ עם שרשיו ממקור חיותו וחדלה תנובתו. הברכה אחת רק נשארה לו בילקוטו. בכל מקום שגלו ישראל גלתה השבת, שבת בראשית, עמהם. שבת זו, שבמובן ידוע אינה תלוי׳ בארץ, לותם בדרכם. כעמוד איש היתה להם והאיר את דרכם. שבת זו לא עצר כל אויב כח לבטלה הימנם.

שמר ישראל את שבתו בקדושה ובטהרה. והעמים השכנים אדוני הארצות, כשוכני הארמונות וכשוכני המלונות. המה ראו כן תמהו. ראו מהפכת השבת ברחוב היהודים ולא הבינו לרוחה. ראו את הבריות העלובות, התגרנים של ימות החול, הרוכלים ותופשי הפטיש והמספרים ביום השבת ולא הכירום. . . תחתתונים המדוכאים היו למעלה ראש והעליונים שחקו, גזרו, רדפו ונוצחו... העבד ישראל בזוי־עם הי׳ בשבת לבן מלכים, הזקן שבעמים הי׳ בשבת לצעיר הנותן קולו בשיר השירים. . . הצנוע שבאומות פזור בליל שבת קודש הלל ושבח „לאשת חיל״. והמתפרנס כרוח נהפך בשבת לאיש הרוח. הסובב בכפרים הי׳ ליושב אוהלים, יההולך בחושך ראה אור גדול. . .

האב והאם, הבן והבת, שב וילד, נהנו מזיו השבת, על כולם שבתה השכינה, שכינת השבת, נזדקפו הגויות ואורו העינים. איסור המלאכה פרנס את הנשמה, ובטול העבודה הוליד נשמה יתרה. ויהי בית יעקב ביום השבת לבית אלקים, עולם העשי׳ הי׳ לעולם האצילות, כל האומה הישראלית לאומה של אצילים, בני חורין בתוך עולם של עבדות.

עם קבלת השבת נשתכחו כל הצרות, עם הדלקת הנרות נגוזה אפלולית הדאגות, עם חלוף השמלות בא חלוף המחשבות, ועם פריסת המפה פרישת החול. שערי עולם הקדושה נפתחו לרוחה. שפע רננות מלא כל הבתים והרחובות, חרות הגוף וחרות הנפש שלטו בעולם, העולם הזה ההפך „למעין עולם הבא׳ . . .

זוג מיוחד, כליל היופי, היו שבת וישראל, לא זזה ידו של ישראל מתוך ידה של המלכה שבת, בבית ובשוק, בחוצות ובסמטות שלטה השבת, הרדיפות וההגבלות הגדילו את קסם הודה, אם מחוץ שכלה חרב בבית שרד ענג שבת, ואם בימות החול רבו יגון ואנחה, הנה בשבת הי׳ „מנוחה ושמחה אור ליהודים״.

מעין ישועה מפכה בכל עוז היתה לנו השבת, נובע ונוזל, מחי׳ ומפרה, בכל תקופות גלותנו, דמינו כי לעולם לא יכזבו מימיו, היינו כעץ שתול על פלגי מים אלה, אשר לא ימיש מעשות פרי הלולים משמח אלקים ואנשים, במזבו חיינו וממימיו רוינו ומכנף הארץ זמירות שמענו: מזמור שיר ליום השבת!

והנה פתאום נשתנו עלינו סדרי בראשית, הגיעה עת חדשה עם זמירות חדשות, באה תקופת ההשכלה והתרבות המפותחת, באה התקופה ההמצאות והמכונות, התעשי׳ והתוצרות, באה תקופת שווי הזכיות והחופש, תקופה מכשרת להתפשטות רעיון השבת וחזוקו, ויהי להפך! רוח תזזית תקפה את כל העולם, מוקסמי הטכניקה ושכורי ההשכלה קשרו מלחמה נגד השבת,

הראשונים, בדרשם בשם הכלכלה עבודה בלתי פוסקת, והאחרונים, בשנאתם לדת ובשאיפתם להפקרות, כי חרות בהפקרות נתחלפה להם, נטלה המנוחה מן העולם, ובטל ערך הקדושה, ותהי כל הארץ בית־חרושת גדול אחד, וכל העמים מכים בפטיש מכה בלתי סרה. . . טעו וחשבו, שהשבת מביאה לידי בטלה, והבטלה לידי המעטת התוצרת ולשעבוד למלכות שמים שעברה שעתה, ותהי הוראת התקופה: ותור על השבת!

ובגדול הסכנה לאנושיות העובדת לכרוע תחת סבלה,

# יעדער מיטגליד פון „שומרי שבת״ מוז זיך פארשרייבן אלס מיטגליד אין דעם „שומרי שבת״ באנק.

# אלע ווי איינער שטעלט זיך אין די רייען פון דער „שומרי שבת" באוועגונג.

ולהחנק באוירם המעופש של חדרי מבצרי התעשי' נשמעה בחזקה דרישת מנוחת השבת, אבל, לדאבוננו, לא של יום השבת. גברו התחתונים על העליונים, הפועלים על אדוניהם. חקקו ולבסוף קבעו יום מנוחה בכל העולם. אלא שיום מנוחה זה יום הראשון הוא, שמכבר הימים נתקדש משכנינו תמורת יום השבת.

נוצרה כך בעד ישראל החי בגולה שבת של גלות. נולדה צרה לשבת קדשנו שהועם זיוה. נדחתה מנוחה יום השבת ונטלה קדושתה. חולין היו הבתים וחולין כל הרחובות. חולין כל המעשים וחולין כל המחשבות. בתי כנסיות ובתי מדרשות הולכים ושוממים. הידים עסקניות, והחנויות פתוחות ביום השבת. הגלגלים חוזרים, הפנקסים פתוחים והיד כותבת. ושובתים כ—ר א ש ו ן...

חללי חלול שבת מתרבים והולכים. על פת לחם יפשע גבר, ואיש ואשתו עושים שבתם חול. מחללים שבת הבן עם הבת. ערבה כל שמחת ועונג השבה. חמריות גסה ממלאה כל בתי נפשם של צאצאי עם השבת ועול הפרנסה מעיק על כולם. שוקע הכל ביון המצולה של השאיפה לרכוש. נכנע הכל תחת עולה של הכלכלה וצוויה. נדמה כי הכל טובע, נחנק, גוסס, נופל חלל במלחמת הקיום, באבדן השבת...

אבל העם שהביא רעיון השבת לעולם אינו יכול ואינו רוצה לותר-על שבתו הוא. על „יום זה לישראל אורה ושמחה". עם ישראל יודע שהוא חי וקים בזכות השבת. ואוזן ששמעה בהר סני: „ז כ ו ר א ת י ו ם ה ש ב ת ל ק ד ש ו", שומעת עתה את הזעקה שהקיפה את כל בית ישראל על דבר חלול השבת. הלב היהודי מתכוין מכאב ושוב הולם הוא פועם בחזקה. התגברה ההכרה כי צריך להגן על השבת. לצאת בקשרי מלחמה בעד השבה, לעשות את השבת.

ואת אשר לא פללנו ראינו. מסוף העולם ועד סופו נשמע זה מקרוב קול קורא: ה ש ב ת, ה ש ב ת ב ס כ נ ה! ה ב ה נ ת א ח ד ה, נ ס ת ד ר ה, נ ת ח כ מ ה נ צ י ל ה! הקול קול יעקב המנסר ברקיע עולמנו מדאגה לשבת. אחוד הכחות הסיסמה, עבודה משותפת המגמה. והקול לא הי' קול קורא במדבר. מכל תפוצות הגולה נענה לעומתו: אנחנו נחלץ חושים הננו;

מתגייסים כל הכוחות. ונוצרת חזית מאוחדת. קטן וגדול שם הוא: מאיש ועד אשה. מנער ועד איש שיבה. תופשי התורה וחכמי ישראל וגדוליו, אדירי הכלכלה ואנשי המעשה. כל שומר שבת, כל החפץ בקיומה. בלי הבדל מפלגה, בלי חלוקי הסיעות. ומסתפחות כל חבורות עסקני השבת. מתאספים הם כולם מסביב לדגל המונף לאסוף כל המחנות. מסביב לנס המורם לשם ה' ולכבוד השבת מאת ה ה ס ת ד ר ו ת ה ע ו ל מ י ת ש ל ש ו מ ר י ה ש ב ת!

אמנם קשה המלחמה, ארוכה וכבדה. עוד רב הדרך ותקיפים האויבים. לא מעוטים אבני הנגף וצרי המכשול. אבל, אין לך דבר העומד בפני הרצון, בפני רצונו הכביר המאוחד של עם עתיק מלומד במלחמה, בנסים. הלוחם במסירות הנפש בעד אוצר קדשיו. וכך שוב נשקפת תקוה כבירה לנצחון השבת. וכל בית ישראל שוב יזמרו בקול: מזמור שיר ליום השבת! ההסתדרות תנצח בעזרת נותן השבת! — — — — — — — — —

# צו דער קאָנפעקציאָנס בראַנזשע.

## קאָנפעקציאָנערן רעדט זיך צונויף.

דער הויפּט נסיון באַם האַלטן אין ריגע שבת פעסט די געשעפטן, איז די טענה, אַז די גויאישע געשעפטן וועלן צונעמען די שבתדיקע קונדשאַפט און ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט אַנשטאָט דעם צו באַקומען די זונטיקדיקע לייזונג, ווייל זונטיק איז דאָך געשלאָסן, מוזן זיי דערליידער האַלטן שבת אָפן די געשעפטן.

באַטש אינדערעמתן דאַרף דאָס באַ א אידן קיין טענה ניט זיין, דען ערשטנס דאַרף א איד גלויבן אַז ניט מיטן אַרבעטן שבת וועט ער האָבן מערער און ניט מיטן רוען וועט ער האָבן ווייניקער. און צווייטנס. דאַרף א איר קענען אוועקגעבן פאַרן היטן שבת אפילו זיין גאַנצן פאַרמעגן. פונדעסטוועגן איז דאָס אָבער דאָך אַ נסיון.

אַנדערש איז דאָס אָבער באַ די ריגער קאָנפעקציאָנערן. כמעט אַלע קליידער-געשעפטן ליגן באַ אידן אין די הענט, און די טענה וועגן גויאישער קאָנקורענץ האָט דאָ גאָר קיין אָרט ניט.

און טענהט איר זיך טאַקע אַביסל אויס מיט א אידישן קאָנפעקציאָנער, פאַרוואָס ער האַלט אָפן דעם געשעפט אום שבת ענטפערט ער אייך ניט, אַז ער האָט מורא פאַר דער קאָנקורענץ פון גוי, נאָר ער טענהט, אַז עס וועלן אים אויסקאָנקורירן די אַנדערע א י ד י ש ע קליידער-געשעפטן, וועלכע זיינען שבת אָפן.

ווען אָבער אַלע אידישע קליידער-געשעפטן וואָלטן זיך צוזאַמענגערעדט און וואָלטן באַשלאָסן פעסט צו האַלטן שבת זייערע געשעפטן, וואָלט אראָפּ פון זיי דער נסיון.

און אַזוי האָט טאַקע מיט אַ געוויסער צייט צוריק דערקלערט איינער פון די גרעסערע קאָנפעקציאָנערן, אַז אויב אפילו נאָר אַ 2—3 געשעפטן זאָלן באַשליסן צו זיין שבת געשלאָסן, שליסט ער אויך זיין געשעפט.

עס ווילט זיך האָפן, אַז ענדלעך וועלן זיך די קאָנפעקציאָנערן צוזאַמענרעדן און דעם ענין אָפן דערמאָנטן אַרט דערליידיקן צום גליק פון זיך, זייערע קינדער און גאַנצן אידישן כלל.

# לייענט און פאַרשפּרייט דעם זשורנאַל „דער שבת".

## געשעפטס-אינהאבער! רעגיסטרירט אין אייערע אייגענע אינטערעסן אייערע געשעפטן אין דעם ביורא פון „שומרי שבת“.

# צו די שטראנד-לייט.

אויב אנדערע מחללי שבת אין שטאט פרובן זיך נאך צו פארענטפערן מיט בלומרשטע תירוצים פון קלענערע און גרעסערע נסיונות, האבן אבער שוין די שטראנד-לייט אבסאלוט ניט מיט וואס אפילו צו פארענטפערן זייער שרעקלעכן חלול שבת.

און דא וויל איך זיך ווענדן מיט פראגעס צו פארשידענע אידישע גרופירונגען אפן שטראנד.

דאס ערשטע וועל איך פרעגן די קרעמער:

מילא די שטאטישע קרעמער, וועלכע האנדלען שבת טעהנען גיט אונז איניקע שעה אף צו האנדלען זונטיק וועלן מיר שליסן אונזערע געשעפטן שבת.

איר, אבער, אידישע קרעמער אפן שטראנד, איר קענט דאך האנדלען אויך זונטיק, און איר האנדלט דאך טאקע זונטיק טא פארוואס האנדלט איר שבת? מוזט איר דאס טאקע דוקא ארבעטן זיבן טעג אין וואך? קענט איר ניט זיין אף אזוי פיל באוואוסטזיניק, אז מען מעג צוליבן שבת מותר זיין אף די בלומרשטע שבתדיקע פרנסה, זייט איר דען שוין אזוי ווייט אוועק פון אידישקייט, אז איר זייט אימשטאנד מחלל שבת צו זיין בפרהסיא, און ווערן צוליב דעם ענלעך צו א גוי. אזוי, אז ווען איר רירט זיך צום ביישפיל צו צום וויין, טאר מען עס ניט טרינקען. פונקט ווי ווען א גוי זאל זיך דערצו צורירן, און דאס וואס איר קאכט, האט א דין פון געקעכץ, וועלכע איז געקאכט פון א גוי.

ניין, איך וויל בשום אופן ניט גלויבן, אז איר ווילט אוועקגיין פון אידישקייט, נאר איר ווילט אודאי פארבלייבן אידן, און אייער חלול שבת איז נאר, דערפאר ווייל איר באטראכט זיך ניט אמאל ריכטיק, וואס פאר א גרויסן פעלער איר ברענגט מיטן מחלל שבת זיין.

נאר אויב אזוי, טא באטראכט זיך יא, און האלט מער ניט אפן שבת אייערע געשעפטן.

---

א צווייטע פראגע, וויל איך פרעגן די אידישע קונדשאפט. איר ווייסט, אז אין א געוויסע מאס זייט איר שולדיק אין דעם וואס די געשעפטן אפן שטראנד האנדלען אום שבת?

ווי אזוי? — וועט איר פרעגן — וועל איך אייך זאגן:

צום ערשטנס די, וועלכע גייען קויפן אום שבת.

קאלאניאל-ווארן געשעפטן אין שטאט זיינען שבת פעסט און דאך שאדט דאס חס ושלום קיינעם ניט.

און אפן שטראנד, קען נעבעך, די אידענע ניט איינקויפן זיך פרייטיק, נאר מוז דוקא גיין קויפן שבת. און ממילא קומט דערפון ארויס, אז די אידישע בודל האנדלט צוליב איר שבת. אזוי ווייט, אז אפילו צווישן די בודלעך, וועלכע זיינען פעסט שבת, קען מען אויך געפינען אזעלכע, וועלכע האנדלען דורכן הינטערטיר, דען ווי אזוי אנטזאגט מען עס א קונד...

פרעג איך אייך קויפער און קויפערינס: ווי אזוי קענט איר צוליב פשוטע אפגעלאזנקייט, ניט איינקויפנדיק זיך פרייטיק אף שבת אדער צוליב א פרישערע יאגדע, פארשוועכן אליין דעם שבת, און מיטברענגען, אז אויך אנדערע זאלן דאס טאן!

הערט שוין אוף צו טראכטן שטענדיק נאר וועגן אייער קערפער. שוין צייט צו ווערן אביסל מענטשעשער. הערט אוף איינצוקויפן זיך אום שבת!

---

און איצט וועל איך צו א טייל פון די אידישע קויפער און איבערהויפט קויפערינס, וועלכע קויפן שוין ניט שבת, שטעלן א פראגע. פארוואס קויפט איר זיך איין דוקא באם מחלל שבת?

ווען איר וואלט געקויפט נאר באם שומר שבת, וואלט איר דאך געווירקט אף די אנדערע געשעפטן, אז אויך זיי זאלן האלטן שבת געשלאסן זייערע געשעפטן.

נאר אייך ארט עס ניט און איר פארגעסט גאר אינגאנצן, אז דער, וועלכער האט די מעגלעכקייט, צו פארמיידן א אידן פון אן עבירה, און טוט עס ניט, איז אויך זיין עבירה זייער גרויס.

און וואס טוט איר! ניט גענוג וואס איר זעט ניט, אז דער מחלל שבת זאל ווערן א שומר שבת, ווירקט איר נאך שלעכט אף דעם שומר שבת, מיט דעם וואס איר גיט צו לייזן ניט אים, נאר דעם מחלל שבת.

---

דאס איז וועגן די קרעמער. נאר עס איז גאר דא א מוראדיקער חלול שבת אפן שטראנד, וועלכער האט גאר מיט קיין קרעמער ניט צו טאן.

אט צום ביישפיל, דער פארן אף די וועליסאפעדן.

מען מערקט אין ריגע אפשר זעלטן, אז א אידישער בחור אדער א אידישע מיידל זאל פארן שבת אף א וועליסאפעד. אפן שטראנד איז עס אבער שרעקלעך.

מען לויפט אף די וועליסאפעדן נאכדערייא אהער און אהין, אזוי, אז ניט זעענדיק די יונגע פארשוינען קען מען מיינען, אז זיי האבן שוין באוויזן אזוי פארפעטעט צו ווערן, אז אויב זיי זאלן זיך ניט אם שנעלסטן אפציען דורכן פארן איז פשוט „סכנות נפשות“.

נאר אז מען זעט ווי עס פארן ארום אויך גאנץ מאגערע פארשוינען, פארשטייט מען, אז אויב זיי זיינען אפילו ניט אזוי דיק זיינען זיי אבער דערפאר זייער „גראב“.

ווי אומפארשעמט איז געווארן די יוגנט, אויב מען קען זיך ניט אביסל צוריקהאלטן, ווייניקסטנס צוליבן דרך ארץ, פאר אן עלטערן אידן, וואס עס קריינקט בא אים די הארץ צוזעען דעם שרעקלעכן בילד פון חלול שבת אפן ריגער שטראנד.

עס מעגן זיך אויך די עלטערן אביסל פארקלערן וועגן דעם!

---

און איר אידן, שומרי שבת, וועלכע וואוינען אפן שטראנד, מעגט זיך אויך אביסל מער פאראינטערעסירן מיט דעם שמירת שבת דארטן און כאטש מען געפינט זיך אף דערהוילונג, מעג מען זיך פונדעסטוועגן אביסל אנשטריינגן און טאן וואס פארן שבת.

מ—י.

ה. מ. חאדאקאוו.

# צו די אידישע עלטערן.

ג.

## די טעכטער-דערציאונג.

אז מען רעדט שוין אין אלגעמיין וועגן דער ווירקונג פון דער דערציאונג אפן שמירת שבת פון די קינדער, לוינט זיך אפצושטעלן אביסל אף דער טעכטער-דערציאונג.

און אין דער אמת, מוז מען אנאליזירנדיק די חלול-שבת קראנקייט, קומען צו דער איבערצייגונג, אז אף דעם טעכטער-געביט הערשט זי נאך אין א געפערלעכערער מאס.

און נאך ערגער איז, וואס אויך אין דעם עלטערן קרייז, וואס איז פארזארגט, אז זייער קינד זאל זיין א שומר שבת, אויך אין דעם עלטערן קרייז געפינען זיך לײדער פיל, וועלכע צוליב עס הארצות אדער געוואוינקייט, ארט זיי דער חלול שבת פון זייערע טעכטער זייער ווייניק, אדער גארניט.

איך וועט זען א טאטן, וואס בייזערט זיך אף זיין זון, וועלכער קומט פרייטיק צונאכט צו שפעט אהיים, איך וועט הערן א טיפן אכץ פון א מאמען, וועלכע קוקט זיך צו מיט אומעטיקע אויגן ווי איר בנאקל באפט א רויכער שוין אום שבת. און די זעלבע עלטערן קוקן דאס צו גלייכגילטיק ווי זייער טאכטער, טוט אפ כל המלאכות האסורות בשבת.

און אפילו צווישן די עלטערן, וועלכע טראכטן שוין יא אז זייערע טעכטער זאלן היטן שבת, געפינען זיך איין אזעלכע וועלכע באגנוגענען זיך מיט דעם, וואס דער חלול שבת פון זייער טאכטער זאל ניט זיין בפרהסיא אף די גאסן; זיי ארט אבער ניט, וואס אין שטוב ווערט דורך איר דער שבת פארשוועכט אפן העכסטן ארט.

מען דארף אבער ניט זיין גענארט און מען דארף וויסן דעם אמת, אז פרויען זיינען מחויב אין שמירת שבת פונקט אזוי ווי מאנסלייט.

און אויב איך זיינען טייער אייערע טעכטער, דארפט איר, אידישע עלטערן זארגן, אז אויך זיי זאלן פונקט ווי אייערע זין היטן פולשטענדיק דעם שבת.

נאר אויב איינער פון די הויפט-פאקטארן, אז דער קינד זאל זיין א שומר שבת, איז אז ער זאל באקומען זיין דערציאונג אין א פולשטענדיק תורה-טרייען דערציאונגס-אנשטאלט איז עס נאך א גרעסערע נויטווענדיקייט פאר דער אידישער טאכטער.

איך זאג א נאך גרעסערע, ווייל דער חלול שבת פון דער אידישער פרוי איז איצט מער צובראכן, און דעריבער דארף זיין אויך די קוראציע אין א גרעסערן טעמפ.

חוץ דער דירעקטער אידישער דערציאונג דארף די אידישע טאכטער זען אין אירע לערערינס און מיטשילערינס א מוסטער פון א פרוי א שומרת שבת.

זי קען עס אבער ניט באקומען אין א שול פון הפקרות, אין א שול, וואו עס ווערט געלאכט און געשפאט פון אידישקייט בכלל און פון שבת בפרט, אין א שול, וואו די לערער און לערערינס דינען נאר אלס מוסטער פון ענטפרעמדונג פון אלעס, וואס נאר אידיש איז.

און אויב אפילו, פון שטוב אויס וועט אייער טאכטער האבן עפעס א איבערגעבנהייט פארן שבת קען דאס בא איר אויך ניט לאנג האלטן, געפינענדיק זיך אין אזא שלעכטער שול.

נאך אויב איר ווילט טאקע מיט אן אמתן, אז אייער טאכטער זאל אליין א שומרת שבת זיין און זאל אין דער צוקונפט אויך אירע קינדער דערציען אלס שומרי שבת מוזט איר איר אפגעבן נאר אין אזא שול, וואו זי וועט באקומען אן אנטשפרעכנדע דירעקטע דערציאונג, און וועט אויך אומדירעקט באווירקט ווערן פון אירע לערערינס, וועלכע היטן אליין שבת, און זיינען איבער-געגעבן פאר דעם, אז זייערע שילערינס זאלן דעם שבת היטן און אכטן.

ד.

## די שטוב.

נאך א גרויסער פאקטאר אין מאכן דעם קינד פאר א שומר שבת איז די שטוב.

דער קינד דארף אנהויבן איינגעוווינט צו ווערן אין שמירת שבת, שוין באפאר, ער באזוכט די שול. אויך שוין באזיכנדיק די שול איז ער דארטן נאר א געוויסע צייט, דעם גרעסטן טייל אבער פון זיין טאג, און אין פעריען צייט נאכמער פארברייננגט ער דאך אינדערהיים אויך דעם שבת גופא, .ואס דאן דארף ער איינגעוויינט ווערן אין דער פראקטיק פון שמירת שבת, געפינט ער זיך אין שטוב.

עס איז דעריבער נויטווענדיק, אז צו גלייך מיט דער גוטער דערציאונג אין שול, זאל אייך די שטוב זיין צוגעפאסט וואס מערער צו דעם אז דער קינד זאל אין איר געפינען די נויטיקע שבת-אטמאספערע.

אויסער וואס ער דארף געפינען אין די עלטערן מענטשן, וועלכע היטן שבת מיט אלע פרטים, דארף ער אויך אין זיי זען די גרויסע ווארימקייט מיט וועלכע זיי היטן אים אפ, ער דארף אין זיי געפינען א גרייסע איבערגעבנקייט פארן שבת, און דארף לייענען אף זייערע פנימער ווי זיי זיינען צופרידן וואס מיר האבן א שבת.

עס דארף זיך מערקן פרייטיק אין שטוב מיט וואס פאר אן אינטערעס מען גרייט זיך צום שבת.

דער וואשן זיך לכבוד דעם שבת, דער איבערטאן פרייטיק וועש לכבוד שבת, דער אנטאן שבתדיקע קליידער, דאס אלעס, אייסער וואס דאס איז אן און פאר זיך א מצוה שלאגט עס טיפע ווארצלען אין קינדס נשמה און שאפט אין אים אן אכטונג צום שבת.

דער פאטער קומט אפשר טאקע ערב שבת אהיים זייער א פארמאטערטער. ער דארף אבער זען דוקא צו גיין אין מנין צו קבלת שבת, מיטנעמענדיק מיט זיך זיינע קינדער.

דער פרייטלעכער גוט שבת, וועלכער הערט זיך פון פאטער און קינדער, אריינקומענדיק פון שול, דער פרייליכער זינגען פון שלום עליכם, באגייסטערט אייער קינד.

און דער קדושי

עס דארף דערביי זיך טרעפן די גאנצע פאמיליע. עס דארפן זיין באם קדוש פאטער און מוטער זין און טעכטער.

און מוטערס, וועלכע באקן פאר זייערע קליינע אינגעלעך קלײנינקע חלהלעך טוען דערמיט ניט נאר א צייטווייליקן פאר-געניגן דעם קינד, זיי ברייגנען אים דערמיט גליק אף אייביק.

אויך דער אָוונטברויט. ער דאַרף נים אוועקלויפן מיט אימפעט. ער דאַרף אויסער די שבתדיקע שפייז, אנטהאַלטן אין זיך שבתדיקע נגונים, געזונגען אויך דורך די קינדער, אין וועלכע די נגונים ריידן אריין אַזוי פיל רייכע גייסטיקע שמועסן, וואָס עס איז גאָרניט מעגלעך צו מעסטן זייער גרוים.

דער מעביר זיין די סדרה דורכן פאָטער, דער אופפאַסן דאָס זעלבע אַף די קינדער, איז עס דען נים איינער פון די גרונטשטיינער פון שבת בנין באַם אידישן קינד?

דער שבתדיקער טאָג דאַרף דינען דעם פאָטער אויך אַף צו פאַראינטערעסירן זיך אביסל מיט דער דערציאונג פון זיין קינד בכלל, אויב ער איז אפילו נים איננאַנצן אימשטאַנד צו טאָן עס אינדערוואָכן.

און אַזוי דאַרף דורכגיין דער גאַנצער שבתדיקער טאָג, וואו אין פריילעכקייט און פרידן, שטייגט העכער און העכער די נשמה פון דעם דערוואַקסענעם, און עס באַקומט אַ פעסטן אידישן באָדן, דער אידישער קינד.

און באַ דער ווירקונג, וועלכע עס גים די שטוב אפן שמירת שבת פון קינד, שפילט זייער אַ גרויסע ראָלע די מוטער.

מיט צוגרייטן דעם שבתדיקן גלאַנץ און פאַראַד, מיט איר איינגעוואוינען דעם דורך איר דערצויגענעם קינד צו שמירת שבת, מיטן וויזן אליין א לעבעדיקן ביישפיל פון אָפהיטן שבת, מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט, העלפט זי זייער מיט, אַז איר זון און טאָכטער זאָלן האָבן אַ גליקלעכן לעבן, היטנדיק דעם שבת.

# דער שבת און דאס אידישע פאלק.

באַשאָנקען איז דאָס אידישע פאָלק מיט אַ כלי חמדה, מיט אַ ווערטפולע איינשאַפט, מיט אַ טאָג וואָס דערהויבט אים העכער פון אַלע פעלקער. קיין אומה ולשון האָט נים די זכי' צו אַזאַ מתנה, צו אַזאַ ווינקל פון קדושה און דערהייבנקייט, ווייל קיין פאָלק האָט נים די אידעאַלן און דעם תכלית ווי דאָס אידישע פאָלק.

דער שבת איז דער שפיגל פון פאָלק, אין אים זעט זיך אַרויס זיין גאַנצער מהות, זיין רייכקייט און טיפקייט, אין אים סימוואָליזירט זיך דאָס גאַנצע אידישע צאַרטקייט און דערהאַבנקייט און ווייל מען האָבן א ציור פון אידן און זייער גייסטיקע גדלות, טאָ זאָל מען נאָר באַטראַכטן דעם איין חלק פון אידנטום, דעם הייליקן שבת דאַן וועט זיך אַנטפלעקן אַ קוואַל פון גרויסע אוצרות הייליקטום, רו און פרייד ווייל, דאָס אַלץ — באַגלייט דער שבת. ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך, אַ גאַנצע וואָך ביסטו פאַרדרייט, פאַרהאַוועט, דיין מוח און האַרץ, דיינע אַלע חושים זיינען פאַרנומען מיט וואָכעדיקייט, אין קראָם אָדער אין דעם וואַרשטאַט זיינען זיי פאַרקויפט, פאַרשקלאַפט ביסטו פון דיין גוף, ער באַגרענצט דיר ער דערלויבט דיר נים דערפילן דעם טעם פון אַ העכערע וועלט, אַ וועלט פון פאָעטישער זיסקייט.

די נשמה באַוויינט איר גורל זי דאַרף אַ גאַנצע וואָך צוקוקן דעם מענטשנס קליינקייט, זיין באַגרענצקייט דעם אריינטאָן זיך אין דער שפלדיקער וועלט, אָט די נשמה גאַרט, רייסטו זיך בייַנקט צו דעם טאָג ווען דער מענטש טוט זיך אוים פון זיינע חומריות טרייבט אַרוים פון זיינע געדאַנקען אָט דעם וואָכעדיקן גשם. זיין מוח, זיינע געפילן ווערן ריין, הייליק צום שבת, וואָס טוט זיי אָן מיט זיינע הייליקע לבושים און פאַרהייליקט דעם גאַנצן אידישן לעבן. אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן גיסט ער אוים קדושה, אַן אצילותדיקן חן, וואָס גלאַנצט און שיינט און דערוועקט דערהויבענע געפילן.

עס איז נים דער איד פון אַ גאַנצע וואָך, עס איז גאָרניט דער קרעמער אָדער דער בעל-מלאכה, ער דער צוטראָגענער, פאַרדאגעטער און דער פאַרזאָרגטער, ער איז לגמרי אַ אַנדער מענטש, וועלכן דו דערקענסט גאָרניט. אַ אַנדער פנים מיט אנדערע אויגן מיט פריילעכע צופרידענע פול מיט חן, עפעס דערפרישט און דערמונטערט געוואָרן דוכדעם וואָס אין אים איז געוואָרן אַריינגעגעבן אַ אַנדער נשמה, אַ נשמה יתירה. וואָס האָט אים אויעקגעריסן פון דעם וואָכיקן הוהאַ, וואָס איז פאַרשלייערט מיט אומעט און זאָרג. עס איז שבת. אָט דער באַוואוסטזיין רופט אַרוים די נשמה יתירהדיקע חושים, וועלכע הערשן באַ אים דעם

# פאַרשיידענע טיפן.

(אנשטאט א פעליעטאן).

## היים דער „אינטעליגענט".

הייב, אַ גאַנץ ווילער בחור, אפילו נים קיין גרויסער חכם אָבער נים קיין קליינער נאַר.

אַמאָל געוועזן אַ גאַנץ אידישער בחור. געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג, צ'ריינגעכאַפט זיך אַמאָל א בין מנחה למעריב באַ אַ שיעור עין יעקב, מיט איין וואָרט אַ אידישער בחור.

אין אָבער באַשערט דעם בחור אַן אומגליק. פאַדווילט זיך דעם בחור ווערן אַן „אינטעליגענט".

וואָס דאָס איז אַן אינטעליגענט האָט ער קיינמאָל נים געוואוסט און ווייס עס נאָך היינט אויך נים. אָבער אַז אַן אינטעליגענט איז אַ גוטע זאַך האָט ער געפילט מיט זיינע חושים. געהאָלפן האָט עס אפילו, דעם אמת געזאָגט, דאָס וואָס זיין מאַמע פלעגט זיך פאַרשמאַקעווען בשעת זי פלעגט אמאָל זעענדיק ווי איר זונעלע פוצט זיך עפעס מערער ווי געוויינלעך, זאָגן צו אים: אָט היינט זעסטו אוים גאָר ווי אַן „אינטעליגענט".

ווי אַן אינטעליגענט איז נאָך אָבער נים קיין אינטעליגענט, און דעריבער האָט חיים גענומען פאַנטאַזירן ווי צו ווערן דוקא אַן אינטעליגענט.

איינמאָל א שבת פאַרנאַכט איז געזעסן חיים באַם פענסטער און געקוקט אַפן גאַס. געטראַכט האָט ער בשעת מעשה, פאַרשטייט זיך, זיין געוויסע פאַנטאַזיע ווי מען ווערט אַן אינטעליגענט.

אַפן בריקל פון דער הויז, וואו עס וואוינט חיים, זיינען געזעסן איניקע ווייבער און האָבן געשמועסט.

און דאָ גייט פאַרביי אַ שיינער, אידישער יונגערמאַן, אויסגעפוצט פון קאָפ ביז די פים, דער שפאַלט פון זיינע הויזן איז אָפגעבויגן ווי ערשט פון פרעס אַרויס, די שטיוול בלאַנקען ווי אימאַלין אַליין, דער נאָז אינדערהויך, די באָרד פריש ראַזירט, דער גערוך פון זיינע שמירעכץ טראָגן זיך פאַנאַנדער ווייט, ווייט.

„שבת, גראָבער יונג" האָט אויסגערופן איינע פון די ווייבער וועלכע זיינען געזעסן אַפן בריקל, ווען זי האָט דערזען, אַז דער יונגערמאַן האַלט אין מויל אַ פאַפּיראָס און רויכערט.

# שטעלט איז ארבעסט־געבער! מעלדעט אז אייערע פרייע שטעלן און ארבעטס־ביורא פון „שומרי שבת".

גאַנצן שבת און לאָזן ניט צו קיין שום געדאַנק פון וואָכעדיקעס, שליסן אָפּ פון אים אָט די מגושמדיקע וועלט, וועלכע דריקט אים אַ גאַנצע וואָך, פּייניקט אים און לאָזן אים ניט רוען, אָט זיי בריינגען אריין אים אַ רוחניותדיקע וועלט, אַ וועלט פון ג—טלעכקייט, און דאַן הויבט ער אָן צו הערן פון זיינע פליכטן און פון זיינע אופגאַבן' ער הויבט אָן צו דערפילן זיין גאַנצן מהות און זיין תּכלית. ער הויבט זיך אָן אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון וועגן זיינע מעשים פון אַ גאַנצער וואָך צי איז אין זיי ניטאָ קיין אומרעכט און קיין עולות, צי פירט ער זיין געשעפט אין די גרענעצן פון כשר און מותר.

שבת איז דער טאָג, וואָס פאַרבריטערט דעם גאַנצן אידישן פאָלק, אפשר האָט די וואָכעדיקייט צושייד אײן אידן פון צווייטן, אפשר האָט איינער דעם צווייטן צוליב וואָסער ניט איז מאַטעריעלער קטנות אָנגעריידט און אַז עס קומט דער שבת מיט זיין אטמאָספער פון פרייד און פאַראייניקט אַלע אידן רייסט ער ארויס פון זיי אָט די אַלע וואָכעדיקע געפילן פון קנאה שנאה. שבת איז איינהייט, שבת איז ברידערלעכקייט. שבת פאַרטראָגט ניט קיינע רייבונגען. שבת פאַרבינדט און פאַראייניקט. וואָס פאַר אַ ווערדע קענען האָבן אָט די קטנות אָן. דעם רייכן גייסטיקן עונג. איינגעשלונגען ווערן דאַן אָט די אַלע קליינינקייטן אין דעם גרויסן ים פון ג—טלעכער פרייד פון הייליקער רו, וואָס רינגלט אַרום דעם גאַנצן אידישן פאָלק און שאַפן אָט דעם עם הנבחר, דעם אויסדערוויילטן מענטש מיט זיין רייכער נשמה און שיינע מצוות.

אַ באַזונדער אַרט פיינעם אויסזען גיט דער שבת צו דער אידישער משפּחה. דער אידישער פאַמיליען־לעבן קריגט גאָר אַן אַנדער פּנים, די וואָכעדיקייט דערווייטערט אַפילו אײן גליד פון דער פאַמיליע פון צווייטן. דער מאַטעריעלער גורל לאָזט ניט צו אַ גאַנצע וואָך די פולקומע האַרמאָנישע צוגעבונדנקייט פון עלטערן צו קינדער, פון אײן טייל משפּחה צו דער צווייטער, ווייל פאַרשידענע וואָכעדיקע סאָציאַלע באַדינגונגען צעוואַרפן די גאַנצע משפּחה אין פאַרשידענע וועלטן, וואָס פרעמדן אָפּ איינעם פון צווייטן. עס קומט דער שבת דער גאַנצער פאַמיליען-לעבן באַקומט זיין אויסדרוק און תקון, אַלע טיילן פון דער משפּחה גיסן זיך צונויף אין איין מקור, דער אידישער שבתדיקער טיש וואָס גלאַנצט מיט אַ אַצילותדיקן חן פאַראייניקט דעם גאַנצן משפּחה וועזן, ער וועקט אויף די פאַרבאָרגענע געפילן איינער צום צווייטן פון וועלכע עס קומט אַרויס אָט די אהבה די פאַמיליע צוגעטאָנענקייט דער שטאַרקער צוזאַמענבונד פון עלטערן צו קינדער און פון קינדער צו עלטערן פון וועלכע עס איז אָפּהייניק דער שלום און דער גליק פון גאַנצן פאָלק.

מיר זיינען גאָר ניט בכּח אַרויסצוגעבן אין ווערטער דעם גרויסן גייסטיקן אינהאַלט וואָס דער שבת פאַרמאָגט אין זיך. די ווירקונג פון שבת אָבער איז ניט אַף אַלעמען גלייך שבת איז אַ אומענדלעכער קוואַל און יעדער שעפּט אַרויס פון אים וויפיל זיינע כּלים זיינען בכּח אַריינצונעמען אין זיך.

דער שבת שפּריצט אריין אין יעדן אידן פרישע כּחות, אַ נייעם לעבנס שטראָם, וואָס טראָגט אים דורך אַ גאַנצע וואָך. ווי אַ שטראַל פון ליכט באַלייכט ער דעם אידן אין אָט די שווערע פאַרהאָרעוועטע וואָכנטעג. שבת פאַרוואַנדלט דעם אידן אין זיין אמתן מהות, גיט אים צו זיין צלם אלקים, זיין הימעלשן געשטאַלט, דורך אים קריגט דער אידישער פאָלק זיין אמתן תּקון ניט צו זיין אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער מיט זייערע ריין עגאָאיסטישע מאַטעריאַליסטישע השקפות נאָר אַ ג—טלעכער הייליקער פאָלק.

ח. הקופּט.

דער יונגערמאַן האָט עס שוין אָבער ניט געהערט, ווייל ער איז שוין דאַן געווען ווייט פון בריקל.

אַ צווייטע אידענע האָט אָבער ניט געקענט פאַרטראָגן, וואָס מען רעדט עפּעס „שלעכטס" אַפן אויסגעפּוצטן יונגערמאַן און האָט זיך אָפּגערופן.

„ער איז דאָך עפּעס ניט אַבי ווער, ער איז דאָך אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן. אינטעליגענטע יונגעלייט רויכערן אַלע אום שבת".

חיימל וועלכער האָט פון פענסטער בייגעזען די גאַנצע סצענע, איז דאָ געוואָרן אַ לעבעדיקער.

„אָט איצט ווייס איך שוין וואָס צו טאָן, אַז אויך מיר זאָל מען האַלטן פאַר אַן אינטעליגענט".

פון דאַן אָן, האָט אונזער חכם באַשלאָסן צו רויכערן אום שבת.

פאַר דער ערשטער צייט איז אים דאָס ניט געווען לייכט. אָבער וואָס טוט מען ניט אום פאַררעכנט צו ווערן פאַר אַן אינטעליגענט.

און איצט טרעפט איר יעדן שבת דעם „אינטעליגענט„ חיים שפּאַצירנדיק אַפן מאָסקווער פאָרשטאָט מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל.

און זאָל די גאַנצע וועלט ווייסן, אַז איך בין אַן אינטעליגענט!

## „סאָפיא מיראַנאָוונא".

איר זעט איר גאַנץ אָפט אַף די ריגער גאַסן מיט אַ בוך אונטערן אָרעם.

איר אמתער נאָמען איז שרה מאירס, אַ טאָכטער פון אַ בעל־הבתישן אידן אין אַ אידישער שטעטל אין לאַטגאַליען.

נאָר אַזוי ווי שרה איז עפּעס צו אידיש דאַרף מען דעם נאָמען אומבייטן.

זי האָט אפילו באַקאַנטע, וועלכע הייסן אויך שרה, האָבן זיי זיך אַ נאָמען געגעבן „סאַראַ". אָבער אַזוי ווי „סאַראַ" איז שוין צופיל אריין אַף דער אידישער גאַס, זוכט שרה מאירס אַ פּאַסנדערן נאָמען ביז זי געפינט עס אין „סאָפיא", און געבנדיק אַ נאָמען איר טאַטן מאיר להבדיל נאָכן גוי „מיראָן", וועלכער פלעגט אין איר שטעטל בריינגען שבת די אידן טיי פון טראַקטיר.

אידישע פרויען! שטעלט זיך אין די רייען פון דער „שומרי שבת" באַוועגונג.

ח. ברושטין.

# דער שבת און די מענטשלעכע פסיכיק.

ווען שבת וואָלט אין דער תורה ניט געשטאַנען — וואָלט די וועלט אים אַליין געמוזט ערפינדן. דאָס וואָלט אויך געווען די נויטווענדיקסטע, די נוציקסטע און די שענסטע, וואָס מענטשן האָבן, ווען עס איז צוגעטראַכט.

מיר וועלן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף שבת אַלס סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן רו=טאָג, וועלכער גיט דעם אידן די מעגלעכקייט — אַ זיבעטע חלק פון זיין לעבן (גאַנצע צען יאָר פון זיבעציק) צו פאַרברײַנגען אין אַבסאָלוטע פיזישע רו. מיר וועלן זיך אויך ניט אָפּשטעלן אויף שבת אַלס גייסטיקער רו=טאָג, אין וועלכן די פאַרמאַטערטע נערוון באַקומען זייער תיקון דורך רו און יום=טובדיקע שטימונג — מיר וועלן דאָ ניט ריידן פון דעם שבת אום שבת, נאָר פון זיין השפּעה אויף די וואָכעדיקע טעג.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מענטשן מוזן האָבן אַ רו=טאָג און זעלבסטפאַרשטענדלעך איז אויך, אַז דער רו=טאָג טאָר ניט זיין קיין אינדיווידועלער, וואָס יעדער יחיד זאָל קענען אַליין אויסקלײַבן זיך זיין פּריוואַטן רו=טאָג און מאַכן שבת פאַר זיך. די גאַנצע שבתדיקע פרייַלעכקייט וואָלט זיך דאַן אינגאַנצן פאַרלאָרן, אויסער, וואָס עס וואָלט זיין ניט זיכער און ניט דזשעראַפט די עפנטלעכע שטימונג רייסט אַלעמאָל מיט מיט זיך דעם יחיד, וועלכער ווערט מיט געוואַלד צוגעצויגן צום כלל און מוז זיך אויסגלייכן מיט אים, סיי אין זיין אויסערלעכקייט, סיי אין זיין אינערלעכקייט, — טאָ וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט געהאַט דער אינדיווידועלער שבת, ווען יעדער יחיד וואָלט אפילו געוואָרפן, איין מאָל אין זיבן טעג, שער און אייזן, און געמאַכט זיך שבת, בעת אַרום און אַרום טומלט און רעשט, בעת די גאַנצע וועלט קאָכט און פיבערט פון אַרבעט. עס וואָלט נאָר מאַכן דעם איינדרוק, ווי פאַרבלאָנדזשעטער שעפּס, וועלכער פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס פון וועלט=אימפּעט.

„אתי עשה דרכים ודחיעשה דיחיד" — אַ אָנגענומענער מאַמאַ אין דער גמרא. דערפון ציען חז"ל די קאָנסעקווענץ, אַז ווען אַן אבל — וועלכער זיצט אין אַ געדריקטער אבלותדיקער שטימונג — איז נאָר נוהג אבלות כל זמן די עפנטלעכע שטימונג שטערט אים ניט דערצו, ווי אָבער עס קומט יום=טוב און די עפנטלעכקייט נעמט אָן אָפיציעלע שטעלונג ווערט דער פּרט מיט געוואַלד מיטגעריסן מיטן שטראָם און ער מוז פאַרלירן זיין אינדיווידועלע טרויעריקע שטימונג.

ניט אויף דאָס אָבער וויל איך דאָ אָנווייזן — איך וויל זיך אָפּשטעלן אויף שבת ניט אַלס פיזישער אָדער גייסטיקער רו=טאָג, נאָר אויף שבת אַלס הויפּט=פאַקטאָר פונם קאַלענדער=רעגולאַטאָר און צייט=סיסטעמאַטיזאַטאָר. וועלכע שפּילט די געוואַלדיקסטע ראָלע אינם אינערלעכן פסיכישן לעבן פונם מענטשן.

מיר זיינען דערווייל נאָך גאַנץ ווייט פון אַ ריין=וויסנשאַפטלעכער טעאָרעטישער צייט=באַגרינדונג — אַלנפאַלס וואָלט דאָס ניט מעגלעך געווען אין אַ פּאָפּולערן צייטונגס=אַרטיקל. מען דאַרף אָפּריער משיג זיין דעם עצם מהות פון צייט, אום מען זאָל קענען פאַרשטיין דעם פּאָזיטיוון חלוק פון איין צייט ביז דער אַנדערער און קענען מבחין זיין בין קודש לחול. מיר וואָלטן דאַן פאַרשפּאָרט, אפשר, צו שרייבן וועגן דעם שבת=אַרטיקלען און אפשר אויך — די גאַנצע אַרבעט פונם „שומרי שבת"...

אויף אַזוי פיל איז אָבער קלאָר, אַז דער מענטש מוז אַליין קלאַסיפיצירן זיין צייט — איינטיילן איר אין שעה און וואָך, און דער הויפּט — גרינדן דעם קאַלענדער=סיסטעם, וועלכער זאָל באַשטיין פון טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן, ניט נאָר צוליב אָריענטאַציע=צוועקן, נאָר אויך — און אפשר דער עיקר — צוליב דער ערלייכטערונג פון דער מענטשלעכער פסיכיק, זי זאָל ניט פאַרמאַטערט ווערן, זי זאָל ניט פאַלן אונטערן יאָך פון די הויפּנסשווערע איינדרוקן פונם עבר און פון די אָנגעצויגענע שטרעבונגען צום עתיד.

די צייט, וועלכע האַלט דעם מענטשן אין אירע אייזערנע הענט פון זיין געבוירן ביז זיין שטאַרבן וואָלט די מענטשהייט שוין לאַנג איבערדריסיק געוואָרן, ווען זי וואָלט ניט שטענדיק געביטן אירע פאַרבן פון וואָכן=צייט אויף שבת און פון שבת אויף וואָך. „קרעפּלעך עסן ווערט אויך איבערדריסיק" — זאָגט אַ אידיש וואָרט — די צייט, ווי זיס זי זאָל ניט זיין, וואָלט זי מיט דער צייט דערעסן און דער מענטש וואָלט אָנגעוואָרן צו איר זיין גאַנצן אינטערעס. די נאַטור אַליין האָט דאָס אויך פאַרזאָרגט און בייט דעריבער אירע צייטן פון זומער אויף ווינטער און פון ווינטער אויף זומער.

דער וואָס באַאָבאַכטעט מיט אַ פּסיכישן קוק, מיט וואָס פאַר אַ אומגעדולד מענטשן ערוואַרטן דעם זומער אום פּטור צו ווערן פונם ווינטער און אום צו קענען אויסרוען זיך אַביסל אויף דער זומערדיקער דאַטשע, דער זעט אויך, אַז ניט מיט ווייניקער אומגעדולד און נייגעריקייט וויל מען סוף זומער פּטור ווערן פון דער דאַטשע און צוריק אַריינקלייַבן זיך אין שטאָט.

אַ גליק, וואָס די נאַטור בייט אַזוי אָפט אירע וועטערן, ווען ניט וואָלטן מיר ניט געהאַט קיין שום אינטערעס צו איר.

נאָכמער וואָלט זיך דאָס אָפּגערופן כנוגע צו דער צייט. מיר קענען זיך עס גאָרניט פאָרשטעלן, ווי עס וואָלט אויסגעזען די וועלט, ווען זי וואָלט פון אייביק אָן ניט פאַרמאָגט קיין שום גייסטיקייט, קיין קולטור, קיין ערפינדונג — נאָר אַרבעט, פאַרשקלאַפונג און פאַרשקלאַפונג...

שבת גיט אונז, אויסער די מעגלעכקייט, אויך דעם ערשטן נאַטירלעכן שטויס צום העכערן געדאַנק, וועלכער איז דער פאָטער פון יעטווידער ציוויליזאַציע און קולטור. ווען ניט שבת וואָלטן מיר נאָך עד היום געמוזט אַקערן די ערד מיט די פינגער פון אונזערע הענט, ווי אין די גאָר אַלטע צייטן, ווען ניט שבת וואָלטן מיר איצט ניט געלעבט אין אַ תקופה פון ראַדיאָ און אַעראָפּלאַנען...

שבת גיט אַריין אַ ברכה אין אַלע זעקס וואָכעדיקע טעג

דאָס איז נאָך ניט אַלעס — דער עיקר איז, וואָס דורך שבת באַקומט דער מענטש די מעגלעכקייט צו סיסטעמאַטיזירן די צייט אין וואָכן, חדשים און יאָרן, וואָס איז, כמעט צו זאָגן, די גרעסטע ברכה, וואָס די מענטשהייט האָט ווען עס איז פאַרמאָגט. שרעקלעך וואָלט אונז אויסגעקומען צו לעבן אין אַ צייט. וועלכע באַשטייט נאָר פון טעג און פאַרמאָגט ניט קיין מחיצות פון וואָכן, חדשים און יאָרן, וועלכע זאָלן דעם מענטשן מיט געוואַלד אָפּרייסן פון דעם לאַנגן שווערן עבר, און וועלכע זאָלן פאַרדעקן דעם פאַרטונקלטן עתיד; ווען ניט דער וואָכן=סיסטעם וואָלט עס ניט הייסן, דאָס אַ מענטש לעבט אויף זיבעציק יאָר — נאָר עפּעס אַ פּאָר צענדליקער טויזנט טעג. ער ווערט געבאָרן אין די טעג, לעבט אין די טעג און שטאַרבט אין די טעג, ווי די פליגן — וואָס פאַרמאָגן אפשר אויך זייער אייגנאַרטיקן קאַלענדער=סיסטעם,

אין וועלכן א שעה ווערט, אפשר, פארעכנט פאר א יאר — וואלט די מענטשהייט געווען און מען וואלט דאן אפשר אויך געפאלן, ווי די פליגן. קיין מענטשלעכע פסיכיק אין אזא מאס און פארם, ווי מיר האבן איר היינט, וואלטן מיר דאן אוודאי ניט געהאט — דער מענטש וואלט זיך פארלארן צווישן דעם מוראדיקן תהום פון אזא קאמפאקטן עבר און עתיד. ניט ווילנדיק מוז דער מענטש אוועקשטעלן מחיצות, און ניט איינע, נאר אסך, וועלכע זאלן פאנאנדערטיילן דעם וויטן עבר פונם נאענטן און אזוי ארום פארלייכטערן דעם יאך פון זיינע פארמאטערטע פסיכישע פלייצעס.

מען דערציילט אן אנעקדאט, אז פויערים פון א דארף האבן זיך אמאל צוזאמענגעקליבן און געפאדערט פון זייער גייסטלעכן, דאס ער זאל פועלן בא דער פמליא של מעלה, דאס די ערד זאל ארויסגעבן די ערנטע 2 מאל אין יאר, אנשטאט דעם איצטיקן איינמאל. — „יא“! — האט דער גייסטלעכער צוגעשטימט — „אבער פון היינט אן, מיינע קינדער, וועט א יאר באשטיין ניט פון 12 חדשים, ווי ביז איצט, נאר פון גאנצע 24!“...

אין דעם ליגט, אין א געוויסן זין אביסל ערנסט — די מענטשלעכע פסיכיק רעכנט זיך ניט מיט קיין גרינטלעכע צייט=אויסמעסטונגען, פאר איר איז וויכטיק ניט דער תוך, נאר דער גרעניץ, וועלכער שיידט זיך בולט אויס פון דעם איבעריקן, ניט בולטן. אזוי ווי די גשמיותדיקע אויג, וועלכע כאפט אויף צוערשט דעם מער בולטן שטריך, אזוי אויך די גייסטיקע, פסיכישע אויג, נעמט ניט אין באטראכט דעם גאנצן שטח פון דער צייט לויט איר מאטעמאטישע אויסרעכנונג, נאר לויט אירע בולטע גרעניצן. בא א מענטשן איז א יאר — א יאר, ניט ווייל ער אנטהאלט 12 אדער 13 חדשים, נאר ווייל ער איז א יאר — אזא אבסאלוטע מאס.

שרעקלעך וואלט קלינגען דער מענטשלעכער פסיכיק דער טויט, ווען ער וואלט דארפן שטארבן דעם יאר, מעג ער אפילו אנטהאלטן 10,000 טעג, אנדערש אבער איז עס, ווען ער דארף שטארבן אין 70 יאר ארום — דערווייל האט ער דאך נאך דורכצולעבן די וואך און דערנאך ווייטער א וואך ביז א חודש און דערנאך ווייטער ביז א יאר און דאן ווידער געכופלט אף 70. — „א! עס איז נאך א ווייטער מהלך, עס איז ניטא וואס צו שטערן זיך“. פארקערט אויך, ווי קען דער מענטש האבן אן אחריות=געפיל פאר זיינע מעשים, ווי קען ער זיך האלטן פאר א גרויסן, פולשטענדיקן מענטשן — אז מיט 3000 טעג צוריק איז ער ערשט געבארן געווארן און אז מיט 2000 טעג צוריק האט זיך נאך געשפילט און האט ערשט אנגעהויבן צו גיין אין חדר...

„אין המת משתכח מן הלב עד לאחר י״ב חודש“ — דער מת ווערט ניט אויסגעמעקט פונם הארצן ביז איבער 12 חדשים — דאס איז א טיף באגרינדעטער פסיכאלאגישער מאמר. דער מת, אדער בכלל יעטווידע זאך, וועלכער איז דעם מענטשן טייער געווען, ווערט בא יעטווידער געלעגנהייט, בא יעדן יום=טוב, בא יעדן פסיכישן שטויס, צוריק ארופגעשוואומען אין דער עראינערונג. פסח צום סדר דערמאנט ער זיך, אז פאראיארן אין דער צייט האט זיין נאענטער נאך געלעבט, ראש השנה צו תקיעות — אז פאראיארן האט ער מיט אים צוזאמען תקיעות געהערט, סוכות — אז פאראיארן איז ער אין זיין סוכה געווען און אזוי כסדר, ביז עס גייט אריבער דער יאר מיט זיין פולשטענדיקן היקף, וועלכער פארשליסט אף אייביק זיינע עראינערונגס=מאמענטן.

דאס אלעס קען רעגולירט ווערן נאר אדאנק דעם שבת דורך זיין וואכן=סיסטעם.

מיר מוזן שטענדיק געדיינקען, אז אום צו פארהיטן און שטארקן אונזער מענטשלעכע פסיכיק מוזן מיר אפשליסן פון אים דעם עבר און עתיד מיט די צענדליקע פסיכישע שלעסער און צוימען. דער מענטש מוז פון שבת צו שבת אראפווארפן פון זיך די לאסט פון דאס אלטע און ארויסגיין פריש און מונטער אנטקעגן דאס נייע.

# אויסצוגן פון די סטאטוטן

## פון דער ליי און שפאר־געזעלשאפט „שומרי שבת“*).

(באשטעטיקט אין ריגער באצירקס=געריכט דעם 5 יוני 1929 יאר פארעפנטלעכט אין נום. 138 «V. V.»).

§ 1.

אפן גרונט פון געזעץ וועגן קאאפעראטיווע געזעלשאפטן און דעם § 2 פ. 12 פון די סטאטוטן פון פאראיין פון די אידן אין לאטוויא „שומרי שבת“ ווערט געגרינדעט בא דעם פאראיין א ליי= און שפאר=געזעלשאפט וואס איר טעטיקייטס=ראיאן איז גאנץ לאטוויא און וועמעס פארוואלטונג געפינט זיך אין ריגע.

§ 2.

דער ציל פון דער ליי= און שפאר=געזעלשאפט איז צו פארבעסערן דעם מאטעריעלן און גייסטיקן וואויל צושטאנד פון אירע מיטגלידער, באזארגנדיק זיי מיט א ביליקן קרעדיט פאר זייערע ווירטשאפטלעכע הצטרכותן, אויספירנדיק אין זייערע אינטערעסן פארמיטלונגס אפעראציעס און שאפנדיק לטובת די מיטגלידער פארשידענע ווירטשאפטלעכע אונטערנעמונגען און קולטורעלע אנשטאלטן מיטן צוועק צו פארלייכטערן זיי (די מיטגלידער) די אפהיטונג פון שבת־רו.

§ 5.

אחוץ די מלוכהשע און אבליגאטארישע חגאות איז דער ביורא און לאקאל פון דער געז. געשלאסן אין דער צייט פון שבת און פון די אידישע יום=טובים. אין דער דערמאנטער צייט ווערן אין דער געזעלשאפט ניט דורכגעפירט קיינשום אפעראציעס און עס ווערט ניט געטאן קיין שום אינערלעכע ארבעט, הן פון דעם אנגעשטעלטן־שטאט, הן פון די פארוואלטונגס=ארגאנען פון דער געזעלשאפט.

§ 6.

אלס אנגעשטעלטע אין שטאט פון דער געזעל. קענען אנגענומען ווערן נאר מיטגלידער פונם פאראיין „שומרי שבת“.

§ 7.

מיטגלידער פון דער געזעלשאפט קענען זיין פערזאנען, וואס

*) פון רעדאקציע: מיר ברענגען דא איניקע עיקר=פונקטן פון די סטאטוטן, מיט וועלכע ס'אונטערשיידט זיך וועזנטלעך די ליי און שפאר־געזעלשאפט „שומרי שבת“ פון אנדערע ענלעכע געזעלשאפטן.

זיינען נים אינגער פון 21 יאָר און באַשטייען אלס **מיטגלידער אין פאַראיין „שומרי שבת"**. ווי אויך יורידישע פּערזאָנען (אַ חוץ קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון), אויב אַלע אין זייער באַשטאַנד אריינגייענדע פיזישע פּערזאָנען זיינען מיטגלידער פון פאַראיין „שומרי שבת".

§ 8.

נייע מיטגלידער נעמט אָן דער ראַט מיט אַ געהיימער אָפּשטימונג לויט דער רעקאָמענדאַציע פון צוויי מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. די שריפטלעכע אָנמעלדונגען (אפן נאָמען פון דער געזעלשאַפט) דאַרפן אָנגעגעבן ווערן דער פאַרוואַלטונג.

§ 11.

לויטן באַשלוס פון דער געמיינזאַמער זיצונג פון פאַרוואַלטונג און ראַט קענען פון דער געזעלשאַפט אויסגעשלאָסן ווערן אַזעלכע מיטגלידער, וועלכע דערפילן נים זייערע התחייבותן לגבי דער געזעלשאַפט, האַנדלען קעגן די סטאַטוטן פון דער געזעלשאַפט און די באַשלוסן פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אָדער שעדיקן איבערהויפּט די אינטערעסן און די צילן פון דער געזעלשאַפט, ווי אויך די, וואָס האָבן דורך אַ געריכטס־באַשלוס פאַרלאָרן זייערע רעכטן.

§ 13.

די פאַראַנטוואָרטונגס־סומע פון יעדן מיטגליר איז צען מאָל די גרוים, ווי זיין פּאַיען־סומע. די אים געגעבענע הלוואה־סומע (אַ חוץ קרעדיט, וואָס איז געזיכערט מיט חפצים) דאַרף נים זיין גרעסער, ווי אין פינף מאָל, ווי זיין פּאַי־סומע.

§ 17.

**אַ פּאַי איז 20 לאַט. אַ מיטגליד טאָר נים האָבן מער. ווי 10 פּאַיען.**

§ 31.

הלוואות איז פאַרבאָטן אַרויסצוגעבן מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג. פאַרן אויסוויילן אין פאַרוואַלטונג דאַרף די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט תיכף צוריקקערן זייערע הלוואות

§ 59.

צען פּראָצענט רווח פון דער געזעלשאַפט גיים לטובת דעם פאַראיין „שומרי שבת".

§ 66.

די פאַרוואַלטונג באַשטייט פון 5 מיטגלידער און 2 קאַנדידאַטן, וועלכע ווערן אויסגעוויילט אַף 3 יאָר דורך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אַף אַ געהיימער אָפּשטימונג.

§ 68.

אין באַשטאַנד פון פאַרוואַלטונג און רעוויזיאָנס־קאָמיסיע צוזאַמענגענומען קענען צו איין און דערזעלבער צייט נים געפינען זיך פּערזאָנען, וועלכע זיינען צווישן זיך נאָענטע קרובים אָדער שותפים אין איין געשעפט.

§ 75.

**די מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג איז פאַרבאָטן צו נעמען וועלכע נים איז געהאַלט פאַר זייער אַרבעט.** די מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג טאָרן נים זיין גלייכצייטיק באַצאָלטע אָנגעשטעלטע אין דער געזעלשאַפט. זיי קענען אָבער דערפילן די פליכטן פון אָנגעשטעלטע, נים נעמענדיק דערפאַר קיין געהאַלט.

§ 80.

די באַשטימונגען פון § 75 באַציען זיך אויך אַף די מיטגלידער פון ראַט.

§ 93.

די באַשלוסן פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וועלכע שטייען אין אַ סתירה צום געזעץ און די סטאַטוטן, ווי אויך צו די צילן און די גרונט־תקנות פון דער געזעלשאַפט, זיינען נים אָבליגאַטאָריש. נים דערפילנדיק די דאָזיקע באַשלוסן, רופט די פאַרוואַלטונג צונויף אין משך פון אַ חדש צייט אַן אויסעראָרדנטלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אַף צו באַהאַנדלען די פראַגן נאָך אַמאָל.

# פאַרן אידישן קינד.

## די אַלטע בת מלך

(פאָרזעצונג)

מעגסט מיר גלויבן, אַז פיל מאָל האָב איך באַ דעם אָרימאַן אַזוי פיל פאַרגעניגן, מיר איז גאָר נים איינג אין דער קלענסטער שטיבעלע, מיר איז נים פינסטער פאַר די קליינע ליכטעלעך.

דו וואָלסט זען זייער אַרויסגיין אַנטקעגן מיר, זייער ריכטן זיך. פון האַלבן טאָג אָן עסט מען שוין נים, מען גרייט זיך אַף מיר.

דער אָרעמער בעל־מלאכה נעבעך הערט אויף צו אַרבעטן, ער פאַרשטעלט אַלע זיינע געציינג, זיינע אינסטרומענטן, דעקט מיט וואָס נים איז זיי אַריבער, קערט אָפּ, ליידיקט אָפּ כאָטש אַ ווינקל, וועלכן נים איז ווינקל. צוואַשט די הענט, אַף וויפיל ער קען זיי מאַכן ריין, דאַווענט אָפּ, און זעצט זיך צום טיש, ווי ער וואָלט גאָרנישט פעלן, ווי ער האָט שוין אַלעס אָפּגעטאָן. עס אים גאָרנישט קענטיק, אַז ער האָט געלאָזן אין מיטן אַרבעט.

אַ גאַנצן טאָג פאַרנעמט ער זיך נאָר מיט מיר, און קלערט אפילו נים וועגן אַרבעט.

זאָל אים ווער נים איז פּרואוון אָנבאָטן אַרבעט וועט ער נים גיין. וואָס הייסט?! ער וועט מיר לאָזן און וועט זיך פאַרנעמען מיט אַרבעט?

ער וועט זיך אפילו נים דינגען, און נים באַדינגען אויך.

דאָס ווייס ער, אַז איך האָב פיינט מלאכה, אַרבעט. איך האָב נאָר ליב רו.

דו וועסט דאָך לאַכן, איך בין דאָך אַ כת=מלך, פאַרשטייסט דאָך ווי מען האָדעוועט זיך אין אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ, און פונדעסטוועגן קען איך קיין מוזיק ניט הערן.

איך קען ניט ליידן אפילו אַ קלונג פון אַ גלעקל, אַ צו שטאַרקער קלאַפּ איז מיר שוין שווער.

עס איז ניט פון אלטקייט. אט אַזוי איז מיין כאַראַקטער.

זינגען האָב איך גראָד ליב, אויב אידישלעך זינגען געוויינטלעך.

ווייטער האָב איך אַ מאָדנעם כאַראַקטער. כאַטאָג האָב איך פיינט ערשט געקאָכטע געקעכ״ז, דוקא אלטע געקעכ״ז, וואָס איז נעכטן געקאָכט געוואָרן. איך אַנטלויף פון יעדער שטוב, וואו מען קאָכט. איך קען אפילו דעם ריח ניט הערן.

זעסטו, דעם ריח פון די זיך אויסגעלאָשענע ליכטלעך, דעם טשאַד מיט דעם רויך פון זיי, דאָס איז מיר אַנגענעם.

פאַרקערט, איך האָב פאַראיבל, אַז מען טראָגט אַרום די לייכטער, און דעם ריח פון פרישע טיי פון טיימאַשין קען איך ניט ליידן.

אַי, די טיימאַשינען, זיי נעמען מיר אַרוים דעם געזונט. עס זיינען דאָ וואָס ווייסן נעבעך ניט, זיי דערלאַנגען דעם טיימאַשין, און איך זיץ אין וואונדן, אין צרות איך קום ממש אָפּ.

עס איז ניט אַמאָליקע יאָרן, וואָס ווייסטו וואָס אַמאָל האָט זיך מיט מיר געטאָן.

מען האָט די האַלז אונטערן מעסער געשטעלט פאַר מיר. פונמיינטוועגן איז מען דאָך געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער.

וואָס הייסט, מען וועט מיר עטוואָס טאָן ניט נאָך מיין ווילן? עס איז גאָר קיינעם אַפּן זינען ניט אַרופגעגאַנגען.

און מיר איז טאַקע זיך שווער צו געוואוינען, איך בין אַליין מודה. איך האָב צום ביישפּיל פיינט פאָרן, אַף קיין זאַך ניט, אַף אַ פור, אַ אויטאָ, מיטן באַן, מיטן טראַמוויי, מיט קיין זאַך קען איך ניט ליידן, אַז מען פאָרט. אַף דעם וואַסער, אין געוויסע אומשטענדן, און אַף אַ געוויסן אַרט, איז נאָך ווי עס איז, אָבער אַף דער יבשה, זאָלסטו מיר גאָרניט דערמאָנען, עס גייט מיר איבער דער גאַל.

דו קוק ניט וואָס איך בין אַלט, און פון פאָרן האַלט איך ניט עד היום.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן מיר ניט טאָן אַף להכעיס, נאָר זיי מיינען, אַז אין וואַגאָן, אָדער אין דעם טראַמוויי, איז גאָר אַן אַנדער פאָרן, און אַז פאַר דעם וועל איך ניט מקפיד זיין.

עס איז אָבער ניט אַזוי די מעשה, פאָרן גאָרניט, זאת לא!

חיינט רויכערן... עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס קענען ניט לעבן אָן רויכערן. עס איז אָבער קיין פעולה ניט. איך האָב פיינט, אַז מען רויכערט איך בין אַזוי ביז, איך וואָלט יענעם פאַרשטיינען, ווער עס רויכערט מיר אין די אויגן.

חיינט נאָך פיל זאַכן, וואָס איך קען ניט ליידן. אָט גאָר אַ קלייניקייט... אָט האָב איך ליב, אַז מען גייט אין גאַס זאָל זיך אין די קעשענעס גאָרנישט ניט געפינען, ווער רעדט געלט...

צו געלט זאָל מען זיך גאָרניט צורירן. עס מעגן זיך ליגן אין די קאַמאָדן מיליאָנען, איך פאַרגין זיי זייער, אָבער אין האַנט נעמען, דאָס ניט, אפילו אַ סאַנטים ניט. היינט ווער רעדט טראָגן אין קעשענע אַ זייגערל, אַ מעסערל, שליסעלעך, וואָס ניט איז איך קען דאָס ניט ליידן!

עס איז שווער אַרויסצוגעבן מיין כאַראַקטער... אַזעלכע קאַפּריזן האָב איך פיל, און ביז היינט האָב איך געלויבט איז ער אויסגעפירט אַלע קאַפּריזן און מיט כבוד.

# פון דער „שומרי שבת“ באַוועגונג.

## אַ פסק־דין פאַר שומרי שבת הענן דער דייטשער רעגירונג.

פראַנקפורט. — דער היגער אַרבעטס=אַמט פלעגט אָפּהאַלטן די שטיצע פאַר אַרבעטסלאָזע שומרי שבת אינם פאַל, ווען די זעלביקע פלעגן ניט וועלן אָננעמען אַ שטעלע, אין וועלכער עס ווערט געאַרבעט אום שבת. דער משפט, וואָס איז אָנגעגעבן געוואָרן וועגן דעם ענין קעגן דעם אַרבעטס=אַמט פון דער רעגירונג האָט זיך געענדיקט מיט אַ פסק=דין, אַז די שטיצע מוז ווערן געצאָלט דעם אַרבעטסלאָזן שומר שבת ביז וואַנען ער געפינט אַ שטעלע, וואָס איז שבת פריי פון אַרבעט.

## שומרי שבת זיינען מבטל אַ וויכטיקן געזעץ אין אונגאַרן.

בודאַפּעשט. — דער פּרעזידענט פון דער אונגאַרישער סעקציע באַם וועלט=פאַרבאַנד שומרי שבת, דער באַוואוסטער מיטגליד פון זיין צענטראַל=קאָמיטעט, שטאַטדאַטמאַן, ד. קאַריין, איז געלונגען משפיע צו זיין אַפן מאַגיסטראַט פון בודאַפּעשט, ער זאָל אָננעמען זיינעם אַן אַנטראַג, לויט וועלכן דער שכירות פון אַלע שטאַטישע אַרבעטער, בערך 47000, ווערט אויסגעצאָלט אַנשטאָט ווי ביז אַהער אום שבת, פון היינט אָן מיטוואָך. דער דאָזיקער אָנטראַג איז היינט פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס אַ געזעץ פאַר אַלע פאַרוואַלטונגס=ביוראָס באַם מאַגיסטראַט.

די אָרגאַניזאַציע שומרי שבת אַרבעט שוין אַ לענגערע צייט מיט גרוים ערפאָלג, כּדי איינצופירן מיטוואָך, אַלס דעם טאָג פון אויסצאָלן דעם שכירות צו אָנגעשטעלטע און אַרבעטער. אַזוי איז אויך געלונגען משפיע צו זיין אַף אַ געוויסע צאָל גרעסערע אינדוסטריעלע וואַרשטאַטן, זיי זאָלן צאָלן דעם לוין מיטוואָך, דער רעזולטאַט פון די אַרבעטן, וואָס ווערן אין דעם זין דורכגעפירט דורך שומרי שבת, איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרוים באַגייסטערונג בא אַלע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אונגאַרן, ווייל דערמיט ווערט באַווירקט, אַז דער אידישער סוחר, וואָס פלעגט ביז אַהער ניט לייזן נאָר אום שבת, קאָן איצטער האָבן די אייגענע רווחים, האַלטנ״יק די קראָם פאַרמאַכט אום שבת.

# בעסאַראַבישע סעקציע פון וועלט־פאַרבאַנד שומרי שבת.

קישינעוו. — דאָ איז געבילדעט געוואָרן דער ארטס=קאָמיטעט פון שומרי שבת וועלטפאַרבאַנד דורך דער איניציאַטיוו פון הרב הכולל, סענאַטאָר צירעלסאָן. עס ווערט אָנגעפירט מיט א ברייטער פּראָפּאַגאַנדע=אַרבעט מיטן ציל צו אָרגאַניזירן בעסאַראַבישע קאָרפּאָראַציעס אינם וועלט=פאַרבאַנד שומרי שבת.

# פאַרשיידענע טיפּן.*)

(סוף פון דער 12=טער זייט).

הייסט זי יעצט טאקע ז. סאָפיא מיראָנאָוונאַ.

יעצט געפינט זיך שרה מאיר'ס, אָך אַנטשולדיקט, איך מיין סאָפיא מיראָנאָוונאַ איז אין ריגע, וואו זי לערנט זיך שניידעריי.

נאָר אזוי ווי זי א „געבילדעטע" פריילן, נוצט זי אויס איר פרייע צייט אָף צו שפּאַצירן האַלטנדיק אין האַנט אָדער אונטערן אָרעם א בוך, וועלכן זי נעמט אין ביבליאָטעק.

אין דער אמתן מוז איך אייך זאָגן דערמאָן איך זיך יעדן מאָל ווען איך טרעף איר מיטן בוך, אָף יענער מיידל, וואָס זע־ענדיק, אַז וועענדיק א סך מיידלעך נעמען ביכער אין ביבליאָטייק, האָט נים געוועלט אָפּשטיין פון זיי און האָט זיך אויך פאַרשריבן. נים קוקנדיק אָף דעם וואָס זי האָט נים פאַרשטאַנען גוט קיין רוסיש, האָט זי אָבער דאָך אָנגעהייבן נעמען רוסישע ביכער. נאָר אַזוי ווי געליענט האָט זי סיי ווי סיי נים, פלעגט זי זיי בייטן יעדן טאָג. דעם ביבליאָטעקאַר האָט זייער געוואונדערט. ווי אַזוי זי קען אזוי שנעל אויסליי־ענען גרויסע ביכער, און וועלנדיק איר אַמאָל אויספּרוּבירן, האָט ער איר געגעבן א גראַמאַטיקע און האָט געזאָגט: נאָך איינ היינט דעם ראָמאַן: „קירפּיצניקאָווס גראַמאַטיקע".

אָף מאָרגן, ווען די מיידל האָט, ווי געוואוינלעך צוריקגע־בראַכט דעם בוך, פרעגט איר דער ביבליאָטעקאַר, „נו, פריילן, ווי איז אייך געפעלן געוואָרן דעם ראָמאַן?" „זייער גוט" ענטפערט די פריילן, „מיט וואָס ענדיקט ער זיך", פרעגט ווייטער דער ביבליאָטעקאַר.

די מיידל איז געבליבן פון אָנפאַנג א ביסל אין פאַרלעגנ־הייט, אָביסל שפּעטער אָבער, וויסנדיק אַז א ראָמאַן דאַרף זיך דאָך מסתמא ענדיקן מיט א טויט, האָט זי געענטפערט:

„קירפּיצניקאָוו האָט זיך געהאַנגען און גראַמאַטיקע האָט זיך געשאָסן". אָף אָט דער מיידל דערמאָן איך זיך. ווען איך זע סאָפיא מיראָנאָוונען מיטן בוך.

שבת איז שרה מאיר'ס, טפו, איך פאַרגעס זיך אַלץ, איך מיין סאָפיא מיראנאָוונא פריי דעם גאַנצן טאָג, און דעריבער נוצט זי עס טאַקע אויס גאָר שטאַרק אָף צו לייענען, איך מיין אָף צו טראָגן דעם בוך אין די גאַסן.

און גייט איר שבת אין גאַס און טרעפט א מיידל מיט א בוך פון דער שטאָטישער ביבליאָטיק, איז דאָס מסתמא די גע־בילדעטע „סאָפיא מיראנאָוונא" וואָס איר אמתער נאָמען בלייבט פאָרט שרה מאיר'ס.

איציק.

*) פון רעדאַקציע: צוליב פאַרדריסלעכע טעכנישע סיבות איז דער סוף פון דעם אַרטיקל נים אַריין אָף דער 13=טער זייט.

## זייטיקע ידיעות.

די באַוואוסטע אין לעטלאַנד אידישע קאָפע און ציקאָריע־פאַבריק „אָליען", וועלכע איז געגרינדעט אין ריגע אין יאָר 1881 ווערט אין 2 יאָר אַרום פייערן איר 50־יאָריקן יובילי פון איר עקסיסטענץ. אַזוי אַרום איז זי איינע פון די עלטסטע פירמעס אין ריגע אין דער בראַנזשע. די פאַבריק האָט באַוויזן זיך צו פאַררעקאָמענדירן פון דער בעסטער זייט נאָך אין פרידנס=צייט, ווען זי האָט געאַרבעט אין אַ גרויסן מאַסשטאַב, נים נאָר פאַרן באַלטישן קאַנט, נאָר אויך פאַר די געגנטן, וואָס גייען אַריין אין באַשטאַנד פון דער הייגטיקער ליטע, פוילן און סאָוועט-רוסלאַנד, האָט זי אויך עקספּאָרטירט אירע סחורות קיין אויסלאַנד. די אינ־האַבער פון דער פירמע „אָליען" ה' מייטין און זין, וועלכע פירן אָן פערזענלעך מיט זייער אונטערנעמונג און וועלכע ווענדן אָן נים ווייניק ענערגיע און מי, כדי אופצוהאַלטן איר פּראָדוקציע אָף אַ הויכער מדרגה — גאַראַנטירט די סחורות פון דער פאַבריק „אָליען" די פאַרדינטע גוטע רעפּוטאַציע, וועלכע זיי געניסן ביז היינט צו טאָג — מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז די פאַר־שיידענע סאָרטן פון קאָפע און ציקאָריע, וועלכע ווערן פּראָדוצירט אין דער פאַבריק „אָליען", זיינען נים גלייך צו די אויסלענדישע, נאָר זי שטייגט זיי אַריבער. עס איז גענוג צו דערמאָנען די נעמ־לעכע סאָרטן קאָפע־שאָקאָלאַד וואַנילנע־„אָליען". קאָפע־לאַימאַ „אָליען", קאָפע מאָקקאַ — „אָליען", שאָקאָלאַדנע ציקאָריע „אָליען" און פון אַנדערע באַליבטע סאָרטן קאָפע און ציקאָריע פון דער פירמאַ „אָליען". אויסער דעם האָט זי פאַר אונז אידן א באַ־זונדערן ווערט מיט דעם, ווייל די ציקאָריע ווערט אויך געאַרבעט אויסשליסלעך פון ריינע ציקאָריע־וואָרצל, וואָס וואַקסן אָפן אָרט אין לעטלאַנד און זיי ווערן צוגעריכט אָן קיין צוזאַמץ אין ענין פון כשרות, און ווערן געאַרבעט אָפן מעכאַנישן שטייגער אין די בעסטע מאַשינעס פון די נייסטע קאָנסטרוקציעס און צייכנען זיך אויס מיט א באַזונדער היגיענישקייט און שטרענגער השגחה אָף כשרות אפילו למהדרין מן המהדרין.

## גימנאַזיע „תורה ודרך ארץ" אין ריגע.

אין דער גימנאַזיע „תורה ודרך ארץ" אָף קורמאַנאָוו=גאַס 12 ווערט איצט דורכגעפירט א גרעסערער רעמאָנט.

אויסער וואָס די שול=רוימען ווערן רעמאָנטירט און גע־שטריכן, ווערן הייאָר דורכגעפירט א ריי היגיענישע איינאָרדנונגען.

די לעצטע צייט האָט די שול אויך צוגעקויפט אינווענטאַר און האָט באַדייטנד פאַרגרעסערט די צאָל פון די לער=מכשירים.

נייע שילער און שילערינס אין די קינדער=גאָרטנס, אין פאָרבערייטונגס=קלאַס און אין אַלע 10 קלאַסן פון גרונטשול און מיטלשול ווערן אָנגענומען יעדן זונטיק, דינסטיק און דאָנערשטיק פון 11 ביז 2 אור באַטאָג אין קאַנצעליאַריע פון שול אָף קור־מאַנאָוו גאַס 12.

אין פאָרבאַרייטונגס־קלאַס ווערן קינדער אָנגענומען אָן פאַר־קענטנים.

דער אונטעריכט אין דער גרונט־ און מיטל=שול פאַר אינגלעך און אין דער גרונטשול — אין מיטלשול פאַר מיידלעך איז העברייאיש. פּרטים אין אַנאָנס.

רעדאַקטאָר: ל. ווײַלער.

אַרויסגעבער אָרג. „שומרי שבת".

פארזיכערונגס אגענטור

# י. מ. מאכעלסאן

ריגע, גערטרוד־גאס 34 טעל. 2-0-3-4-3

איבערנעמט צו אויסער־געוויינלעך־גינסטיקע באדינגונגען פאלגנדע פארזיכערונגען:

פייער, — טראנספארט, — וואלארען, — איינ־ברוך־דיבשטאל — גלאז, — האפט—קעגן דריטער פערזאן, — אלער ארט אונפאל־פארזיכערונגען.

## לעבנס־פארזיכערונגען:

געוויינלעכע פארזיכ.—געמישטע פארזיכ.— אוישטייער פארזיכ., — פארזיכערונגען פאר באזונדערע אומשטענדן, פארזיכערונגען אף 2 לעבנס מיט איינמאליקע פרעמיען־צאלונגען. אלע מיט דירעקטע ריק־פארזיכערונגען אין די גרעסטע אייראפייאישע און אמעריקאנישע קאנצערן.

די באוואוסטע און לעטלאנר אידישע

# קאפע און־ציקאריע־פאבריק

# „אליען"

געגר. אין 1881.

אינהאבער: ה׳ מייטין און זין.

ריגע, ריטער־גאס 52. טעל. 8־2־1־1־3.

ארבעט אוים פארש. סארט קאפע און ציקאריע

וועלכע איז איבעראל באוואוסט:

קאפע שאקאלאד וואנילנע
קאפע לאימא
קאפע מאקקא
שאקאלאדנע ציקאריע

„אליען"

און פיל אנדערע באליבטע סארטן.

גימנאזיע

# „תורה ודרך ארץ"

## אין ריגע

קורמאנאוו גאס 12.

---

1) גרונטשול און מיטלשול פאר אינגלעך
2) גרונטשול און מיטלשול פאר מיידלעך
3) קינדערגארטנס

## אנגאמע פון שילער און שילערינס

אין די קינדערגארטנס און אין אלע קלאסן פון גרונט־שול און מיטל־שול קומט פאר אין שול־קאנצעליאריע

קורמאנאוו־גאס 12

יעדן זונטיק, דינשטיק און דאנערשטיק
פון 11 ביז 2 אור באטאג.

# נייע גרונטשולן און קינדערגארטנס

# „תורה ודרך ארץ"

ווערן היי־יאר געעפנט אויך אפן:

# 1) מאסקווער פארשטאט
# 2) אין ראיאן פון די גאסן: מאטוי־אלעקסאנדער־רעוועלער
# 3) אין אלשטאט

קינדער אין די ראיאנען ווערן אנגענומען:

אף לאצפלעס (ראמאנאוו) גאס 155, דירה 1 און אף יעזוס־קירכן גאס 5 דירה 4

וואכנטעגלעך פון 5 ביז 7 אור אונט

---

אף אלעקסאנדער־גאס 64־66, דירה 24

יעדן מאנטיק, דינשטיק, מיטוואך און דאנערשטיק פון 5—6 אונט

---

אף גר. שמידן־גאס 43, דירה 2

וואכנטעגלעך פון 6—8 אור אונט.

Spiestuve «Splendid», Rīgā, Kungu ielā 21, Tālr. 27249.

DER ŠABOS

Cena 20 santim.

# דער שבת

## חודש זשורנאל

אדרעס פון רעדאקציע:
ריגע מערקל-גאס 9 ד. 4.
ארגאניזאציע „שומרי שבת“ ריגע

פרייז פאר איינצל-פארקויף 20 סאנטים.
פרייז פאר אבאנעם. 2 ל. 50 ס. א יאר.
פרייז פאר אנאנסן 32 ס. שורה פעט.

Redakcija: Riga, Merkela iela 9 dz. 4. Talr. 20624.
P. K. 568.

№ 4 | Rigā, septembris 1929. | ב״ה ריגע, אלול תרפ״ט | ערשטער יארגאנג

## № 4

### אינהאלט:

1) ציון במר הבכה וירושלים תתן קולה...
2) אפן שוועל פון נייעם יאר.
3) ראש השנה.
4) דער שבת. הרה״ג ר׳ שמשון רפאל הירש ז״צל.
5) מאמר קדושת שבת. מהגה״צ בעל „החפץ חיים“ שליטא.
6) צוריק צו אונזערע שבתים און ימים טובים. הושע שער.
7) שבתדיקע פערל.
8) לכבוד השבת
9) אונזער שבת. ישראלי.
10) שבת דער טארמאז פון וועלט און מענטש. ח. נ. הרכבי.
11) א בריוו וואס שבת האט געשריבן און געשיקט צו רבי אברהם אבן עזרא ז״ל.
12) די געשיכטע ווי אזוי אבן עזרא האט דעם בריוו באקומען.
13) פון דער שומרי שבת באוועגונג.
14) נאטיצן.
15) די שמירת שבת פראגע אף דער צווייטער כנסי׳ הגדולה.
16) דער מצב פון שבת אין סאוועט-רוסלאנד.

## א כתיבה וחתימה טובה

ווינטש איך אלע פריינט באקאנטע און געערטע קונדשאפט

**ו. פיטעל** ריגע זינדער-גאס 26 טעלעפאן 29689

**פאפיר און שרייב-ווארן —— קאנווערטן-פאבריק**

# לשנה טובה!

זייפן פאבריק **רענאמע** אינהאבער ח. יפה

ווינטשט זיינע געערטע קונדשאפט א

## כתיבה וחתימה טובה בחומר וברוח.

ועד אגודת סטודנטים דתיים „מרכז אקדמיקים יהודים

מברך את כל החברים

**בכתיבה וחתימה טובה.**

---

**צום נייעם יאר**

ווינטשט **שלמה יעקב פרייל**

די שומרי שבת זאל גיין גוט און וואויל,

---

**בכתיבה והתימה טובה**

ושנת ברכה והצלחה הנני מברך את כל קרובי ומכירי.

דוב מאיר שמוהלער.

---

**ברכת כתיבה וחתימה טובה**

הנני מביע לכל חברי הסתדרות „שומרי שבת" ברינה.

יעקב יוסף ברושטין.

---

**בכתיבה. וחתימה טובה**

הננו מברכים את הורינו, קרובינו וחברינו לדעה.

צבי מיירוביץ ורעיתו.

---

את כל אחינו בני ישראל הנני מברך

**בכתיבה וחתימה טובה.**

חיים מרדכי אייזיק חדקוב.

---

**א כתיבה וחתימה טובה**

ווינטשן מיר אונזערע ליבע עלטערן, געשוויסטער, פריינט, פארוואנדטע און געערטע קונדשאפט

ו. פיטעל און פרוי.

---

**א כתיבה וחתימה טובה**

ווינטשן מיר אונזערע פריינט, באקאנטע, און געערטע קונדשאפט

שטריק-אנשטאלט הירש זאלבאוויץ, מאטיי ג. 36, טעל, 91731.

---

הנני מברך בבוח"ט לאלתר לחיים טובים בגשמיות וברוחניות את כל קרובי ומיודעי.

**אברהם דוד זליכמן.**

---

**בכתיבה וחתימה טובה**

הננו מברכים את כל קרובינו, ומכירינו וידידינו.

שמעון יצחק ויטנברג ומשפחתו.

---

**בכתיבה וחתימה טובה ושנה**

מצלחת ומאושרת מברכים את כל קרוביהם, ידידיהם ומכיריהם:

הרב ר' בן ציון לייבסאן.

ישראל לעווענבערג.
מאיר פאגעלמאן.
מנחם מנדל גליקמאן.
יוסף לייב קליין.
אברהם חנוך ראבינאוויץ.
יצחק יפה שויב דפה,
וואולפסאן ורעיתו רחוב וועבער 10
אברהם איציקסאן רחוב הערן 30.
משה בערלין ומשפחתו.
כתדיאל דל ומשפחתו.
חיים צבי זאב ווסרמן ורעיתו.
יואל שלום סערהיי.
דוד חצקעלעוויץ.
בנציון גימפל דאווידאוו.
הרב ר' יוסף נפתלי קאלטון.
שלום חצקעלעוויטש.
חיים גליקמאן.
אברהם ברוך קלעמפמאן.
צבי גוטמאן.
יהודה לייב שאחיט.
אברהם אבא הכהן טייטעלבוים.
זלמן מענדל פינגערהוט.
אברהם שמעון גיבערמאן.
מיכל גארבער.
יהודה מאיר מייסטער.
דוב בער קולער.
זלמן צבי שוחט מיכעלסאן.
שלום צבי טרומפיצקי.
מנחם מנדל דאנבין.
הרב שמעון לייב קאדעש.
אהרן ארי' מיראוויץ.

DER ŠABOS

Cena 20 santim.

# דער שבת

## חודש זשורנאל

אדרעס פון רעדאַקציע:
ריגע מערקל-גאס 9 ד. 4.
אָרגאַניזאַציע „שומרי שבת“ ריגע

פּרייז פאַר איינצל-פאַרקויף 20 סאַנטים.
פּרייז פאַר אַבאָנעמ. 2 ל. 50 ס. א יאָר.
פּרייז פאַר אַנאָנסן 32 ס. שורה פעט.

Redakcija: Riga, Merkela iela 9 dz. 4. Talr. 20624.
P. K. 568.

| № 4 | Rigā, septembris 1929. | ב״ה ריגע, אלול תרפ״ט | ערשטער יאָרגאַנג |
|---|---|---|---|

# ציון במר תבכה וירושלים תתן קולה...

שווערהאַפטע מאָרדן, שרעקלעכע רציחות און גרויזאַמע שחיטות זיינען אין ארץ ישראל פאָרגעקומען. טייכן בלוט זיינען פאַרגאָסן געוואָרן און קרבנות זיינען געפאַלן, טייערע און היליקע קרבנות, וואָס זיינען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט צו קבורה געבראַכט געוואָרן.

אַ שחיטה איז פאָרגעקומען — אַ שחיטה פון צוואווילדעוועטע און אופגערייצטע אראַבער און עס זיינען קערפערם אין זאַמדיקן אָפּגרונט געפאַלן און אָנגעזאַפּט האָט זיך די ערד מיט דאָס פאַרגאָסענע בלוט — די בלוט פון אונזערע טייערע ברידער.

נפלו חללים בחוצות ירושלים און טייכן בלוט זיינען אין חברון פאַרגאָסן געוואָרן.

חברון די אַלטע פאַטריארכאַלישע שטאָט זיינען די ווילדע און בלוט=דורשטיקע אראַבער באַפאַלן און אריינגעריסן האָבן זיך די רוצחישע באַנדעס אין דער סלאָבאָדקער ישיבה — אין דעם גרויסן מקום תורה, וואָס האָט דורך לענדער געוואַנדערט און איבערלעבט פּאָגראָמען און שחיטות, ביז די בני תורה האָבן אַ מקום מנוחה אין חברון געפונען — אַ מקום מנוחה אף אייביק. צורונען האָבן זיך די טרוימען און צענדליקער יונגע לעבנס, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר דער תורה, זיינען אין די ד׳ אמות של הלכה אַלס קרבנות געפאַלן. געשאָכטן האָבן די בלוטדורשטיקע אראַבער בחורים בא די גמרות און געפאַלן זיינען בא די אַלטע בלעטער יונגע טייערע בוימער — איידעלע צאַרטע נשמות זיינען פון דער וועלט פאַרשניטן געוואָרן...

---

די אַלטע שטאָט חברון, וואָס האָט אָפּגעהיט איר פּאַטריארכאַלישן אויסזען און געבליבן די זעלבע ווי פאַר הונדערטער יאָרן, די שטאָט מיט אַזוי פיל קברים, קברים אַלטע און מקדמוניומדיקע איז איצט אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַזוי פיל פרישע נייע קברים — קברים פון יונגע לעבנס, וואָס זיינען דורך רוצחישע הענט אומגעבראַכט געוואָרן און די שטאָט פון די אבות, פון די ישני חברון איז אין אַ ברידערלעכן בית הקברות פאַרוואַנדלט געוואָרן. פאַרפייניקט האָבן די צווישעטע אראַבער און צוגענומען פון אונז אין אָנהויב פון זייער לעבן די סלאַבאַדקער מתמידים. און אָפּגעהאַקט איז געוואָרן דער סלאַבאַדקער תורה בוים אין חברון אין סאַמע בליאונג זיינעם...

עס ווילט זיך נאָרניט גלויבן אַז די איידעלע יונגע בחורים, די עילויים און מתמידים, אַז די בחורי חמד, וואָס האָבן אָפּגע-

נעבן זייערע לעבנס אף צו פירן אין די סלאבאדקער געצעלטן א מלחמתה של תורה, וועלן דארפן פירן א מלחמה מיט די צווילדעוועטע אראבער און אז אין דער ישיבה, וואו עס זיינען געוואקסן גדולים און גאונים וועט זייער בלוט פארגאסן ווערן דורך רוצחים — צוויוזשעטע בעסטיאלישע אראבער, וועמען די ענגלענדער האבן א רעכט געגעבן צו רויבן און הרגענען, שניידן און קוילענען...

---

אשר טיפחתי ורביתי אויבי כלם.

געפאלן זיינען די גדולי ישראל פון חברון און אויסגעהויכט בא די גמרות האבן זייערע הייליקע נשמות די בחורי חמד המסולאים בפז.

און דאס בעסטע און שענסטע פון דעם אמעריקאנער רעליגיעזן יוגנט, די סלתה ושמנה פון דער ארטאדאקסישער יוגנט אין אמעריקע זיינען אין דעם שלאכט געפאלן. די מונטערע מוטיקע יונגעליט, וואס זיינען פון דעם רעשדיקן ניו-יארק און קאכעדיקן טשיקאגא אין דעם שטילן פארווארפענעם חברון אראפגעקומען, כדי דארטן ווי געהעריק משיג צו זיין דעם אור התורה און אינז ארייננבריינגען אין דעם פארוואכעדיקטן אמעריקאנער אידנטום. אומגעקומען זיינען זיי, די בחורים, וואס האבן געלערנט אין די גרויסע ישיבות פון ר' יצחק אלחנן זצ"ל און זיינען נאכדעם ווי זיי האבן פארענדיקט דארטן זייערע לימודים און פארעכנט געווארן אלס די עילוים און מצוינים געקומען קיין חברון זיך אנזאפן מיט דער תורה פון דער בארימטער סלאבאדקער ישיבה.

מיט א מארטירער טויט זיינען זיי, די צוקינפטיקע פירער פון אמעריקאנער אידנטום אומגעקומען על קידוש השם.

אין א מוראדיקן שבת טאג פון חדש אב איז דער אידישער ישוב פון חברון אויסגעמעקט געווארן פון דער ערד. און מיט פרישער אידישער בלוט האט זיך אנגעזאפט דאס חברונער בארגיקע ערד. פארוויסט און פאראבלט איז די שטאדט געווארן און א וואלקן פון חורבן האט זיך אפן גאנצן ישוב אראפגעלאזן.

א מעסער האט דער אראבער ארייננעשטאכן אין הארצן פון די חברונער און דורכגעלעכערט האט ער אונז אלעמען דאס הארץ, וואו מיר זאלן זיך ניט געפינען...

י. א.

---

# מתפללים פון די מנינים און שולן! אלע ווי איינער פארשרייבט זיך אלס מיטגלידער בא די מורשים פון די שולן!

---

# אפן שוועל פון נייעם יאר.

און ווידער איז א יאר צוגערעכנט געווארן צו דער פארגאנגענהייט. און ווידער איז א יאר מיטן ברויזנדיקן לעבנשטראך אין דער לאנגער קייט פון עבר ארייננגערינגלט געווארן. און געוואוינט איז מען אין א צייט, ווען מען שטייט אף א שיידוועג פון א תקופה, ווען מען שטייט באם ענדע פון אלטן יאר און באם שוועל פון נייעם יאר, צו מאכן א דין וחשבון, א סך הכל פון דעם, וואס דער פארגאנגענער יאר האט אונז געגעבן.

און געהאט האבן מיר א יאר א שווערן, פול מיט נסיונות און איבערלעבענישן, א יאר א טונקעלן, כמעט אן א שטראל פון ליכטיקייט און אן א פונק פון טרייסט. א יאר, אין וועלכן עס האבן זיך בולט אפגעצייכנט די שאטנזייטן פון אונזער לעבן, מיר האבן איבערלעבט א שווערן יאר — ס'הערשט א חורבן אין עקאנאמישן מצב און מ'לעבט איבער אין מאטעריעלן הינזיכט שווערע טעג, שווערע צייטן. אבער ניט נאר א חורבן פון עקאנאמישן מצב איבערלעבן מיר היינט. נאר אויך אין גייסטיקן מצב פון פאלק לעבן מיר איבער א חורבן — שווער און קריטיש איז די לאגע פון אידישקייט געווארן...

וואו איז אונזער שבת?

טרויעריק ווערט אפן הארצן און פארשטיינערט ווערט דאס אידיש געפיל, ווען מען זעט, אז דאס טייערסטע און הייליקסטע ווערט פארשוועכט און פארוואכעדיקט. און א סכנה שטייט פארן אידישן פאלק — די סכנה, אז דער שבת זאל חס ושלום ניט אונטערגיין. אין אידישן לעבן איז א תהו ובהו; עס שווימען געדאנקען און געפילן אן פארמען. און גרויסע הייליקע אוצרות, די אידישע שבתים און ימים טובים איז מען אף דער אידישער גאס מחלל.

אונזער גייסטיקער בנין, דער שבת שטייט אין געפאר, דער הייליקער רו-טאג ווערט אלץ מער און מער עפנטלעך פארשוועכט און אונטערבראכן.

דאס, וואס עס איז ניט געלונגען די פארשיידענע טיראנישע הערשער אין אלע צייטן, די דם שונאים פון אידישן פאלק, דאס, וואס יענע האבן ניט געקאנט אויספירן מיט זייערע אכזריותדיקע גזירות און רדיפות, האט אבער — צו אונזער גרויסן באדויערן — דורכגעפירט דאס אומנארמאלע לעבן פון די מלחמה-יארן. זיי האבן אריינגעבראכט א שגעון און א צומישונג אין א טייל אידישע מחות.

אידן, וואס זיינען איבערגעגעבן צו אלץ, וואס אונז אידן איז הייליק —— אט אויך אזעלכע אידן ערלויבן זיך אנצורירן דאס גאנצקייט פון שבת און זיין הייליקייט צו פארשוועכן און זיי פארגעסן דערביי, אז דערמיט שליסן זיי זיך אויס פון קהל ישראל, אונטערברעכן די אידישקייט און גיבן דערצו נאך די שונאי ישראל צו באווייזן, אז אידן זיינען אזוי געלט-גייציק, אז אפילו דאס

העכסטע בא זיי. דעם אידישן שבת פאַרקויפן זיי אויך צוליב געלט.

בעת, אין דער גאַנצער וועלט קומען אונזערע ברידער און פאָרערן עפנטלעך פון די געזעצגעבערישע אינסטאַנצן די אָפּיציעלע אָנערקענונג פון שבת־רו פאַר אידן, טוט מען בא אונז דאָס, וואָס אונזערע שונאים ווילן -- מען צוברעכט דעם שבת.

פיל פון אונזערע ברידער האָבן אין פאַרגאַנגענעם יאָר זיך אָנגעהויבן וואַקלען און זיינען אין חלול שבת נכשל געוואָרן. פיל זיינען דעם נסיון ניט בייגעשטאַנען, זיי זיינען אין דעם שווערן נסיון פון עול הפרנסה דורכגעפאַלן. און „כיון שעבר ושנה נעשית לו כהיתר”, שווער איז שוין דערנאָך זיך צוריקכאַפּן און אָפן אמתן וועג זיך צו שטעלן.

אָף וועמען, ווען ניט אָף אונז אַליין ליגט דער חוב צו וועקן און צו דערמאָנען אָפּצוהיטן אונזער אייגנאַרטיקע עקסיסטענץ, דעם אייגענעם כבוד, דעם שבתדיקן רו־טאָג, וועלכער דערהויבט דעם אידן העכער פון אַלע צרות און ענוים. אַזוי אַז ער האָט די מעגלעכקייט ווייטער זיך צו שטאַרקן און ווייטער אַ איד צו בלייבן.

און עס פרעגט זיך די פראַגע: צי וועלן מיר טאַקע ביישטיין אָט דעם נסיון און מיר וועלן חלילה ניט פאַרשוועכן די גרויסע מתנה — דעם שבת?

און ווען מיר שטייען איצט מיט אַ ציטערדיק האַרץ באַם אנקומען פון גרויסן און הייליקן טאָג — דעם יום הדין, ווילן מיר אויסרופן:

**יאָ! מיר וועלן די נסיונות אַריבערטראָגן.**

**מיר וועלן די שבת מלכתא צוריק אַף איר כסא המלכות אַרופזעצן.**

אומעטום דוכט זיך במעט שוואַרץ, חושך, פינסטער און דאָך האָט דאָס אידישע פאָלק געוועבט ווייטער דעם פאָדים פון זיין אייביקער געשיכטע און באַגעגנדיק דעם נייעם יאָר מעגן מיר דאָך רואיק און מיט בטחון קוקן אין דער צוקונפט.

אַ שטראַל פון האָפנונג און טרייסט האָט אין פאַרגאַנגענעם יאָר פאַר פיל פון אונז זיך באַוויזן. מ'האָט דערזען די גרויסע סכנה, וואָס עס שטייט פאַר דעם אידישן פאָלק און מ'האָט געזוכט מיטלען, ווי אַזוי די דאָזיקע סכנה צו פאַרמיידן. מ'האָט געשאַפן אַן אַלוועלטלעכע שומרי־שבת־אָרגאַניזאַציע, וואָס איר מטרה איז צוזאַמענצונעמען און פאַראייניקן די צושפרייטע אָרטאָדאָקסישע מאַסן, וואָס דער שבת איז זיי טייער אין איין אָרגאַניזירטן כח, רען נאָר מיט דער הילף פון דער אָרגאַניזאַציע און פאַראייניקונג, וואָס שאַפט דעם באַוואוסטזיין און פעסטן רצון צו דער אַרבעט, וועלן מיר אָט די סכנה, וואָס באַדרויט מיט אַן אונטערגאַנג דעם אידישן פאָלק — באַזיגן. זייענדיק פאַראייניקט טרעטן מיר אַרויס מיט דעם געהעריקן שטאָלץ און כח צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון שבת־רו.

אין פלוג ווען מען זעט, אַז אָרטאָד. אידן אָרגאַניזירן זיך צו היטן שבת ברענגט עס צו טרויעריקע געדאַנקען: „ותהי האמת נעדרת מלמד שנעשו עדרים עדרים”. ווען דער אמת פעלט אויס אַף דער אידישער גאַס דאַן מוזן זיך אָרגאַניזירן אין גרופן די, וואָס לעבן מיטן אמת. אָבער ווען מיר זעען די אָרגאַניזאַציעס „שומרי שבת”, וועלכע זיינען אַרויסגעשווומען ווי קליינע רעטונגס־שיפלעך אָפן ים, וואו ס'ברויזן די שטאַרקע וועלן, איז אַ סימן, אַז אַרום זינקען און גייען צום גרונט אונזערע טייערסטע אוצרות און ווען מיר זעען, אַז די רעטונגס־שיפלעך זיינען ניט איינגעשלונגען פון זיי, איז אַ סימן, אַז עס איז אַ נצחון. אָבער מיר קענען מיט דעם ניט טריאומפירן — מיר קעמפן, אַז אידן זאָלן אָנערקענען, **אַז שבת איז דער יסוד פון אידישקייט.**

אַ נייע תקופה הויבט זיך איצט אָן אין דער געשיכטע פון אָרטאָדאָקסישן אידנטום — אַ תקופה פון התעוררות, וואו עס קלאַפּט נאָך דער אידישער דופק מערקט זיך אַ באַוועגונג צו אַן אָרגאַניזירונג — עס גרינדן זיך „שומרי שבת”־אָרגאַנ. און מ'הויבט אָן צו טראַכטן וועגן באַרבעסערן דעם מצב פון שבת — עס שאַפן זיך לאַנדעס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטעלן זיך דעם ציל צו זאָרגן פאַרן פאַרשטאַרקונג פון שמירת שבת. דאָס אָרטאָדאָקסישע אידנטום אין מערב־אייראָפּע, ווי אויך אין אַמעריקע, האָט אָנגעהויבן צו קעמפן מיט אַלע כחות קעגן דעם חלול שבת און מיט פאַראייניקטע קראַפט דערהויבן דעם שבת צו זיין אמתער מדרגה, אַזוי ווי די תורה האָט געבאָטן.

מער אָדער ווייניקער האָט אונז געלונגען, די ריגער „שומרי שבת”־אַרבעט און זעט צו ווירקן אַף וויפיל מעגלעך איז. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז זומער־צייט איז געווען די אַרבעט אָפּגעשוואַכט, און איצט, ווען עס דערנענטערט זיך דער ווינטער מיט די קורצע פרייטיק־טעג און נאָך געשעפטן פון נייע בראַנזשעס אָדער פון די אַלטע האַלטן זיך אפשר שבת באַם עפענען אָדער פאַרזיצן זיך פרייטיק צו נאַכט נאָך דער שקיעה מוז מען זיך ערשט אָנגאַרטן די לענדן און די אַרבעט פירן אינטענסיווער, איבערגעגעבענער און התלהבותדיקער — דער מצב איז אַ שווערער, דער מאָמענט איז אַ ריזיקאַלער און די אחריות איז גרויס.

צו גרויס איז די סכנה פאַרן גאַנצן אידנטום, אַז מיר זאָלן בלייבן איצט פּאַסיוו, און זיך גלייכגילטיק צוקוקן צו דעם, וואָס הערשט אַף דער אידישער גאַס. מיר טאָרן אויך ניט פאַרגעסן, אַז דער געשעפט, וואָס איז אָפן שבת, איז ניט נאָר דאָס, וואָס דער בעל הבית אַליין איז מחלל שבת, נאָר ער צווינגט אויך זיינע אָנגעשטעלטע, אַז זיי זאָלן מחלל שבת זיין (מיר ווייסן פון פאַלן, וואו אָנגעשטעלטע זיינען געקומען צו אונז זיך באַקלאָגן און מיט טרערן אין די אויגן דערציילט, אַז קעגן זייער ווילן צווינגט זיי דער בעל־הבית צו אַרבעטן דווקא אום שבת).

דער מאָמענט רופט איצט צו אַ פאַרשטאַרקטער און פאַרצווייגטער אַרבעט — צו ראַטן דאָס, פאַר וואָס עס האָבן זיך מוסר נפש געווען אונזערע אבות און וואָס ליידער — אין אונזער דור — איז מען מחלל און מ'ברענגט אַלס קרבן דעם אָפּגאָט פון געלט.

מיר דאַרפן איצט זען צו פאַרגרעסערן אונזערע רייען, פאַרשטאַרקן אונזער אַרבעט און אָפּהיטן דעם אידישן שטאָלץ, דעם סוד הקיום פון אידישן פאָלק — דעם שבת.

די שטאַרקייט פון דער פאַראייניקונג איז דער ערשטער תנאי פאַר דער פרוכטבאַרקייט פון דער אַרבעט. און צו דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז ס'טאָר זיך נישט געפינען קיין איין איד, וואָס זאָל ניט העלפן און אָנטיילנעמען אין דער אַרבעט. זאָל יעדער איד פאַרשטיין, אַז ס'מוז נאָך אַ צייט פון חורבן זיך אָנהויבן אַ צייט פון בויען.

אין אַ צייט, ווען עס האַנדלט זיך אום דער עקסיסטענץ פון אידישן פאָלק טאָר קיין איין איד, וועמען עס איז טייער דער שבת ניט בלייבן מחוץ למחנה—אַלע ווי איינער מוזן זיי אַריינטרעטן אין דער „שומרי־שבת” באַוועגונג.

איצט, ווען מיר שטייען אָפן שוועל פון נייעם יאָר רופן מיר צו אונז די אַלע, וואָס זיינען נאָך פאַרבונדן מיטן אידישן פאָלק און מיט זיינע הייליקייטן, מיטן שבת—קומט און העלפט אונז אין אונזער אַרבעט.

X.

# ראש השנה׳

ניט אין א וועלכן ס׳איז זכרון פון דעם עבר ליגט די באַדײַטונג פון ראש השנה,

ר״ה איז באַשטימט פאַר דעם איינצלנעם מענטשן אַליין, עס איז א טאָג פון זכרון אָן זיך, א צייט פון חשבון הנפש, פון זיך אָפּשטעלן, זיך באַטראַכטן, און וויסן וואו מען האַלט אין דער וועלט, ווייל ווען מען גיט שוין א טראַכט וועגן זיך, מען חערט זיך אַליין באַוואוסט, מען דערפילט זיך, ווערט דאָך אויך קלאָר מיט דער איבערצייגונג פון דעם אינערלעכסטן פילן, אַז מען איז ניט גאַנץ. די הוויות און טרדות העולם, די קלייניקייטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן פאַרדונקלען און לאָזן ניט צו דאָס גייסטיקע, דאָס נשמהדיקע אין מענטשלעכן לעבן. מען דערפילט אַף זיך די שווערע קייטן פון דער פּשוטער גראָבער ווירקלעכקייט. וועלכע לאָזן ניט דעם מענטשן זיך א ריר טאָן און זיך עטוואָס אופהייבן. מען דערפילט דעם גרוים תהום, וועלכער שיידט פאַנאַנדער דעם טיפן קלאָרן אינערלעכן לעבן פון דעם אויבערפלעכלעכן פאַרנעפּלטן און מהומהדיקן לעבן. גלייכצייטיק דערפילט מען אָבער אויך א שטרעבן, א דראַנג, אַ געוואַלדיקע תשובה צו דעם מער עכטן, מער אמתן, מער אבסאָלוטן, און בא דער שוואַכקייט, חלשותדיקער אָנמעכטיקייט זיך מתרומם צו זיין, שרייט מען אוים מיט דעם ברענענסטן רצון פון טיפן האַרצן: ככלוה כחנו אל תעזבנו.

אָט דער העל־קלאָרער מיט צווינגנדער קראַפט דערקענטער באַוואוסטזיין דרינגט און וועקט צו איינענער אופריכטונג, צום בעסער ווערן, צו אַנדערש ווערן. ר״ה איז דער טאָג פון ועשיתם את עצמכם, זיך ניי מאַכן, זיך שאַפן און שאַפנדיק מאַכן, צום נײַעם יאָר א בעסערער און אַ נייער מענטש ווערן. אָט דאָס איז דער זין פון ראש השנה.

* * *

איז דאָס א מליצה? אַ פאַנטאַזיע, אַ שיינע פאָרשטעלונג פון דעם מענטשנס נשמה, פון דער מענטשלעכער האַרץ? בלויז א פאַרלאַנגען און שטרעבן נאָך די פיינע אימפּאָנירנדע בײַגונגען פון די מענטשלעכע מדות און מעשים? ניין, אין אידישן לעבן איז דאָס א ווירקלעכקייט, אין דעם אידישן לעבן, וועלכער איז שטענדיק געווען דורכגעזאַפּט מיט רוחניות, מיט התרוממות הנפש, ווען מען האָט אין למוד התורה און תפילה געפונען דעם מקור חיים האָט מען גלייכצייטיק אויך געפילט די נויטיקייט פון אַזאַ מאָמענט, אָדער בעסער געזאָגט, פון אַזאַ תקופה, אין וועלכער מען זאָל זיך מיט קריטישן באַטראַכטן פאַרנאַנדערקלײַבן דעם אייגענעם איך, זיך מער אָפּגעבן דעם אינערלעכן לעבן, מער באַווירקט ווערן פון די מאָראַלישע חובות פון תקון המדות און מעשים טובים. און מען האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט ראש השנה אַליין.

דער גאַנצער חדש אלול איז שוין באַשטימט געווען צו פאַראינערלעכונג, צו פאַרטיפונג, צו גרעסערע גייסטיקע אַרבעט דורך מער תורה, צו מער נשמהדיקן לעבן און ערנסטערע לעבנס־ווערטיקע געדאַנקען, צו א ריינעם, קלאָרן און זיטלעכן לעבן, דורך א בעסערן מיט תורה־באַוואוסטזיין דורכגעדרונגענעם בין אדם לחברו, מצוות און מעשים טובים. און דורך דעם טיפן ערנסט פון דער צייט אונטער דעם מאָראַלישן דרוק פון דעם אלולדיקן חשבון־הנפש האָט זיך יעדער איד געפילט צו ר״ה עטוואָס אַנדערש, האָט געפילט אין זיך אַ געוויסע ערנייערונג, יוגנטלעכע אופלעבונג און אַ אָנזאַמלונג פון אוצרות, פרישע, גייסטיקע, אינערלעכע קרעפטן, מיט פולן באַוואוסטזיין האָט מען ערפונדן די ערנייערונג פון די פאַרױנגטע פרישע קראַפט.

און מיר! פילן מיר פאַרױנגטע קראַפט, פילן מיר איבערהויפּט קראַפט, עמפּינדן מיר ערנייערונג? מיר קומען די זעלבע מענטשן, אַלטע מענטשן צום נײַעם יאָר.

ס׳איז בא אונז ניט קיין תקופה פון לעבנס־ענדערונג. אויך, ניט קיין מאָמענט פון באַזינונג. פון זיך אופהייבן צום בעסערן און וואָלט מען דאָס באַטש געפילט, וואָלט מען פאַרשטאַנען זין חייט מען איז פון פנימיותדיקן לעבן, ווי פרעמד מען איז פון דער אופהייבנדער קראַפט, וועלכע עס שאַפט דער צו זיך קומען. דאַן וואָלט שוין דאָס אַליין אַלס אַ סימן פון לעבן, אַלס אַ קליינער גליענדער פונקל דאָך עטוואָס באַלעבט און באַלויכטן. אָבער דאָס געשעט אויך ניט ווייל עס קען ניט געשען, מען קומט ניט צום האַרצן ווייל מען האָט שוין פאַרלאָרן דעם וועג צום האַרצן. מען איז איינגעוואוינט אָן אַנדער קול צו הערן און אָן אַנדער רוף צו פאָלגן. וטח לבם. השמן לב העם. אָדער טיפער געפילט. אכן חציר העם, ניט נאר די האַרץ, אַלע אברים זיינען אָן לעבן, אָן טעם, ווי גראָז.

אויב אָבער עס פעלן אונז די בחות, מיר זיינען אויסגעטריקנט פון יעדער לחלוחית פון גייסטיקייט און האַרציקייט און מיר קענען זיך ניט אופריכטן דורך די זכרונות פון עבר, דאַרפן מיר שעפּן בחות פאַר אמיצות און התרוממות. דורך די שופרות פון עתיד. דער חוב און אחריות, וואָס ליגט אַף יעדערן פון אונז פאַר דעם קיום און עתיד פון אונזער פאָלק, דער באַוואוסטזיין, אַז יעדער איינציקער פון אונז דאַרף מיט זיין אייגענער פערזענלעכקייט, מיט דער פאַרבעסערונג פון זיין אינערלעכן לעבן ערשט אופבויען אונזער צוקונפט. אָט דאָס אַליין דאַרף אונז שוין ברענגען די התעוררות און דעם רוח נכון פאַר אינערלעכער באַנייאונג, פאַר תשובה. וואָרום דער עתיד אַף וועלכן מיר וואַרטן שוין טויזנטער יאָרן, וועלכער קומט און מוז קומען, ווייל נאָר אין אים אַליין וועט מען געפינען אָט דעם אידעאַלן צושטאַנד פון גליק וועגן וועלכן דער פאַרנעבלטער דורכשניטסמענטש מיט זיינע אופגעליעפּעטע אידייען גלויבט מיט מאַטערניש עס ווי עס איז צו באַשאַפן, אָט דער עתיד קען זיך אופבויען און ערשיינען נאָר אַפן יסוד פון אַ פולשטענדיקער איבעראַנדערשונג אין די באַציאונגען בין אדם לחברו אַף דעם אופריכטיקן, אמתן פאַרשטיין און פאָלגן די באַגריפן פון גערעכטיקייט. ר״ה דערמאָנט אַ איר זייער פיל וועגן מלכות שמים און וועגן דער גאולה ווייל די פולקומע מענטשהייט און איר גליק בויט זיך אויף נאָר אַף דעם העכערן, צוריקגעקערטן מענטשן, אַף זיין ערנייערונג. אַף זיין תשובה—דער תיקון העולם במלכות ש״י קומט נאָך דעם תיקון עצמו.

# אידישע פאַבריק אינהאַבער! העלפט דער איינ־פירונג פון א פינף־טאָגיקע ארבעטס־וואָך.

הר״הג ר׳ שמשון רפאל הירש ז״ל.

# דער שבת.

## דער שבת פון דער וועלט־באַשאַפונג.

אָ, וואָס פאַר אַ הימליש גליק, וואָס פאַר אַ הערלעכקייט און שיינקייט וועלן אמאָל פאַרשפּרייטן אַף דער וועלט די פּערל פון די הונדערטער יאָרן, די נאַטור־וויסנשאַפט, ווען יעדן נייסטן „קאָסמאָס“, יעדע נייע וועלט־אָרדנונג, וועט באַגלייטן דער גייסט פון אַלטן שבת; ווען די קענטנים פון דער נאַטור וועט נישט מער פאַרטונקלען און שטערן די ערקענטנים פונם בורא: ווען מען וועט שוין מער נישט פאַרגעסן און אָפּלייקענען צוליב די פאָרמען — זייער מייסטער, צוליב די כחות — זייער שעפער, צוליב די געזעצן — דעם געזעצגעבער, צוליב די געדאַנקען — דעם דיינקער; ווען די שטערבלעכע חכמים וועלן שוין מער נישט שטיין מיט זייערע טעפ, וואָגן, גלעזער און מאָסן אין זייערע הענט און מיט אַ העזהדיקער פאַרבלענדניש שאָקלען מיטן קאָפּ און זאָגן: נאָר אָט דאָס, וואָס מיר טאַפּן אָן מיט אונזערע הענט, נאָר אָט דאָס, וואָס מיר שמעלצן, וועגן מיט אינזערע וואָגן, וואָס מיר זעען מיט אונזערע אויגן, וואָס מיר מעסטן און ציילן, נאָר דאָס עקסיסטירט און איז דאָ — נאָר זיי וועלן אַזוי זאָגן: מיר האָבן געשמאָלצן, געוואָגן, געמאָסטן און געציילט, און דעם גייסט אָבער, די פרייהייט און גאָט, האָבן מיר דאָך נישט געפונען; ווען די שטערבלעכע חכמים און געלערנטע וועלן, באַקאַנטמאַכנדיק זייער דור מיט דער „נאַטור“, נישט מער אַוועקרייבן פון אים זיין „גאָט“; — יעדער טרונק פונם געדאַנקען־ברונען פון דער נאַטור וועט נאָך פיל מערער פאַרשטאַרקן דעם דורשט צו דערקענען דעם דיינקער פון אָט די געדאַנקען; — ווען יעדער ניי־אויסגעפאָרשטער געזעץ וועט נאָך פאַרמערן די אַכטונג צום געזעצגעבער, יעדער ניי־אַנטדעקטער וואונדער וועט נאָך מער פאַרשטאַרקן דאָס בענקעניש צו דעם מייסטער, וואָס האָט די וואונדער געשאַפן; ווען דער גרעסטער קאָסמאָס־פאָרשער, דער העכסטער נאַטור־ און וועלט־פאָרשער, וועט גלייכצייטיק זיין אויך דער גרעסטער שבת־כהן פון דער פאַרערונג צו גאָט, און פון די אַלע וואונדער פון הימל און ערד, ימים און טיפענישן, וועט ער אויסבינדן אַ קראַנץ צו אָט דער פאַרערונג, און זייענדיק דורכגעדרונגען און אָנגעפילט מיטן גייסט פונם אַלטן שבת, וועט ער אַרויסטרעטן אַלס שבת־העראָלד און וועט אויסרופן פאַר די גייסטער און געמיטער פון די מענטשן דאָס אַלטע וואָרט פון שבת: „מלאכתו!“, זעט אָט דאָס אַלץ איז זיין ווערק!

און די דאָזיקע צייט וועט קומען, איר שליח און כהן, איר וואָרצל און איר ערב איז מאַקע: דער שבת פון דער בריאה!

הימל און ערד און זייער גאַנצע מחנה קעמפנדע קעגנזאַצן און סתירות זיינען שוין געווען פאַרענדיקט, אָבער גאָטס באַשאַפונגס־ווערק, „מלאכתו!“ איז נאָך אַלץ נישט געווען פאַרענדיקט. די פאַרענדיקונג פון זיין ווערק איז ערשט געווען דער שבת. מיט דעם זיבטן טאָג האָט ערשט גאָט פאַרענדיקט זיין ווערק. און פונקט ווי אַלץ, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין די זעקס טעג, פונקט ווי יעדער פון די זעקס טעג האָט דערגרייכט זיין ציל, אַזוי וועט אויך דער זיבעטער, דער שבת, זיין ציל דערגרייכן. אָ, ערשט ווען דער שבת דערגרייכט זיין ציל, דאַן ערשט דערגרייכן אויך די אַנדערע, פריערדיקע באַשאַפונגען זייער אמתן ציל; דען זע נאָר, דעם דאָזיקן זיבעטן טאָג האָט גאָט געבענטשט און אים הויך, אומבאַגרייפבאַר געהייליקט.

הימל און ערד און די גאַנצע זיכטבאַרע וועלט, וועלכע מיר קאָנען תופס זיין מיט אונזערע חושים, זיינען שוין געווען באַשאַפן, אָבער גאָט האָט נישט באַשאַפן די דאָזיקע זיכטבאַרע, דורך די חושים באַגרייפנדע וועלט, כדי זי זאָל זיין בלויז נאָר אַ שוי־פּלאַץ, אַן אָרט, וואו מען זאָל שטיין און צוקוקן ווי עס קאָנקורירן און קעמפן די באַשעפענישן אַן אייגענעם באַוואוסטזיין, אַן אייגענעם ווילן; דער מענטש איז שוין דאַן געווען, וועלכער, כאָטש ער לעבט אין דער דאָזיקער וועלט, וואָס איז פול מיט סתירות אַף יעדן שריט און טריט, פאַראייניקט ער דאָך אין זיך די העכסטע קעגנזאַצן? כאָטש ער איז באַשאַפן אויס שטויב פון דער ערד, און אָנגעהערט צו אַ מאַטעריע, וואָס אַרבעט און ליידט אינסטינקטיוו און באַוואוסטלאָז, טראָגט ער דאָך אין זיך דעם אומזיכטבאַרן, אייביקן און פרייען געטלעכן הויך. און אַ דאַנק אָט דעם געטלעכן הויך איז זיין בליק אַלעמאָל געווענדעט צו גאָט, און ער קאָן באַגרייפן און דערקענען די געטלעכע געדאַנקען, וואָס זיינען אין דער וועלט פאַרקערפּערט, ער איז באַרופן געוואָרן צו טאָן פרייע און זיטלעכע מעשים אַף דער וועלט, וואָס זייער הויפּט־ציל איז: גאָטס־פאַרערונג, און צו זיין דער צלם אלקים אַף דער ערד. און אָט אים, דעם דאָזיקן באַשעפעניש, וועלכער איז צו אַלע באַשעפענישן גלייך, האָט גאָט די גאַנצע ערדישע וועלט צו זיינע פיס געלייגט און אים באַשטימט פאַרן הערשער פון דער גאַנצער בריאה.

אַלזאָ, אויב דער מענטש ערפילט זיין אויפגאַבע, זיין באַרוף, דאַן קומט צו אים דער גאַנצער „צבא“, דאַן קומען צו אים אַלע קעגנזאַצן, אַז ער זאָל זיי לייזן און אַ תיקון אַרויסגעבן, און די באַשאַפענע וועלט געפינט איר ציל. די גאַנצע ערדישע וועלט, וואָס שטאַמט פון גאָט, ווערט דורכן מענטש ווידער מיט קדושה צוריקגעפירט צו גאָט, און נישט נאָר „פון“ גאָט, נאָר אויך „צו“

# אַלע ווי איינער שטעלט זיך אין די רייען פון דער „שומרי שבת“ באַוועגונג.

גאָט בליט און רייפט אַלץ אַף דער ערד, דער פאַרמיטלער און דער פריסטער איז דער מענטש.

ווי איז אָבער, ווען דער מענטש הויבט אָן צו בלאָנדזשען פון זיין באַרוף, ווען ער בלאָנדזשעט אין זיין וועלט, ווען ער בלאָנדזשעט פון זיין גאָט און דערמיט אויך פון זיין אייגענעם וועזן, ווען דורכן קאַמף מיט דער אַרומיקער וועלט, וועלכע איז ענג פאַרבונדן מיט די קערפּערלעכע חושים, ווערט באַטריבט דאָס באַוואוסטזיין פון זיין פרייער, געטלעכער נאַטור; ווען דורכן פאַרקער מיט אָט דער דאָזיקער וועלט פאַרלירט ער דאָס ריינע באַוואוסטזיין פון דעם פרייען, אומזיכטבאַרן גאָט; ווען די דאָזיקע קערפּערלעכע וועלט איז פאַר אים שוין אַלץ און אויסער איר עקזיסטירט פאַר אים גאָר נישט; ווען ער דערקענט נישט און פאַרלייקנט גאָט, פון וועמענס פרייען געדאַנק און פרייער ווילנס=מאַכט עס איז אַנטשטאַנען און באַשאַפן געוואָרן די דאָזיקע וועלט; ווען אינאיינעם מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז גאָט רעגירט פריי אויסער דער וועלט און איבער דער וועלט, פאַרלירט ער אויך דעם גלויבן אין זיין אייגענער פרייהייט, אין זיין אייגענער, פרייער, מאָראַלישער און געטלעכער נאַטור, און ער הויבט אָן צו צווייפלען אין גאָט, און אין זיך אַליין — — —

דאַן גיב נאָר אַ קוק אַף דעם שבת פון דער וועלט=באַשאַפונג! באַשטימט איז דער שבת, ער זאָל אין אַלע ציַיטן דעם מענטש באַגלייטן אין זיין לעבן, אין זיין שאַפן, רעגירן און ווירקן; אויב די זעקס=וואָכעדיקע טעג האָבן אַראָפּגעצויגן דעם מענטשנס בליק צו דער ערד, קומט דאַן דער שבת און הויבט ווידער אויף זיין בליק און ווייזט אים ווידער אָן אַף דעם, וועלכנס „מלאכתו“, וועלכנס מלאך, שליח און אויפטראַג, עס איז די שאַפנדע ווערק פון דער גאַנצער וועלט, און וועלכנס העכסטער מלאך, העכסטער שליח און העכסטער דינער, וועלכער ערפילט זיין אויפגאַבע מיט איבערגעבנקייט און קדושה, און וועלכנס פריסטער אַף דער ערד באַדאַרף זיין — טאַקי דער מענטש אַליין!

אָט דער שבת איז אַריינגעפירט געוואָרן אין דער וועלט=באַשאַפונג, אָט דער שבת איז דער ציל, דאָס שלמות, דער גרונט און די באַדינגונג פון די איבעריקע זעקס אַרבעטס=טעג, אָט מיט דעם זיבעטן טאָג זיינען פאַרבונדן די פריערדיקע זעקס טעג, אָט מיט דעם שבת איז די גאַנצע מגושמדיקע, באַשאַפענע וועלט פאַרקניפּט! מיט אָט דעם שבת איז אויך פאַרבונדן דאָס גאַנצע קערפּערלעכע גליק פון די מענטשן אַף דער ערד, אָט אַף דעם שבת איז אויך באַגרינדעט די „ברכה און די קדושה“, די דויערהאַפטיקייט און די עקסיסטענץ פון דער גאַנצער בריאה. — אָט איצט זעסטו ערשט אַז די מאָראַלישע נאַטור פון מענטש און זיין פרייער, געטלעכער תכלית איז דאָך נישט קיין חלום אָדער אַ בבא=מעשהלע! „הימל און ערד זיינען עדות אַף זיין פרייען, מאָראַלישן באַרוף, און ווי זיינען ערב פאַר זיין ערפילונג!“ הימל און ערד שמייכלען פריינדלעך צום מענטשנס מי און אַרבעט, כל זמן ער איז דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון שבת בשעת זיין אַרבעט אַ גאַנצע וואָך, כל זמן ער האַנדלט און וואַנדלט אַף דער וועלט מיט זיין פרייער מאָראַלישער קראַפט לויט גאָטס ווילן. אָבער ווען איר מאַכט דעם מענטש פאַר אַ הערשער און מייסטער נאָר פון דער זעקסטאָגיקער וועלט אַליין, ווען איר פאַרגרעסערט זיין שכל אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען באַהערשן אַלע סודות פון דער נאַטור, ווען איר גיט אים פליגל, ער זאָל פליען אין דער לופט, איר מאַכט דעם בלויז פאַרן שליח פון זיינע געדאַנקען, און איר שפּאַנט איין דעם וואָלקן אין זיין טריאומפּס=וואָגן — מיט איין וואָרט, ווען איר מעקט אויס דעם שבת פון זיין וועלט, נאָר איר מאַכט אים פאַר אַ כופר, פאַר אַן אָפּלייקענער אין גאָט און אין זיין העכסטן תכלית — דאַן די ערד, וואָס האָט געזאָלט זיין גן=עדן זיין, ווערט זיין קבר, ווייל נאָר דער שבת געהערט און איז דער הויפּט=ציל פון דער וועלט=באַשאַפונג, פון דער וועלט=אָרדנונג!..

נישט נאָר דער שווייס פון דער אַרבעט אַליין מאַכט פרוכטיק דאָס פעלד! דאָס גרעסטעניש און די ברכה זיינען נישט ווינציקער אָפּהענגיק אויך פון דעם געטלעכן באַוואוסטזיין און מאָראַלישן שטרעבן פונם אַרבעטער. באַלד דער ערשטער שבת האָט שוין באַגריסט די מענטשהייט אַף דער שוועל פון גן=עדן. און וואָס מער דער גייסט פון שבת איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער מענטשהייט, — אַזוי לערנט אונז די אַלטע געטלעכע קוועלע וועגן דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — אַלץ מער האָט זיך פון דער נאַטור אָפּגעטאָן די ברכה, און די גאַנצע וועלט=געשיכטע איז נישט מער ווי נאָר אַ לערע פון די אומזיסטע באַמיאונגען פון דער מענטשהייט, וואָס באַמיט זיך ווי אַזוי צוריק צו געווינען דעם פאַרלאָרענעם גן=עדן אָן דעם שבת=גייסט. "אבלה נבלה הארץ, אמללה נבלה תבל„ — עס טרויערט און עס וועלקט די ערד, כל זמן עס איז דערשלאָגן און עס וועלקט די מענטשן=וועלט. אָדער „כי כאשר השמים החדשים והארץ החדשה“ — דער נייער הימל און די נייע ערד — ברענגט גאָט ווידער, ווי נאָר דער שבת וועט זיין נצחון פייערן — „והיה מדי חדש בחדשו ומדי שבת בשבתו יבא כל בשר להשתחוות לפני אמר ד'! — וועט אין יעדן ראש=חודש און יעדן שבת קומען די גאַנצע מענטשהייט בעטן פאַר מיר, אַזוי זאָגט גאָט! (ישעיהו כ"ד, ד'; ס"ו, כ"ג).

# יעדער איד איז מחויב צו זיין אַ מיטגליד אין „שומרי שבת“.

# מאמר קדושת שבת

## מהגה"צ בעל ה„חפץ חיים" שליט"א.

היות כי ראינו את ההתעוררות הגדולה שנעשתה בכל העולם, בענין חזוק שמירת השבת קודש, אשר מכל אפסי ארץ נתחברו ונתאגדו יחד לענין הקדוש הזה, ובהרבה מדינות נעשו אגודות לזה, מה מאד יגל לבנו לראות איך שנשפע ממרום רוח טהרה להתעורר בענין גדול וקדוש כזה, אשר כל התורה ואמונת ד׳ כלולה בו. ובזה תהיה לנו פתח תקוה לבנות הנהרסות מפרצת הדת בימינו אלה, כמו שאמרו חז"ל „אלמלא שמרו בני ישראל שתי שבתות מיד היו נגאלין" נראה מזה כי שמירת השבת הוא היסוד מכל התורה ומקרבת את הגאולה. וכמו שמצינו בדברי הנביאים (ירמיה יז, כ"ד) והיה אם שמוע תשמעון אלי נאום ד׳ לבלתי הביא משא בשערי העיר הזאת ביום השבת ולקדש את יום השבת לבלתי עשות בה כל מלאכה, וכתוב תיכף אחריו בפסוק כ"ה ובאו בשערי העיר הזאת מלכים ושרים יושבים על כסא דוד רכבים ברכב וגו׳. רואים אנחנו אעפי" שירמיה הנביא היה מתנבא על החורבן, מכל מקום נבא אם היו שומרים השבת אזי היו באים מלכים ושרים יושבים על כסא דוד וכאמור שם בכל הענין.

בודאי אם נתחזק בימינו אלה כראוי בענין שמירת השבת, זאת תהיה סיבה גדולה לקרב גאולתנו במהרה, ונזכה להשיב שבות עמנו ולהעמיד מלכות בית דוד על מכונו. אך בעת אשר זכינו להתעוררות הזאת והתחלתה נעשתה בפרסום גדול בכל העולם, העיקר צריכים אנחנו להתחזק בכל שארית כחנו להוסיף אומץ בענין הקדוש הזה ושיתגדל ויתפשט הרעיון הקדוש הזה בכל העולם בכל תוקף ועז. וכל מי שיתעסק ויחזק איש את רעהו בזה, תקוים עליו נבואת עזריהו (דברי הימים ב׳ ט"ו. ג׳) וימים רבים לישראל וגו׳, וישב בצר לו על ד׳ אלקי ישראל ויבקשוהו וימצא להם. וגו׳ וכתוב אחריו בפסוק ז׳ ואתם חזקו ואל ירפו ידיכם כי יש שכר לפעולתכם, דברי הצעיר שבכהונה המצפה לישועה במהרה.

## ישראל מאיר הכהן.

הושע שער

דאָרפּאַט

# צוריק צו אונזערע שבתים און ימים טובים!

אַט די אידן, וואָס בּאַ זיי אין האַרצן גליט נאָך אַ אידישער פונק, וואָס בּיינקט נאָך און לעכצט נאָך דער אמאָליקער שיינקייט און פּראַכט, הייליקייט און ערהאבנקייט, וואָס האָט געהערשט בּאַ זיי אין שטוב, בּעת די שבתים און ימים טובים — אָט די אידן, וואָס ניט אָפּגעבּנדיק זיך אַ קלאָרן דין וחשבון און ניט פאַרמאָגנדיק די נויטיקע מאָס ווידערשטאַנדס-קראַפט האָבּן זיי אָנגעהויבּן שבת צו האַנדלען אָדער אַרבּעטן.

אָט די, וועלכע דער הרגל פון חלול שבת האָט נאָך ניט אַרונטערגעזעצט אַפן נידעריקסטן שטאַפּל, און זייערע חושים זיינען נאָך ניט אינגאַנצן פאַרטעמפּט און אָפּגעטויבּט, דאַרפן זיך איצט אַ ווײַלע אָפּשטעלן פון זייער וואָכעדיקע יאָגעניש און האַוועניש, פון גאַסיקן טומל און הו-האַ, און אַ טראַכט טאָן ווי מוראדיק גרויס איז דער פאַרלוסט און אָנווער פאַר דאָס אידישע פאָלק, ווען זיי פאַרשוועכן ח"ו דעם שבת און יום-טוב, און ווי גרויס פאַרקערט איז דער גליק, ווען זיי היטן אים אָפּ.

מיט אונזערע שבתים און ימים טובים זיינען ענג פאַרבּונדן אונזערע הייליקייטן אין גייסטיקער מדרגה.

ווען שבת און יום טוב איז אָנגעקומען האָט דער איד זיך אויסגעטאָן פון די וואָכעדיקע האַוועניש צו זוכן דאָס שטיקל בּרויט, פון זיין מי און מאַטערניש פאַר זיין טאָג-טעגלעכן בּאַדאַרף, האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די שווערע לאַסט, וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך געדרויבּט זיין כח.

דער הייליקער שבת און יום טוב האָט אים דערהויבּן העכער פאַר דאָס אַלץ, האָט אים אַריינגעבּראַכט אין אַ אַטמאָספער פון הייליקייט און ג–לעכקייט, פון בּאַגייסטערונג און רוממות הנפש, האָט אים מיטגעגעבּן שבּתדיקייט און יום-טובדיקייט אויך אַף די וואָכעדיקע טעג. אומעטום, אין שטוב און אין גאַס, אין בוד און אין ווערקשטוב, און אים ניט דערלאָזט פאַרשלונגען צו ווערן אין די בּרויזנדע כוואַליעס פון וואָכעדיקייט.

די שבּתדיקע און יום-טובדיקע ליכט האָבּן ניט נאָר געשיינט אין די איינגע ד׳ אמות פון שטוב. זיי האָבּן אַריינגעלויכטן ווייט אין אידישן לעבּן, טיף אין דער אידישער נשמה, האָבּן די וואָכעדיקע פינסטערניש און שוואַרצקייט פאַרטריבּן און אָנגעפילט מיט ג–לעכע ליכטיקייט און לויטערקייט.

גרויס איז דער פאַרלוסט, אויב שבת און יום טוב ווערט ח"ו פאַרשוועכט. ווען ווערט דער איד קומען צו זיך? ווען וועט ער זיך בּאַקלערן, אַז וואָכעדיקייט איז ניט זיין תכלית? ווען וועט ער פאַרשטיין און זאָרגן פאַר זיין גייסטיק דערהויבּענעם ענגר-ציל? ווען וועט ער אַראָפּוואַרפן פון זיך די שוואַרצקייט און זיך אָנטאָן מיט שבּתדיקע און יום-טובדיקע שיינקייט? וואָס וועט זיין מיט זיין תורה און אידישקייט? און וואָס וועט זיין מיט אים אַליין?...

איר אידן, וואָס אין אייער האַרצן איז נאָך ניט פאַרלאָשן די ליבּע צו אונזער תורה און צו אונזערע הייליקייטן, איר קענט נאָך פילן דעם גרויסן ווייטיק פון דער אידישער נשמה, איר קאָנט נאָך דערהערן דעם גרויסן וויי-געשריי פון דאָס אידישע פאָלק, איר אידן ציט זיך צוריק פון אייערע אַזוי מסוכנדיקע מעשים! נעמט אַף זיך עקשנותדיק ניט צו פאַרשוועכן אונזערע הייליקע שבּתים און ימים טובים. און דער אויבּערשטער וועט אייך העלפן.

געדיינקט, אַז פון אָפּהיטן שבת און יום טוב איז אָפּהיינגיק דאָס לעבּן פון גאַנצן אידישן פאָלק אַזוי ווי עס בּאַדאַרף זיין — צונויפגעקניפּט אין איין קשר של קיימא מיט ג׳ און די תורה!

ווייסט! אַז מיט אייער מחלל זיין שבת און יום טוב ח"ו בּאַגייט איר אַ גרויסן פאַרבּרעכן קעגן זיך און קעגן דאָס אידישע פאָלק!

צוריק צו אונזערע שבּתים און ימים טובים!

# שבתדיקע פערל.

אמר רב הונא, רב הונא האט געזאגט, דער מענטש וואס צינדט אן ליכט פרייטיק פארנאכט וועט ער האבן קינדער תלמידי חכמים (שבת כ"ג).

---

יעדער, וואס היט שבת זאגט עדות העם, וואס האט געזאגט און האט מיט זיינע רייד די וועלט באשאפן, אז ער האט באשאפן די וועלט אין זעקס טעג און אין דעם זיבעטן טאג האט ער גערוט (מכילתא פ' יתרו).

---

רב חייא בר אבא האט געזאגט: די אידן וועלן אויסגעלייזט ווערן נאר אין דעם זכות פון שבת. אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק: אז איר וועט רוען אום שבת מיט פארגעניגן וועט איר געהאלפן ווערן (מדרש רבה קהלת).

---

די אידן האבן געזאגט: איך בין שווארץ און איך בין שיין, האט ר' לוי בר חייתא געזאגט, אז דאס מיינט מען שווארץ בין איך א גאנצע וואך, אבער אז עס קומט דער הייליקער שבת, וועלבן מיר היטן אפ, ווערן מיר דערמיט שיין
(מד"ר שיר השירים).

---

יעדער, וואס איז מחלל שבת רעכנט אים דער אויבערשטער פונקט אזוי, ווי ער וואלט געמאכט פארלירן די גאנצע וועלט (אבות ד'ר נתן).

---

מען זאל ניט וואוינען אין אן ארט, וואו דער מארק איז אום שבת, ווייל עס איז אוממעגלעך, אז מען זאל מיט עפעס ניט זינדיקן (ס' חסידים).

---

די רבנן האבן געלערנט: אדם הראשון איז באשאפן געווארן פרייטיק, כדי אז ער זאל גלייך קענען מקיים זיין די מצוה פון שבת (סנהדרין ל"ח).

---

ר' יצחק האט געזאגט: זאלסט גערדיינקען דעם טאג שבת, מיינט מען, אז א גאנצע וואך זאלסטו דערמאנען שבת. און דו זאלסט זאגן: היינט איז איין טאג אין שבת, צוויי טעג אין שבת א. א. וו. (מכילתא פ' יתרו).

---

די מצוה פון שבת איז גרויס, דען אז די אידן זיינען פארארימט געווארן פון מצות און מעשים טובים איז זיי ניט בייגעשטאנען נאר דער זכות פון שבת, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: זיי האבן גערוט איינער אנטקעגן אנדערן זיבן טעג, ביז עס וועט פארביי דער שבת און אויך אין יאשיהו'ס צייטן איז זיי בייגעשטאנען נאר דער זכות פון שבת (מדרש).

---

אום שבת גיט מען צוריק די אידן די צוויי קרוינען, וואס מהאט געגעבן יעדן אידן פאר דעם, ווי זיי האבן געזאגט „נעשה ונשמע" און מ'האט בא זיי צוגענומען נאכדעם, ווי זיי האבן געזינדיקט מיטן עגל (מדרש).

---

רב תחליפא, דער ברודער פון רבנאי חוזאה, האט געלערנט, עס איז אויסגערעכנט די גאנצע שפייז פון יעדן מענטשן, וויפיל יעדער מענטש זאל פארדינען א יאר, אבער וואס א מענטש גיט אויס אף הוצאות אף שבת און יום טוב און באצאלט מלמדות געלט פאר די קינדער, דאס אלץ האט מען ניט אריינגערעכנט וויפיל ער זאל אף דעם זיין א בעל הוצאה (שבת קי"ט).

---

ר' שמעון בן לקש האט געזאגט: פרייטיק פארנאכט ווערט אריינגעגעבן אין מענטשן א גרעסערע נשמה און שבת צו נאכט ווערט זי צוגענומען פון מענטשן און עס בלייבט די נשמה פון א גאנצער וואך, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק „שבת וינפש". נאך דעם רוען פון שבת אבער איז וויי דעם מענטשן, ווארום ער האט פארלארן דעם נפש — די נשמה פון שבת.

---

מעשה בחסיד אחד, ווי ער האט דערזען, ווי עס איז אופגעבראכן געווארן דער צאם פון זיין פעלד, האט ער א טראכט געטאן, אז מען וועט דארפן נאך שבת פארצאמען, האט ער זיך דערמאנט, אז עס איז שבת און מען טאר ניט טראכטן וועגן מלאכה האט ער שוין קיינמאל ניט פארצאמט, ווייל ער האט ניט געוואלט הנאה האבן פון דער מלאכה, וואס מען וועט פארצאמען בימי החול, ווייל מען האט שבת געטראכט באיסור.
(שבת, פ' השואל).

---

שבת איז גלייך צו א מענטשן, וואס האט געהאט א טייערע כלי, האט ער איר ניט געוואלט שיינקען נאר צום זון וואס דינט אים. אזוי איז אויך בא שבת, וואס איז א טייערער טאג, א טאג פון רוען און פון הייליקייט, האט אים ג—ט ניט געוואלט שיינקען נאר צו די אידן, וואס זיי דינען אים
(פדר"א פ' י"ח).

---

דער אויבערשטער האט געזאגט צו אידן, אויב איר וואלט געפילעוועט די מצוה פון היטן שבת וואלט איר געהאט דעם לוין פון שבת, אז איר וואלט געהאט א געטלעכן תענוג, אבער אז איר האט ניט געפילעוועט איז אף אייך מקוים געווארן: איך פארשפרייט אייך צווישן די פעלקער און די ערד רוט אירע שבתים (תנא דבי אליהו רבה פ' כ"ו).

---

מיט יעדן מענטשן ווערט געבארן א יצר טוב און אויב דער מענטש איז מחלל שבת זאגט דער יצר טוב צום מענטשן: „דו פוסטער מענטש! אין דער תורה שטייט דאך, אז דעם מענטשן, וואס איז מחלל שבת קומט טויטן. פארוואס זשע ביסטו מחלל שבת?
(מדרש).

---

פאר דער עבירה, וואס מען איז מחלל שבת מערן זיך,

שלעבטע חיות אף דער וועלט און די בהמות ווערן פארלענדט, און די מענטשן ווערן וויניק און די וועגן ווערן פוסט און וויסט. (שבת ל״ג).

---

ג—ט האט געזאגט: אויב איר וועט היטן די מצוה פון שבת וועל איך צונויפקלייבן די גלויות, אזוי ווי אין פסוק שטייט; „אזוי האט ג—ט געזאגט צו די סריסים, וואס היטן מיינע שבתים. און דערנאך שטייט אויסגעפירט „אזוי האט געזאגט ג—ט, וואס ער וועט צונויפקלייבן די פארשטויסענע אידן, כשעת משיח וועט קומען במהרה בימינו אמן.

---

וואס האט דער וועלט געפעלט? — רואיקייט. איז געקומען די רו. א משל צו א קעניג, וואס האט אויסגעקאלכט און אויסגעפארבט א חופה, וואס האט געפעלט? א כלה, וואס זאל ארונטער אונטער דער חופה. אזוי איז אויך מיט דער וועלט. וואס האט געפעלט? — שבת.

---

# לייענט און פארשפרייט דעם זשורנאל „דער שבת"

# לכבוד השבת.

א. רחפו, רחפו, מלאכי השרת, מלאכי עליון, מלאכי השבת! רחפו, רחפו מסביב לנו, הרימו, השיקו כנפיכם מסביב לראשינו, ישכנו במשכנותינו שמחה וששון, תבוא בנו חמדה גנוזה, כל חמדת ישראל: השבת.

השבת! שוב אנו מאזינים לקולות קרומים. תוהו ובוהו. קול ד׳ על המים. ויהי אור. והיו ששת ימי יצירה. ויכולו השמים והארץ וכל צבאם. ובאה השבת ובאה הברכה והשמחה והששון.

מעמד הר סיני. עשרת הדברות. ובמרכז הכל: זכור ושמור.

השבת היא הבשורה הגדולה של עם ישראל לעמי הארץ.

---

ב. השבת! ראינוך בדמות השכינה, בדמות אשה עוטה זיו והוד תפארת, בדמות אם אוהבת ורעי׳ מתרפקת, בדמות בת מלכה יחידה.

השבת! את לנו צור היקום, מרכז הכח, סוד החיים, סמל היצירה, כתר מלכות. את לנו מעין של קרושה וטהרה, את לנו מעין הישועה, את לנו חומר מאיר ושופע לכל ימות השבוע.

השבת! בתוך ים הזמן, בתוך גלי האוקינוס את לנו נקודת המנוחה, נקודת הברכה!

---

ג. אנו יכולים כאותו בן מלך שנטרד מפלטין של אביו לרדת ולשקוע. יש אשר יחשך לנו העולם בעריפי צהרים. אך כל עוד השבת לנו לא נירא רע. כל עוד בהתקדש ליל שבת עומדת לה האם העברי׳ כעוטי׳ על הצאן, דוממה ומברכת ומפללת בלחש על הדלקת הנרות, כל עוד אשר לעת צאת השבת היהודי מבדיל על האור בין קדש לחול — עוד אור גנוז גם בחוגי נשמותינו.

השבת! את לנו סוד קיומנו, את לנו סוד כחנו ואוננו.

---

ד. השבת פתחה אותנו ואנחנו פתחנו תרבות של שבת.

כל דור הוסיף תגים, כל תקופה הכניסה נכסים. זו הכניסה תפילה, השני׳ — זמירות, השלישית — „שנים מקרא ואחד תרגום״, הרביעית — פילוסופי׳, החמישית — קבלה, הששית — דרוש, השביעית — מוסר — השמינית — סיפורים עממיים וכן הלאה.

ותקופתנו אנו?

אהה! נתחללה „שבת המלכה״ ונקרעו מחלצותי׳ והיא פצועה בשבעים פצעים. לא עמדה לנו השעה ולא ידענו להצילה, גנון והציל.

בהשתנות הזמן ובהשבר כסאות מלכים, מט גם כסאה לנפול ולהשבר. נפשטה עדי׳ מאלי׳, רוית קדושת הדורות והוד השכינה.

---

ה. התנאים אינם נוחים לשמירת השבת, לשמירת השבת בשלמותה ועצמיותה.

ובכל זאת —

יש מקומות שנלחמים בחרף נפש כרי לשמור את השבת, אבל איפה הם המונינו איפה הם כל שדרות עמנו שהשבת יקר להם?

מתנכרים הם למהותנו, לנשמת קיומנו ואומרים להיות ככל הגוים ולחוג את היום הראשון במקום שבת קדש.

---

ו. והנה נהיתה חרשה. קוי אור החלו להאיר על פני שמי שבתנו המעוננים. שביב של תקוה להצלת השבת נראה לנו וקול השבת התחיל להשמע בחוצותינו ורחובותינו ההומיים. צצות חבורות למען השבת, להגנת הכלי חמדה והמרגניתא טבא.

מרימים את הכתר אשר שמט ארצה.

השבת! כן, נשבענו לשוב אליך, לשים אותך נזר לראשינו ולשאוב ממעין טהרתך, „בני היכלא דכסיפין, למחזי זיו דזעיר אנפין״.

---

ז. חדשה נהייתה בארצנו. נפוצה תנועת „שומרי שבת״, שלחה בדים בכל הארצות ותעש פארות גם בעירות הנרחות והרחוקות.

אילן נטע, אילן עושה פרי למינה. וקשר אמיץ וחזק — כלי מבטא אחד, עלים שישמשו קשר בין אילן לאילן ובין בדיו ופארותיו, חבור בין המרכז ובין סניפיו.

ויהי רצון שעבודתנו זו תשא פרי להרמת קרן השבת.

* * *

# אונזער שבת!

פון אונז האָבן אלע פעלקער אָט דעם גרויסן ליכטיקן שבת טאָג איבערנומען. אונז האָבן זיי צו פאַרדאַנקען דער הויכער מאָראַל, וואָס ליגט אין דער באַדייטונג פון שבת, אלס רוטאָג פאַר יעדערן און אַלעמען.

אָבער די פעלקער, פילנדיק אין שבת דעם מענטשהייטס גליק, האָבן נאָר געזען אין עס זיין אויסערלעכן גלאַנץ — די איינפאַכע פיזישע אָפּרו — אין זיין טיפן אינערן מהות האָבן זיי ניט געקענט אריינדרינגען.

אמת אָבער, אַז אפילו שוין די אויסערלעכע זייט אליין, די באַדייטונג פון שבת-טאָג פון סאָציאַלן און סאָציאַל-עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט איז קאָלאָסאַל גרויס. דאָס ריין פיזישע אָפּרוען אין דעם שבת טאָג איז אַ גאַראַנטיע פאַר אַ פּראָדוקטיוון שאַפן אין די קומענדיקע ווערק-טעג, די שבת-רו ווען ס'האָט ניט געאַרבעט ניט דער בעל-הבית און ניט דער קנעכט — איז געווען אַ סימוואָל פון אַלגעמיינע גלייכהייט, אין דער צייט פון פינצטערער פאַרשקלאַפונג און מענטשן-עקספּלאָאַטאַציע, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער הויכער פּרינציפּ פון רו-טאָג, און דאָס איז דער גרעסטער סאָציאַלער מאָמענט, וואָס קען די וועלט-געשיכטע.

דאָס אַלץ פאַר דער וועלט, בכלל. פאַר אונז אידן איז אָבער דער שבת ניט נאָר אַ סאָציאַלע דערשיינונג, בײַ אונז איז ער דער נאַציאָנאַליזירנדער פאַקטאָר. אין דעם, וואָס אַלע אידן, וואָס זיינען צושפּרייט אין ארבע פנות העולם' פייערן דעם שבת-טאָג, אין דעם ליגט דער כח פון פאָלק ישראל, פון אידישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. דאָס איז דער שטאַרקסטער פאָדים, וואָס פאַראייניקט די אין גאַנץ וועלט צעוואָרפענע אידישע קבוצים. פאַר יעדן אידן האָט דער שבת אַ באַדייטונג פון אַ דיסציפּלינירטן פאַקטאָר, יעדער איד פילט זיך אַלס סאָלדאַט פון דער גרויסער אידישער אַרמיי, וואָס איז אונטערוואָרפן די תורה-געזעצן, וואו שבת איז איינער פון די וויכטיקסטע. דאָס אידישע פאָלק איז אָן שבת אומדיינקבאַר. און ניט אומזיסט איז געזאָגט, אַז אלו, היו שומרים כל ישראל שתי שבתות בכל העולם, מיד היו נגאָלין. וואָס פאַר אַ כח און אינערע קראַפט וואָלט דאָס אידישע פאָלק באַקומען, ווען אַלע זיינע זין וואָלטן כאיש אחד טאַקע כלבב שלם, אָנגענומען דעם שבת-געזעץ, ווען אין דער גרויסער אַלוועלטלעכער אידישער אַרמיי וואָלטן קיין דעזערטירן ניט געווען.

ניט נאָר אָבער פאַרן פאָלק און פאַרן כלל ישראל איז דער שבת געגעבן געוואָרן, דער שבת האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַרן יחיד, פאַרן פּרט.

דער שבת איז דורך אָפּרוען פון דעם וואָכעדיקן הו-האַ לעבן אַ טאָג פון התרוממות הרוח והתעלות הנפש. אַ טאָג פון גייסטיקער ערהייבונג! דער איד, זייענדיק אַ גאַנצע וואָך פאַרהאַוועט און אַריינגעשלעפּט אין קאָכעדיקן וועלטקעסל און אָפּגעגעבן דער מלחמת הקיום און דאגת הפרנסה און זייענדיק אַריינגעטאָן ראשו ורבו די זעקס גראָע וואָכן-טעג — אין דעם חמר גשמיותדיקן לעבן — געפינט זיך שבת — בײַ אַ פולשטענדיקער מנוחה, וואו אַלץ אַרום עס רוט דעם שבת-טאָג גייט ער אַרויס פון גשמיותדיקן גהינם, כדי אָפּ-רוען איין טאָג אין רוחניותדיקן גן-עדן. אין דעם שבת-טאָג, זייענדיק ווייט פון דער ערדישער וועלט, הייבט זיך אויף דער איד העכער פון זיין אַלטעגלעכן לעבן, אום אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון פאַר זיינע וואָכעדיקע מעשים, און אָפּגעבן זיך אביסל דעם למוד התורה.

דער שבת איז דער התרוממות טאָג פון אידישן יחיד, פון יעדן פרט, דער שבת איז דער קדש-טאָג פון אידישן כלל, פון גאַנצן פאָלק!

דער שבת איז דער יסוד פון דער גאַנצער אידישער וועלט-אויפפאַסונג. ער איז דער עיקר פון אונזער עקזיסטענץ, אַלס פאָלק. מיט פייער אותיות איז ער אַריינגעקריצט געוואָרן אין דער צאַרטער נשמה פון אידישן פאָלק און איז פאַרבליבן מיט אים זיין גאַנצן, לאַנגן היסטאָרישן וועג און אַלעמאָל האָט דער שבת אים אָפּגעהיט פון די הענט פון זיינע אינערע און אויסערלעכע שונאים, ער האָט געראַטעוועט די אידן פון די אַסימילאַציע-הענט. אין די פינצטערע, שרעקלעכע צייטן פון גזרות און אויטאָדאַ-פע. אין די מאָמענטן פון ווילדע און בלוט-דורשטיקע אינקוויזיציע האָבן די אידן מיט מסירת נפש מקיים געווען שמירת שבת — ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז דער אַטענטאַט אויף שבת איז אַן אַטענטאַט אויף דער עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק און אַלעמאָל האָבן די אידן מנצח געווען אין זייער קאַמף, אין דער מלחמת ד'.

וואָס זעען מיר אָבער, ליידער, אין אונזערער צייט! פּריצות און עם-הארצות האָבן באַהערשט די אידישע גאַס, אַלץ אידעלעס און אידעאַלעס איז פאַרטריבן געוואָרן פון עפנטלעכן לעבן. ס'זיינען צובראָכן געוואָרן די מחיצות פון אידישן וויינגאָרטן און ס'ווערן מחלל די קדש קדשים פון אידנטום, דער שבת, דער סוד הקיום פון אידישן פאָלק ווערט איגנאָרירט פון אידן אַליין. אונזערע אייגענע ברידער פאַרשוועכן דעם שבת-טאָג, די הייליקייט, פאַר וועלכע אונזערע אבות האָבן זיך זייט טויזנט יאָר אַזוי מסירות נפשדיק געוואָרפן אין פייער, דעם שבת, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט ליכט און גליק אין אַלע פינצטערע ווינקעלעך פון ערד-קוגל. אונזערע ברידער האַלטן אָפן שבת זייערע געשעפטן, זיי האַנדלען און אַרבעטן בפרהסיא, זיי ברענגען אַריין אַ צערשטערונגס-קריזיס אין גאַנצן פאָלק, זיי ווערן ניט נאָר דעזערטירן פון דער אידישער אַרמיי, נאָר זיי ווייזן אויך אַנדערע אַ וועג דערצו, זיי זיינען ניט נאָר חוטאים, נאָר אויך מחטאים את הרבים. זיי רופן צוליב קאָנקורענץ-מאָטיוון אַרויס אַ ווייטערן חלול שבת. און ווייניק דאָס. ס'ווערט דער גאַנצער אידישער קאַמף בראָנט פאַר דער געזעצלעכער אָנערקענונג פון שבת-רו אָפּגעשוואַכט. וואו איז בײַ אונזערע ברידער דער אחריות-געפיל פאַר אונזערע שכנים, מיט וועלכע מיר קעמפן פאַרן שבת-שוץ?

ס'מאָר כשום אופן ניט דערלאָזן ווערן, אַז דאָס הייליקסטע, וואָס איז דורכגעטראָגן געוואָרן דורך שייטער אוועגס אין אויטאָדאַ-פע זאָל איצט פון די אידן אַליין צובראָכן ווערן. אַלע אָרט. אידן מוזן זיין מאָביליזירט אין קאַמף קעגן דעם עפנטלעכן חלול-שבת, אויף יעדער שטאָט ליגט אַ חוב צו זיין אויף דער וואָך, זען צו פאַרשטאַרקן דעם שמירת שבת, זען צו גרינדן אָרגאַניזאַציעס פון „שומרי שבת” און אויפקלערן די ברייטע אידישע מאַסן די גרויסע הויכע באַדייטונג פון אונזער הייליקן טאָג — שבת.

ישראלי.

ח. נ. הרכבי.

# שבת—דער טארמאז פון וועלט און מענטש.

שבת.

דאָס איז דער טארמאָז פון וועלט און מענטש. גרויס און אומבאַגרענעצט איז ער, דער מענטש אין זיין פאַנטאַזיע. אין זיין געדראַנג צום לעבן, צום עקספּלאָאַטירן די נאַטור, שפּילט ניט קיין ראָלע ניט די ווייטקייט, ניט די טיפקייט און ניט די הויכקייט, זיין פאַנטאַזיע פליט ביז פּלאנעטן, זיין מאַכט באַהערשט לופט און אָפּגרונט, אָבער נאָר זעקס טעג ביסטו הער פון דער נאַטור, אָפּן זיבטן — שטיי!

דען געדיינקען זאָל מען: אומבאַגרענעצט איז דער מענטש קעגנאיבער דער נאַטור, אָבער נאָך מער איז אומבאַגרענעצט די נאַטור אין איר סטיכיע. און אַלץ איינס, צי אין דער פאָרם פון ערד-ציטערניש ערגעץ ווייט אין אַמעריקע אָדער יאַפּאָניע צי דורך אַ וואַסער-פאַרפליצונג דאָ בּאַ אונז, אָדער מיט אַ פייערשפּיי ערגעץ אין איטאַליען — די באַקעמפטע און דורך דעם מענטשן באַהערשטע נאַטור „קערט אום די שיסל״ גאַנץ לייכט, מאַכט עס פיל געשיקטער ווי דער מענטש.

און דעריבּער. שטיי! באַדיינק זיך אַ ווילע איידער דו מאַכסט אַ שריט ווייטער. דען ניט בּאַ דיר איז דער שליסל פון דיין דירה מענטש, און ניט מיט דעם אייזערנעם געזעץ פון אַרבעט קענסטו פאַרוואַלטן מיט דיין וועלטל. איין טאָג אין וואָך איז עס נישט דיינס.

---

שבת.

יע, אַ וועלט פון פליס און אַרבעטס-לוסט האָבּן מיר. וואָס האָט ניט באַוויזן דער מענטשלעכער פליס? וועלכע גבורות זיינען דען פאַר אים צו גרויס געוועזן?

נאָר, ווען עס קומט עפּעס אַ סיכסוך, אַ דיפערענץ צווישן שכנים דאַן ווייזט זיך ערשט אַרויס, אַז אַלדאָס געשאַפענע, אַלדאָס מיט דעם אָרימען מענטשנס שוויס און בלוט-דערוואָרבענע שטייט גאָר אַף משקולות... און ווערט חלילה קאַליע עטוואָס פון דאָס ציטערדיקע גלייכגעוויכט. איז דאָס אַלץ ברען-מאַטעריאַל. ברען-מאַטעריאַל... שפּייז פאַרן שטן ווערט דאַן דער מענטש אַליין מיט זיין גאַנצן האָב און גוטס, וואָס צופאַלט זיך ווי אַ שטרוי-בּיידל אין אַ שטורם...

שבת הייסט אַלזאָ: ניט צו זען דעם תכלית אין דאָס פיל אָנאַרבּעטן. דען עס קען גראָד זיין פאַרן טייוול. ווען דו פון דיין זייט וועסט פלייסן אַף האַרמאָטן וועט מען ערגעץ אַנדערש פלייסן איבער שטינקנדע גאַזן און עפּידעמיע-גיפטן...

ווייל צושטערונג, ווייזט אויס בּלייבּט דאָך דער ליבּלינג פון מענטשלעכן גייסט און זיין ענערגיע.

---

פון אייביק אָן האָט דעם מענטשן געריסן אין דער הויך. די זוימען פון דור הפלגה זיינען פאַרבּליבּן און שפּראָצן אַרויס אין יעדן דור. דער מענטש באַגנוגנט זיך ניט מיט פיל וויסן, ער וויל דערכאַפּן אַלץ וויסן. און קען ער ניט — גייט ער אַרויס מחוץ לשיטה. רעוואָלטירט ער, פיניקט ער זיך אָדער שפּייט זיך אַליין אין פּנים.

ניט אַלץ אומפּאַסן — איז דער זין פון שבת. קענען שטיין בּלייבּן אין מיטן וועג, דען אַזוי איז עס אָנגעצייכנט פאַרן מענטשן.

זעקס טעג שאַף און בּוי, פאַרגייט די זון צום זיבּעטן טאָג ווידער ביסטו ווי אדם הראשון אַף דער נייער פרעמדער, אים געשיינקטער ערד — אַ גאַסט.

גיט זוכן אַלץ אין גאַסט-הויז, ניט אָנשטריינגען זיך צו קענען אַלץ ווי דער ווירט.

---

שבת — דער טאָג פון רו.

אומזיסט האָט מען געזוכט אים, דעם הימליש-לויטערן פון ג-ט באַשטימטן רו-טאָג מיט אַן אַנדערן צו ערזעצן. אַלץ איינס צי עס איז דער קריסטלעכער זונטיק, צו דער מוסולמענישער פרייטיק — אין אים ווערט ניט גערוט. עס ווערט אמת ניט געאַרבּעט און ניט געשאַפן, אָבער וויפיל אומרואיקע און באַאומרואיקנדע קערפּערלעכע תאוות, וויפיל ווילדע אָרגיעס ווערן עס לכתחילה אָפּגעלייגט אַפן רו-טאָג.

עס איז אַ רו-טאָג פאַר דעם אַרבעטס-מענטש אָבער ניט פאַר דער חיה אין מענטשן; זי ווערט ערשט אין אים באַנייט און אופגעלעבט...

דען די וועלט — זי לעבּט אין אייביקן אומרו, דאַרום פאַרגעסט זי זיך, און זי געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון אַ דויערנדן פאַרגעסן זיך. וואו דער מענטש פאַרגעסט אָפטמאָל אָן זיין מענטשלעך געשטאַלט, שוין אָפּגערעדט פון צלם אלקים.

שבת — באַדייט רו, רו אין אמתן זין פון וואָרט, עס באַדייט, נשמה-ערוואַכונג, זעלבּסט-דערמאָנונג.

שבת — דאָס איז אַ אינזל אין ברויזנדן לעבנס-ים, וואו מיר שטעלן זיך אָפּ אַ טאָג — זיך צו דערמאָנען...

---

**אידישע פרויען! שטעלט זיך אין די רייען פון דער „שומרי שבת״ באַוועגונג.**

# אגרת ששלח השבת לרבי אברהם אבן עזרא ז״ל.

אני שבת עטרת דת יקרים     רביעית בעשרת הדברים
ובין השם ובין בניו אני אות     ברית עולם לכל דורים ודורים
ובי כל מעשיו כלה אלקים     וכן כתוב בראשית הספרים
ולא ירד ביום השבת אזי מן     למען אהי׳ מופת להורים
אני עונג לחיים על האדמה     ומרגוע לעם שוכני קברים
אני חדות זכרים גם נקבות     וששים בי זקנים עם נערים
ולא יתאבלו בי האבלים     ובי לא יספדו על מות ישרים
והשקט ימצאו עבד ואמה     והגרים אשר הם בשערים
ינוחו כל בהמות הם ביד איש     כסוסים כחמורים כשוורים
וכל משכיל ביינו הוא מקדש     וגם מבדיל חשובים כנזירים
בכל יום ימצאו שערי תבונה     ביומו נפתחים מאה שערים
מכובד מעשות דרך     וכן מן מצוא חפץ ודבר כל דברים
ושמרתיך בכל ימים     למען שמרתני מאד מימי נעורים
בזקנותך שגגה נמצאה בך     אשר הובאו אל ביתך ספרים.
ושם כתוב לחלל יום שביעי     ואיך תחשה ולא תדור נדרים
לחבר אגרת דרך האמונה     ותשלחנה אל כל העברים:

---

# א בריוו וואס שבת האט געשריבן און געשיקט צו רבי אברהם אבן עזרא ז״ל.

איך שבת, דאס שענסטע פון טייערן אידישן גלויבן, וואס איך בין די פירטע מצוה אין עשרת הדברות
איך בין א צייכן צווישן ג—ט און צווישן זיינע קינדער, איך בין אן אייביקער אנדיינקען אף אלע דורות
אין מיין טאג שבת האט ג—ט געענדיקט אלע זיינע באשעפענישן און אזוי שטייט אין ערשטן ספר פון דער תורה.
אין מיין טאג שבת האט קיין מן ניט גענידערט פון הימל, כדי איך שבת זאל זיין א וואונדער בא אלעמען.
איך שבת בין א פארגעניגן צו לעבעדיקע מענטשן, אויך מאך איך רואיק די מענטשן, וואס זיינען אין גיהנום.
איך שבת בין די פרייד פון זכרים און נקבות, אויך פרייען זיך אום שבת אלט און יונג.
די אבלים טרויערן נישט אין מיין טאג שבת. אויך איז מען קיינעם נישט מספיד אין מיין טאג.
עס רוען אלע קנעכט און דינסטן, אויך די גרים וואס זיינען בא אייך אין די טויערן
עס רוען אלע בהמות, וואס געפינען זיך בא אלע מענטשן, פערד, אייזלען, אקסן,
און יעדער מענטש מאכט קידוש אף וויין, אויך מאכט מען הבדלה אף וויין און זיי ווערן גערעכנט ווי נזירים.
אלע טאג ווערן געפונען טויערן פון פערשטאנד און אין מיין טאג שבת געפינט מען הונדערט מאל אזוי פיל.
איך בין מכובד מען זאל נישט טאן וועלטלעבע זאכן און בארערפנישן און מען זאל נישט ריידן אלע רייד.
און איך שבת האב דיך שטענדיק געהיט, ווייל דו האסט זייער געפילעוועט פון קינדווייס אן,
אבער אף דיין עלטער האט געטראפן בא דיר אן אומרעכט. מ׳ען האט געבראכט ספרים צו דיר אין שטוב.
וואס דארטן שטייט מען זאל מחלל זיין דעם טאג שבת, פארוואס זשע שוויגסטו און טוסט נים א נדר.
צו שרייבן א בריוו אין ערקלערן דעם ריכטיקן וועג פון אמונה און זאלסט דעם בריוו שיקן צו אלע אידן.

**יעדער מיטגליד פון „שומרי שבת" מוז זיך פאַרשרייבן אַלס מיטגליד אין דעם „שומרי שבת" באַנק.**

# די געשיכטע ווי אַזוי אבן עזרא האָט באַקומען דעם דאָזיקן בריוו*)

(געשריבן פון אבן עזרא אַליין).

אין יאָר פירטויזנט און ניין הונדערט ניינצען, פרייטיק צו נאַכט, אַרום האַלבער נאַכט, דעם פערצענטן טאָג אין חדש טבת, בין איך אברהם דער ספרד, וואָס ווערט אָנגערופן בן עזרא, געווען אין אַ שטאָדט פון די אינזלשע שטעדט, וואָס ווערט אָנגערופן דער ברעג פון דער ערד, דאָס איז דער זיבעטער גרעניץ פון באַזעצטן לאַנד און בין געשלאָפן אַ געשמאַקן שלאָף. האָב איך דערזען אין חלום אַ מלאך, וואָס איז געשטאַנען פאַר מיר אין אַ געשטאַלט פון אַ מענטש. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ בריוו און צו מיר געזאָגט איך זאָל צונעמען דעם בריוו, וואָס שבת האָט צו מיר געשיקט. איך האָב זיך געבוקט צום אויבערשטן און איך האָב אים געדאַנקט און געלויבט דערפאַר, וואָס ער האָט מיר מכבד געווען דעם גרויסן כבוד און איך האָב אָנגענומען דעם בריוו מיט מיינע ביידע הענט. מיינע הענט האָבן אַזוי ווי געטריפט בשמים און איך האָב איבערגעלייענט דעם בריוו. צום אָנהויב ל״ענען איז דאָס מיר געווען זייער געשמאַק, זיס ווי האָניק, נאָר אַז איך האָב איבערגעלייענט די לעצטע שורות, האָט זיך מיין האַרץ זייער צוהיצט און במעט מיין נשמה איז אַרויס פון מיר. וואָס האָב איך דען געזינדיקט, אָדער וועלכע שלעכטס האָב איך געטאָן, אַז זי האָט צו מיר געשיקט אַזאַ בריוו. דען פון טאָג, וואָס איך וויים דעם אויבערשטנס נאָמען, וואָס ער האָט מיר באַשאַפן און איך האָב ג״טס מצות געלערנט האָב איך שטענדיק ליב דעם שבת. און נאָך איידער דער שבת קומט, גיי איך אים אַנטקעגן מיטן גאַנצן האַרצן און שבת צו נאַכט פאַרן אַוועקגיין האָב איך דעם שבת באַגלייט מיט געזאַנג און פרייד. און צי דען האָט שבת צווישן אירע קנעכט נאָך אַזאַ באַגלייטן ווי מיינער? אַזוי ווי איך בין צום שבת. פאַרוואָס זשע האָט שבת צו מיר געשיקט דעם בריוו? האָט מיר דער שליח פון שבת געענטפערט, ווייל שבת האָט געהערט אַז דיינע תלמידים האָבן נעכטן צו דיר אין שטוב געבראַכט ספרים, וואָס זיינען מפורש די תורה און דאָרטן שטייט אַז מען זאָל מחלל שבת זיין פרייטיק צו נאַכט, דעריבער האָט שבת געשיקט צו דיר דעם בריוו אַז דו זאָלסט אָנגאַרטלען דיינע לענדן לכבוד די מצוה פון און. דו זאָלסט מלחמה האַלטן, אַ הייליקע מלחמה מיט די פיינד פון דער מצוה צו היטן שבת און דו זאָלסט זיך ניט שרעקן פאַר קיין מענטשן. האָב איך זיך געכאַפּט און עס האָט געקלאַפּט מיין אָטעם און מיין האַרץ האָט זיך זייער דערשראָקן. בין איך אויפגעשטאַנען און בין שטאַרק דערצאָרנט געוואָרן, האָב איך אָנגעטאָן מיינע קליידער און האָב געוואַשן די הענט. איך האָב אַלע ספרים אַרויסגעטראָגן שבת צו דער ליכטיקייט פון דער לבנה. האָב איך געזען, אַז דאָרטן שטייט אין פירוש פון פסוק „עס איז געווען נאַכט און עס איז געווען טאָג", זאָגט ער דאָרט, אַז דער פשט איז, אַז ס'איז געווען דער פרימאָרגן פון צווייטן טאָג, דעמאָלט איז דער נעכטיקער טאָג מיט דער נאַכט געוואָרן אַ גאַנצער טאָג, וואָרום די נאַכט געהערט צום פריערדיקן טאָג. איך האָב כמעט געוואָלט צוריסן מיינע קליידער און דעם פירוש, דען איך האָב זיך געטראַכט, אַז עס איז בעסער מחלל זיין איין שבת, איידער די אידן זאָלן מחלל זיין פיל שבתים, אַז זיי וועלן זען דעם שלעכטן פירוש, נאָר איך האָב זיך איינגעהאַלטן צוליב דעם כבוד פון שבת. איך האָב אָבער אַ נדר געטאָן, אַז נאָך שבת זאָל איך זיך ניט לייגן שלאָפן ביז איך וועל אָנשרייבן אַ גרויסן בריוו און ערקלערן, ווען עס הויבט זיך אָן דער טאָג פון דער תורה, כדי אָפּצוטאָן פון אונז אַ שטרויכלונג און די אידן זאָלן היטן שבת פונקט ווי גאָט האָט אין אים גערופט און געציילט די טעג. פון דער וואָך, דען אַז מען זאָגט, אַז די ענדע פון זעקסטן טאָג איז ביז שבת איינדערפרי באַדאַרף מען דאָך היטן די קומענדיקע נאַכט. אָבער דער פשט פאַרוואונדערט אַלע אידן אין מזרח און מערב, די נאָענטע און די ווייטע, די לעבעדיקע און די טויטע. און אין דעם מענטש, וואָס גלויבט אין דעם פאַלשן פירוש זאָל זיך נ—ט נוקם זיין און דער מענטש, וואָס וועט לייענען הויך יענעם פשט, זאָל זיין צונג ווערן צוגעקלעפּט צו זיין גומען. איך דער שרייבער, וואָס וועט שרייבן דעם פשט זאָל זיין עלענבויגן פאַרדאַרט ווערן און זיין רעכטע אויג זאָל טונקל ווערן, אָבער צו אַלע אידן זאָל זיין ליכטיק.

*) דער שבת-בריוו און די געשיכטע פון ראב״ע איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין שולחן ערוך פון ארי ז״ל (יאָר תנ״א). מיר דרוקן איצט איבער דעם בריוו פון דעם ספר «תענוג שבת».

**שטעלן און אַרבעטס-געבער! מעלדעט אַן אייערע פרייע שטעלן אין אַרבעטס-ביוראָ פון „שומרי שבת".**

# פון דער „שומרי־שבת"־באוועגונג.

## דער צוואנגס זונטיק־רו און די שומרי־שבת באוועגונג אין רומעניען.

קישינעוו. דאָ איז פאָרגעקומען אַ גרויסער מאסן־מיטינג אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס דאָס ארבעטס־מיניסטעריום פראָיעקטירט מבטל צו מאכן דעם געזעץ וועגן צוואנגס זונטיק־רו. דער אָנגעשטעלטן־בונד האָט אין אַ פאַרזאַמלונג געהאַט פראָטעסטירט קעגן דעם דערמאָנטן פראָיעקט, וואָס וויל געבן יעדן די פרייהייט אויסצוקלייבן פאַר זיך אַ רו־טאָג פון אַ מעת־לעת לויט זיין ווילן. דער דאָזיקער פראָטעסט האָט ארויסגערופן גרויס פאַרביטערונג און ס'איז דעריבער דורך דער אָרטיקער סעקציע „שומרי שבת" איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מיטינג, וועלכער האָט געדאַרפט דערווייזן די אמתע שטימונג פון דער אידישער באַפעלקערונג. אין דער פאַרזאַמלונג האָבן זיך באַטייליקט קרוב צוויי טויזנט פערזאָן, און ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ פרעזידיום בראש מיט הרב הכולל צידעלסאָן און דעפוטאַט לאנדוי.

נאָך אַ לייגנערער דיסקוסיע איז ארויסגעטראָגן געוואָרן אַן איינשטימיקע רעזאָלוציע, אין וועלכער ס'ווערט געפאָדערט, אַז דער ארבעטס־מיניסטעריום זאָל אין דער נאָענטסטער פארלאַמענטארישער סעסיע אריינטראָגן דעם געזעץ־פראָיעקט, וועלכער וועט ערמעגלעכן צו האַלטן דעם מעת־לעת פון רו אין אַן אַנדערן טאָג ווי זונטיק.

## אַ „שומרי שבת" באַנק אין רומעניען.

טשערנאָוויץ. דאָ איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע „שומרי שבת", אין וועלכער ס'זיינען ארומגערעדט געוואָרן די פראַגעס פון דער אָרגאַניזאַציע־ארבעט אין בוקאָווינא. ס'איז אויך צונויפגעשטעלט געוואָרן דער פלאַן פון דער ניי־געגרינדעטער באַנק „שומרי שבת" און ס'איז באַשטימט געוואָרן דער אקציען־קאַפּיטאַל אויף פינף מיליאָן ליי. אין דער באַנק־קאָמיסיע זיינען אריין די ה"ה גרוס־גרונד־באַזיצער: הייטנער און ווישניצער, באַנקיר גרייף, אליעזר זאנענשטיין.

## „שומרי שבת"־ארגאַן אין אונגאַרן.

בודאַפעשט. די אונגאַרישע סעקציע פון וועלט־פאַרבאַנד „שומרי שבת", האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַן אייגענעם בלאַט, וועלכער איז געווידמעט צו דער אינפאָרמאַציע וועגן דער אַלוועלטלעכער באַוועגונג, און פובליקירט רשימות פון די „שומרי־שבת" פירמעס, ווי אויך פון די שטעלעס, וועלכע „שומרי שבת" קענען פאַרנעמען אין סוחרישע און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

## ערפאָלגן פון פוילישן „שומרי שבת".

וואַרשע. דעם היגן "שומרי שבת„ איז געלונגען משפיע צו זיין אויף גרעסערע וואַרשטאַטן, אין וועלכע עס אַרבעטן אַרום פינף הונדערט אידישע אַרבעטער, זיי זאָלן מבטל זיין זייער פלאַן וועגן אַרבעטן אום שבת. אויך האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוהיטן אַ סכנה, וואָס איז פאָרגעשטאַנען דורך דעם, וואָס אַ טייל אידישע סוחרים האָבן דערקלערט דעם שטאָט־ראַט, אַז ס'איז זיי אוממעגלעך צו באַצאָלן זייערע שטייערן, אויב מען וועט נישט עפענען דעם מאַרק, וועלכער איז ביז אהער אין די אידישע קוואַרטאַלן געווען געשלאָסן אום שבת.

## ענגלישע „שומרי שבת".

לאָנדאָן. דאָ איז צוגעטראָטן געוואָרן דורך דער ענגלישער „שומרי שבת"־אָרגאַניזאַציע צו דער אקטיווער באַטייליקונג אין די פאַרבערייטונגען פאַרן אַלוועלטלעכן „שבת־קאָנגרעס". דער „שומרי שבת" קאָמיטעט, וואָס עקסיסטירט דאָ שוין פון לאַנג אָן און פאַרנעמט זיך בעיקר מיט דער ארבעט פון פאַרשאַפן באַשעפטיקונג פאַר „שומרי שבת", רעכנט צו פאַרגרעסערן זיין אַרבעטס־געביט און אַריינגעמען אין אים די אויפגאַבן פון דער אַלוועלטלעכער „שומרי שבת" אָרגאַניזאַציע.

## שמירת שבת אין ליטע.

קאָוונע. דאָ איז פאָרגעקומען אַ ברייטע דיסקוסיע וועגן שמירת שבת צווישן דער אידישער און ליטווישער פרעסע. דער ויכוח האָט זיך אָנגעהויבן דערמיט, וואָס דער האַלב־אָפיציעלער אָרגאַן „טאַוטאַס קעליאַס" איז מיט אַ געוויסער צייט צוריק ארויסגעטראָטן מיטן פאָרשלאַג, אַז מען זאָל אויפן געזעצגעבערישן וועג צווינגען אידן האַנדלען אום שבת. אויף דער הצעה איז דעם בלאַט געגעבן געוואָרן די געהעריקע תשובה דורך דער „אידישע שטימע".

דער ליטווישער אָרגאַן איז אין אַ הויפּט־אַרטיקל אַרויסגעטראָטן וועגן דער פראַגע מיט זייער שאַרפע אויסדרוקן און אַנגריפן קעגן דער אידישער פרעסע ווי אויך קעגן אידן בכלל, טענהנדיק, אַז אידן גופא האַלטן שוין נישט קיין שבת, אַז דערן חילול שבת אין בערלין, למשל, איז זייער גרויס, און אַז אין ליטע איז נאָר אַדאַנק דעם צוואַנג דורך רבנים דער שמירת שבת נאָך אַזוי ווייט שטאַרק, אַז זי זאָל קענען באַווירקן אַ גרויסע שטערונג אויפן עפנטלעכן עקאָנאָמישן לעבן.

די דיסקוסיע רופט אַרויס גרויסע פאַרביטערונג צווישן אַלע אידישע קרייזן און דער צענטראַל־ביוראָ פון „שומרי שבת" אין בערלין איז צוגעטראָטן צו אַן אָפיציעלער אָביעקטיווער אויפקלערונג פון דעם ליטווישן ניט־אידישן פובליקום. ווענדיק אָפּהיט דערמיט, ס'זאָל ניט קומען צו אַן אָפיציעלן שריט קעגן שבת.

## „מחזיקי הדת" און „שומרי שבת" אין טראַנסילוואַניע.

מעדיאַש. דאָ איז פאָרגעקומען די גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון „מחזיקי הדת" אין טראַנסילוואַניע. אויפן סדר־היום פון דער אסיפה איז געווען די פראַגע פונם אָנשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע צום וועלטפאַרבאַנד „שומרי שבת". נאָך אַ לייגנערער ריסקוסיע איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַן איינשטימיקער באַשלוס, צו דערקלערן דעם צענטראַל־ביוראָ פון „שומרי שבת" אין בערלין, אַז די אָרגאַניזאַציע שליסט זיך אָן אין אים קאָרפּאָראַטיוו, אַלס פאַרטרעטער פון „מחזיקי הדת" אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „שומרי שבת" איז אויסגעקליבן געוואָרן הרב פריינד פון מאַסרעגען. די אָרגאַניזאַציע „מחזיקי הדת" נעמט אַרום די אָרטאָדאָקסיע פון צען קאָמיטעטן אין טראַנסילוואַניע.

## „שומרי שבת" אויפן אינזל ראדאס.

רוים. אויפן אינזל ראדאס, אין מיטל=לענדישן ים, וואו ס'לעבן בערך 15 טויזנט אידן, דאס רוב ארטאדאקסישע, האט דער ראבינאט אונטערשטיצט דורך די ארגאניזאציע אויפגענומען דעם איניציאטיוו פון וועלט=פארבאנד „שומרי שבת" צו גרינדן א לאקאלע ארגאניזאציע, אין צוזאמענהאנג דערמיט, ווערן איצטער אנגענומען ענערגישע מיטלען אפצוהאלטן דעם עפנטלעכן חלול שבת, וואס האט זיך אנגעהויבן צו באווייזן אין איינציקע פאלן אין משך פון דער לעצטער צייט. ס'שפירט זיך א גרויסע אופלעבונג פון שמירת=שבת געדאנק, און היות ווי דער מסחר פון דער אינזל ליגט כמעט אין גאנצן אין אידישע הענט, האפט מען צו מאכן פון שבת דעם פאקטישן און אפיציעלן רו=טאג.

## ווי האלט עס מיט דער פינף־טאגיקער ארבעטס־וואך?

בערלין. דער צענטראל=ביורא פון וועלט=פארבאנד „שומרי שבת" גיט איבער א סטאטיסטיק וועגן די ערפאלגן פון דער אמעריקאנער באוועגונג צו שאפן א פינף=טאגיקע=ארבעטס=וואך, און צו מאכן אי שבת אי זונטיק פאר אן אפיציעלן רו=טאג. די סטאטיסטיק ווייזט אן, אז אין אמעריקע איז דורכגעפירט געווארן די „פינף=טאגיקע=וואך" אין א גרויסע צאל בראנזשען פון אינדוסטריע. אזוי האבן אין דער קאנפעקציאנס=בראנזשע 53 פראצ., אין אויטאמאביל=אינדוסטריע 30 פראצ., בא די מויערער 14 פראצ., בא צייטונגס=זעצערס 5 פראצ. פון אלע ווארשטאטן אנגענומען די פינף=טאגיקע=ארבעטס=וואך. דער גרויסער פארשריט פון דער באוועגונג איז פארגעקומען בעיקר אין משך פון די לעצטע פאר יאר, און די אמעריקאנער פרעסע האלט. אז אין דער נאנטסטער צייט וועט די פינף=טאגיקע וואך ווערן איינגעפירט אומעטום.

## 250 טויזנט ארבעטער זאלן רוען שבת.

בערלין. אנהויב דעם נייעם יאר וועלן וויטערדיקע 250 טויזנט בוי=ארבעטער רוען שבת און זונטיק, און פון די 17 טויזנט מעלערס האבן שוין 11 טויזנט באוויליקט די דאזיקע פאדערונג. די אגודת הרבנים פון אמעריקע און די „שומרי שבת" ארגאניזאציעס זיינען שוין מיט א צייט צוריק אריינגעטראטן אין א נאענטע פארבינדונג מיט די ארבעטער, וועלכע פראפאגאנדירן דעם געדאנק פון א פינף=טאגיקער=ארבעטס=וואך, און ס'איז פון זיי געשאפן געווארן א געמיינזאמער פאנד מיטן ציל דורכצופירן די דאזיקע פראפאגאנדע אין ניט=אידישע קרייזן.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז וויכטיק, אז אויך אין איראפע בערקט זיך אן אופלעבונג פון דעם דאזיקן געדאנק צווישן די ניט=אידישע אונטערנעמער און ארבעטער=קרייזן. אזוי ווערן געשאפן שטארקע ארגאניזאציעס, וועלכע ווילן שאפן א געזעצלעכע רעגולירונג אינם זין פון א פינף=טאגיקער=ארבעטס=וואך, און ס'איז דורך זיי צונויפגערופן געווארן א קאנגרעס, וואס וועט פארקומען סוף דעם יאר אין בערלין. דער צענטראל=ביורא פון וועלט=פארבאנד „שומרי שבת" באטייליקט זיך אקטיוו אין אלע ארבעטן, און האפט צו דערגרייכן צו ממשותדיקע תוצאות שוין אין דער נאנטסטער צייט.

## דער דענישער „שומרי שבת".

קאפענהאגען. דא ווערט אנגעפירט מיט א ברייטער פראפאגאנדע ארבעט בכדי צו פארגרעסערן די ארגאניזאציע „שומרי שבת". די ארבעט ווערט אקטיוו אונטערשטיצט דורך דער אידישער באפעלקערונג און דער פרעסע. מען איז צוגעטראטן צו די הכנות פארן קומענדיקן אלוועלטלעכן שבת=קאנגרעס. די צאל מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע ווערט וואס אמאל אלץ גרעסער.

## שבת זאלן ניט פארקומען קיין וואכן־מערק.

בודאפעשט. אף א פארוואלטונגס=זיצונג פון אונגארישע רבנים=פארבאנד האט דער בודאפעשטער רב הכולל ד"ר שמעון העוועז מיטגעטיילט, אז דאס האנדלס=מיניסטעריום האט מסכים געווען אף איבעררוקן די וואכן=מערק, וואס קומען פאר אים שבת אף אנדערע טעג פון דער וואך.

## דער אמעריקאנער קאמיטעט פאר קאלענדער־רעפארם און דער שבת.

ניו=יארק. דער נאציאנאלער=קאמיטעט פאר רעפארמירן דעם קאלענדאר האט דא גישט לאנג דורכגעפירט אן אנקעטע, בכדי צו דערוויסן, אז דער איצטיקער קאלענדאר ברענגט מיט זיך אסך שוועריקייטן און שטערונגען פארן עקאנאמישן לעבן פון דער מאדערנער צייט. די דאזיקע אנקעטע האט געהאט דעם רעזולטאט, אז 70 פראצ. פון אלע אינסטיטוציעס און קארפאראציעס, וואס זיינען אנגעפרעגט געווארן, האבן דערקלערט, אז זיי וואלטן באגריסן די איינפירונג פון א קאלענדאר, וועלכער פארמאגט 13 חדשים צו 4 וואכן. באם איבערגעבן דעם דאזיקן רעזולטאט צו דעם דעפארטאמענט פון דער אמעריקאנער רעגירונג ווערט געפאדערט, אז אמעריקע זאל זיך אפיציעל באטייליקן אינם קאנגרעס פאר קאלענדאר=רעפארם, וואס דארף פארקומען אין דער נאענטסטער צייט. עס ווערט אויך באמערקט, אז אידן זיינען די שארפסטע קעגנער פון א רעפארם, וועלכע קען פירן דערצו, אז דער שבת זאל אויסקומען אין פארשיידענע טעג אינמיטן וואך.

## „שומרי שבת" אין ליטע.

קאוונע. דא ווערט דורכגעפירט א ברייטע ארגאניזאציע=טעטיקייט פון „שומרי שבת" אין דער פראווינץ. אין גרעסערע און קלענערע שטעטלעך קומען פאר אסיפות און גרויסע פארזאמלונגען אין צוזאמענהאנג מיטן אלוועלטלעכן שבת=קאנגרעס, אין וועלכע די ליטווישן אידן רעכענען זיך צו באטייליקן מיט א גרעסערע צאל דעלעגאטן. אומעטום מערקט זיך אויך א גייסטיקע אויפלעבונג פון שבת=געדאנק און מען האפט, אז דורך דער בילדונג פון א שטארקער לאנדעס=ארגאניזאציע וועט מען קאנען משפיע זיין אויף דער מאכט אינם זין פון מבטל זיין דעם צוואנגס=זונטיק=רו.

# נאטיצן.

## וואס יעדער שומר שבת דארף וויסן.

א) יעדער איד, וועלכער היט שבת דארף זיך באטראכטן און וויסן, אז ער איז איינער פון דעם גרויסן כלל, ער איז א טייל פון גרויסן אידישן פאלק צו וועלכן ער איז צוגעבונדן. און זייענדיק א חלק פון דער מאסע מוז ער זיין איינג פארקניפט מיט דעם כלל צו וועלכן ער געהערט. האנט בא האנט מוז ער מיטהעלפן דעם כלל, וואס גייט צוריק אויפלעבן דעם אלטן שבת—אוועקשטעלן דעם שבת אף זיין אמתער הויך און צוריקקערן אים זיין אמאליקע פראכט און דערהויבנקייט.

קיין איינער פון די אידן, וואס היטן שבת, טאר ניט בלייבן א יוצא מן הכלל, טאר ניט בלייבן קיין עולם בפני עצמו — דורכדעם, וואס ער טיילט זיך אפ פון כלל שטעלט ער זיך אליין אין א סכנה און שוואכט אפ דעם כלל, וואס גייט דורכפירן די הייליקע אידעאלן פון באשיצן דעם אזוי אין אונזער צייט שפלדיק געווארענעם שבת.

און דעריבער זאל יעדער איינער וויסן, אז א חוב קדושן איז אף אים צו זיין צווישן די „בניך בוניך" און זיך שטעלן אין די רייען פון דער „שומרי-שבת"-באוועגונג.

———

ב) יעדער איד, וואס היט שבת, איז אבער נאך ניט יוצא דערמיט, וואס ער אליין היט שבת — ער מוז זען אויך פארהיטן, אז דער צווייטער, זיין חבר זאל ניט קומען צו א חילול שבת. א חוב ליגט אף יעדן צו פארמיידן אט די נסיונות דורך וועלכע מ'קען חלילה קומען צו א חילול שבת. און זעלבסטפארשטענדלעך, אז גרויס דארף זיין די שמחה, ווען מען פארהיט יענעם פון א חילול שבת: ערשטנס, ווייל יענער איד אלס פרט בלייבט א שומר-שבת און צווייטנס, ווייל דורך אים ווערט שטארקער דער כלל—די ארגאניזירטע פאראייניקונג פון פארשטארקן דעם שמירת שבת ווערט בארייכערט מיט נאך א ארט, וואס ווערט א חלק פון כלל. און פארהיטן א צווייטן פון חילול שבת קען מען ניט נאר דורך א גייסטיקן ווירקן, ניט נאר דורך שטיצן יענעם גייסטיק, נאר אויך דורך שטיצן דעם שומר שבת מאטעריעל, אין וואס פאר א פארם דאס זאל ניט זיין. שטיצנדיק דעם שומר שבת טוען מיר א דאפלטע זאך: חוץ דעם, וואס מיר שומרי שבת טוען אונזער פליכט און גיבן צו פארדינען, דורך ארבעט, איינקויף א. א. וו. א שומר שבת, ווייזן מיר אויך דעם מחלל שבת, אז אונזער אופגאבע איז צו שטיצן די, וואס היטן שבת און דורכדעם וועלן מיר אומדירעקט אויך קענען ווירקן אפן מחלל שבת, אז ער זאל זיך אפזאגן פון זיינע אומפאראנטווארטלעכע וועגן און ווערן א שומר שבת. יעדער מיטגליד פון שומרי שבת דארף איינמאל פאר אלעמאל בא זיך קלאר מאכן, אז ער מוז **שטיצן דעם שומר שבת**: דורך איינקויפן זיך בא אן אידן, וואס היט שבת שטיצט ער מאטעריעל דעם שומר שבת און שטעלט אים ניט פארן גרויסן נסיון פון חילול שבת. יעדער איינער מוז טאן דאס איינפאכסטע, וואס מען פארלאנגט פון אים און דאס קען דאך יעדערער אויספירן אן קיין שום שוועריקייטן. מיר גייען דא ניט ארויסרופן קיין באיקאט אף די געשעפטן, וואס זיינען שבת אפן, מיר דארפן אבער וויסן, אז די עלעמענטארסטע פליכט פון יעדן איינעם איז צו זארגן, אז זיין חבר זאל ניט געשטרויכלט ווערן. פארהיטן קען מען דאס, דורך וויזן. אז ער, דער איד, וואס האלט זיין געשעפט שבת פעסט, שטייט בא אונז העכער דורך דעם, וואס ער איז א שומר שבת. און גאנץ איבעריק איז צו זאגן די אידן, וואס היטן שבת, אז זיי דארפן זיך איינקויפן אין די געשעפטן, וואס זיינען שבת געשלאסן.

———

ג) דורך יעדע ארט שטיצע אין וועלכער פארם זי זאל זיך ניט אויסשטעלן מוז מען העלפן דעם שומר שבת. ניט נאר געבן צו לייזן דעם שומר שבת דארף מען, נאר אויך געבן אים ארבעט. יעדער איד וואס דארף אן אנגעשטעלטן אדער אן ארבעטער פון וועלכער פראפעסיע עס זאל ניט זיין מוז נעמען א שומר שבת. דען דורכדעם שטיצט ער אים מאטעריעל און פארהיט אז ער זאל חלילה ניט קומען צו חילול שבת, אננעמענדיק א שטעלע אדער ארבעט בא א מחלל שבת.

כדי דאס צו פארהיטן און זוכן ארבעט פאר ארבעטסלאזע שומרי שבת עקסיסטירט בא דער ארגאניזאציע **אן ארבעטס-ביורא**, וואס זיין אופגאבע איז צו פארשאפן אלעראַרט שטעלן און ארבעט אין אזעלכע **ערטער וואו שבת ווערט ניט געארבעט**. שווער איז די דאזיקע ארבעט, ווייל ליידער איז גרעסער די צאל פון די אפענע געשעפטן איידער פון די וואס זיינען שבת געשלאסן און דעריבער מוז יעדער ארבעטס-געבער און געשעפטס-אינהאבער וויסן אז זיינע פרייע שטעלן און ארבעט מוז ער אנמעלדן אין ארבעטס-ביורא וואו עס זיינען פארעגיסטרירט פארשיידענע פאכלייט און אנגעשטעלטע בא כלערליי בראנזשעס. יעדער איינער קען אונז קומען צו הילף און דורכן ארבעטס-ביורא זיך פארזארגן מיט מענטשן פון וועלכע ער וועט זיין צופרידן. גדיינקען זאל מען, אז באס אננעמען א מענטשן אף א שטעלע דארף מען זען אז יענער זאל זיין א שומר שבת.

———

ד') כדי אבער דורכצופירן די אונטערשטיצונג פארן שומר שבת און מיטהעלפן אים ניט נאר דורך לייזונג און ארבעט ווערט בא דער ארגאניזאציע „שומרי שבת" געשאפן א באנק, וואס וועט אין פארם פון הלוואות אויסהעלפן די מיטגלידער פון „שומרי שבת". עס מערקט זיך א נויטווענדיקייט אין אזא אנשטאלט וואס זאל אונטערשטיצן סיי די אידישע סוחרים, סיי די קליינהענדלער און ארבעטער וואס היטן שבת. עס ווערן איצט געזאמלט די פאיען צום באנק (א פאי קאסט 20 לאט) און מיר האפן אז אין דער נאענטסטער צייט וועט דער באנק ערעפנט ווערן. יעדער שומר שבת מוז שטיצן דעם דאזיקן וויכטיקן אנשטאלט דורך איינשאפן זיך פאיען פון „שומרי שבת" באנק און אויסערדעם וואס ער אליין וועט דערפון האבן נוצן און קענען געניסן פון די געלטער, וועט ער אויך דאמיט שטיצן די נוצלעכע אונטערנעמונג. דעריבער ווענדן מיר זיך צו אלעמען אז זיי זאלן פריציייטיק ווערן מיטגלידער פון באנק.

**יעדער מיטגליד פון שומרי שבת מוז גלייכצייטיק זיין א מיטגליד אין דעם שומרי שבת באנק.**

# די שמירת־שבת־פראגע אף דער צווייטער כנסי' הגדולה.

אף דער צווייטער כנסי' הגדולה האט פארנומען א וויכטיקן אָרט די פראגע וועגן שמירת-שבת און דער שומרי-שבת באוועגונג. די פראגע וועגן שבת-רו איז באהאנדלט געוואָרן פון רעליגיעזן און סאָציאַלן שטאנדפונקט און עס זיינען געמאכט געוואָרן מערערע פראקטישע פאָרשלאגן.

הרב לעווין האט געהאלטן אַן אינהאַלטסרייכן פאָרטראַג וועגן דעם שבת אין ווירטשאפטלעבן לעבן.

דער שבת איז די נשמה פון פאָלק ישראל. דאָס וואָרט „וינפש" גייט ניט אף ג—ט, נאָר אף דעם שבת און באַדייט די איינזעצונג פון שבת אלס די נשמה פון פאָלק. ווען דער איד פארמאַכט שבת זיינע געשעפטס-ביכער, עפנט ער אויף א קאָנטאָ-בוך וועגן זיין גייסטיקן און מאָראַלישן חשבון. נעמט מען כאָס אידן צו דעם שבת, דאַן פעלט אים די מאָראַלישע אָפּרעכנונג און דער כריק צו ג—ט. אין באגייסטערטע ווערטער שילדערט דער רעדנער די באַדייטונג פון שבת אין אידישן לעבן און ער רעדט וועגן דעם מצב השבת אין דער איצטיקער צייט. הרב לעווין רעדט ארום די הויפט-אורזאכן דורך וועלכע דער שבת איז געוואָרן אזוי געפאַלן: די צוואַנגס זונטיק-רו און די וואָכן-מערק אום שבת. עס מוז געשאַפן ווערן אַן אַלגעמיינע אינטערנאַציאָנאַלע אַקציע פאַרן שבת, וואָס זאָל שטרעבן, אַז דער זונטיק-רו-געזעץ זאָל פאַר די אידן, וואָס היטן שבת געמילדערט ווערן. מען זאָל זיין אין אַן איינגע פאַרבינדונג מיט דער גרויסער שומרי שבת אָרגאַניזאַציע, וואָס איז איצט טעטיק אין בערלין. צום סוף טייטשט אוים דער רעדנער דעם פשט פון „באה שבת, באה מנוחה" אין פאָלגנדן זין: ווען דער שבת האָט אַזוי ווי אין די אַמאָליקע צייטן באַהערשט די אידישע הויז און די אידישע גאַס האָט אויך די פּאָליטישע און סאָציאַלע רו פארן אידישן פּאָלק אין איר פולער געוואונטשטער מאָס א אָרט געפונען.

וועגן דער שבת-פּראָבלעם זיינען אף דער כנסי' הגדולה אָנגענומען פאָלגנדע רעזאָלוציעס:

א) נעמענדיק אין באַטראַכט די גרונדלייגנדע באַדייטונג פון דעם ביבלישן שבת-געדאַנק פאַר דער דערהויבונג פון דער גאַנצער מענטשהייט פאַרלאַנגט די צווייטע כנסי' הגדולה דעם שוץ פאַרן שבת-געבאָט דורך די ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע אינסטאַנצן פון דער וועלט.

ב) אין דער ערשטער ריי איז דער הייליקער חוב פון גאַנצן אידישן כלל אין אַ פעסטן סאָלידאַריטעט צו היטן דעם הייליקן אוצר—דעם שבת.

ג) אלס ויעזנטלעכע פאָדערונגען אָנערקענט די צווייטע כנסי' הגדולה:

1) די סיסטעמאַטישע דורכדרינגונג פון דער אידישער אונטערנעמערשאַפט און די שבת-טרייע אָנגעשטעלטע און אַרבעטערשאַפט מיטן באַוואוסטזיין פון דער קעגנזייטיקער פאַראַנטוואָרטונג און פאַרבונדנקייט.

2) די איינשטעלונג פון אידישן כלל פאַרן שוץ פון אַרבעטסלאָזע שומרי שבת דורך פאַרזיכערונג אָדער אַנדערע פאַסיקע מיטלען.

3) די פּראָפּאַגאַנדע פון דער פינפטאָגיקער אַרבעטס-וואָך און דעם אַריבערטראָגן דעם לוין-טאָג פון סוף וואָך פון ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפונקט.

ד) די כנסי' הגדולה באַגריסט מיט סימפּאַטיע די טעטיקייט פון וועלט-פאַרבאַנד „שומרי שבת" און האָפט צו געפינען א וועג פאַר א פּראַקטישער צוזאַמענאַרבעט.

# דער מצב פון שבת אין סאָוועט־רוסלאַנד.

טרויעריק איז דער מצב פון אונזערע ברידער אין רוסלאַנד און שרעקלעך איז דער בילד, פון זייער רעליגיעזן לעבן: אַף יעדן שריט און טריט ווערט מען גערודפט פאַרן היטן שבת, פאַר מקיים זיין שחיטה א. א. וו.—א ערשיטערנדע טראַגעדיע שטעלט מיט זיך פאַר דער לעבן פון די אידן אין סאָוועט-רוסלאַנד, וואו זיי פירן אַ שווערן עקשנותדיקן קאַמף כדי אָפּצוהיטן די עיקרים פון אידישקייט און אויסקעמפן די פּרימיטיוויסטע רעליגיעזע רעכט.

איצט האָבן די קאָמוניסטן אָנגעהויבן צו פירן אַ מלחמה מיטן שבת. אין מערערע שטעדט פון ווייסרוסלאַנד האָבן זיי שוין מבטל געמאַכט דעם שבת. די יעווסעקן האָבן מודיע געווען, אַז זיי פאָדערן איינצופירן אַן אַנדער רו-טאָג, מאָנטיק אָדער דינשטיק, אָבער נאָר ניט שבת, וועלכער איז פאַרבונדן מיטן גלויבן און רעליגיע.

די אָרטאָדאָקסישע אידן פון די דאָזיקע שטעדט האָבן אָבער ניט געשוויגן, זיי האָבן איינגעאָרדנט גרויסע פּראָטעסט-מיטינגען קעגן דעם ביטול שבת—זיי האָבן אַם שטאַרקסטן פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען צווינגט זיי מחלל שבת זיין.

די אידישע קאָמוניסטישע צייטונג „אָקטיאַבר„ פירט אַן אַגיטאַציע, אַז דער נאָמען „שבת" זאָל איבערהויפּט אויסגעמעקט ווערן פון לוח. מען קען געפינען אַן אַנדער נאָמען פאַרן זיבטן טאָג, זאָגט די צייטונג „מען האָט דאָך געענדערט די נעמען פון די גאַסן און שטעדט, פאַרוואָס זאָל מען אויך ניט ענדערן דעם נאָמען פון שבת טאָג".

# «טעכניק און שבת», א בוך פון «שומרי־שבת» פּרעזידענט דר. גרינבערג.

בערלין. אין פאַרלאַג פון וועלט-פאַרבאַנד שומרי שבת איז איצט דערשינען א בוך פונם דאָצענט דר. שמואל / גרינבערג „די השפעות פון דער טעכנישער אַנטוויקלונג אַף שמירת שבת", אין וועלכן עס ווערן באַהאַנדלט די ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן, וועלכע דער שומר-שבת באַגעגנט אינם מאָדערנעם עקאָנאָמישן לעבן. עס ווערן ווייטער אַרומגערעדט די וועגן פון הילף פאַרן שבת בכלל, און דעם שומר-שבת בפרט, וועלכע דער וועלט-פאַרבאַנד שומרי-שבת וויזט אָן דער אידישער עפנטלעכקייט.

# לשנה טובה!

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו!

א גליקלעכן פרייעלעכן יאָר ווינטשן מיר אלע אונזערע פריינט, מיטארבעטער און לעזער

רעדאקציע פון זשורנאל „דער שבת".

---

בשנה טובה ומאושרת, שנת ברכה והצלחה ועבודה פורי' להרמת קרן השבת מברכים אנו את המרכז העולמי של הסתדרות שומרי שבת, את סניפיו ואת כל הסתדרויות די בכל אתר ואתר

הסתדרות „שומרי שבת" בלטבי.

---

פיל גליק און ברכה צום נייעם יאָר ווינטשן מיר אלע אונ־זערע מיטגלידער, אלע אונזערע מתעסקים און מסייעים. לאָמיר האָפן, אַז דער נייער יאָר וועט אריינברענגען פיל הצלחה אין אונזער טרייער און נוציקער ארבעט.

דער ועד פון

„שומרי שבת" באנק.

---

די בעסטע גליקוואונטשן צום נייעם יאָר ווינטש איך דעם וועלט-פארבאַנד פון „שומרי שבת", די אָרג. „שומרי שבת" אין לעטלאנד, ווי אויך אלע פריינט און באַקאַנטע.

אהרון חפץ.

---

א כתיבה און אַ חתימה טובה ווינטשט אלע חברים פון „שומרי שבת", ווי אויך פריינט און באַקאַנטע.

אלעזר פנחס ווײַלער.

---

## א גליקלעכן יאָר

ווינטשן מיר אלע פריינט און באַקאַנטע.

זאב כ"ץ און פאמיליע.

---

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

א יאָר פון גליק, פון ישועות און נחמות ווינטשט אלע באַקאַנטע, פריינט און קונדשאפט

יהושע זעליק בירנאָוו.

---

בשנת גאולה וישועה מברכת ההסתדרות „שומרי שבת"

את **הרב הגאון ר' מנחם מנדל ז"ק** שליטא, את היושב ראש של הסתדרותנו מר ר' **אהרון חפץ**, את כל חברי הועד, חברי המערכת ועוזרי', ואת כל החברים הנמנים על דגל הסתדרותנו. יהי רצון שעבודתנו תצליח ותשא פרי רב.

---

פיל גליק און הצלחה ווינטש איך צום נייעם יאָר דעם מרכז פון וועלט־פארבאַנד „שומרי שבת" און פון אגודת ישראל, ווי אויך די אָרגאַניזאַציעס פון „שומרי שבת און אגודת ישראל" אין לעטלאַנד.

מנחם מנדל וועקסלער.

---

## א שפע ברכות

און הארציקע גליקוואונטשן צום נייעם יאָר אלע פריינט, גוטע פריינט און געערטע קונדשאפט

ישראל מנדל מאַכעלסאָן.

פארזיכערונגס־אַגענט, ריגע, גערטרוד־גאַס 34, טעל. 34302.

---

## א כתיבה וחתימה טובה

אלע פריינט און באַקאַנטע ווינטשט

אליעזר פנחס וואָלאָזשין.

---

## א הארציקע ברכה

צום נייעם יאָר אלע מיינע קרובים, פריינט און באַקאַנטע

יצחק מרדכי פאַבריץ.

---

## א כתיבה וחתימה טובה

און אַ גליקלעכן יאָר ווינטשט

שמעון גענין און פאמיליע.

# לשנה טובה!

## א כתיבה וחתימה טובה

ווינטשט די ברידער, שוועסטער, שוועגער, פריינט און באַקאַנטע

**מאיר ריטאוו און פאמיליע.**

---

### א כתיבה וחתימה טובה

און די בעסטע גליקוואונטשן צום נייעם יאָר ווינטשן מיר אלע אונזערע פריינט און באקאַנטע

מרדכי בעלינקי און פרוי
פארק גאַס 4.

---

### לשנה טובה תכתבו ותחמו

זאָל דער נייער יאָר ברייננען פיל גליק און הצלחה אין אידישן לעבן

מיכאל פיזאוו.

---

את הורי וקרובי וחברי בדעה ובעבודה בכל מקום שהם הנני מברך

### בכתיבה וחתימה טובה

חיים קלופט ריגה.

---

### א כתיבה וחתימה טובה

ווינטש איך אלע פאַרוואַנדטע און באַקאַנטע

אברהם גרשון שמערלינג.

---

### א כתיבה וחתימה טובה

אלע פריינט און באַקאַנטע ווינטשן

הלל וויינרויך און פאמיליע.

---

### א גליקלעכן און פרייליכן יאר

ווינטש איך אלע פריינט און באקאַנטע

זאב שוועך.

---

### פיל גליק צום נייעם יאר

ווינטש איך מיינע עלטערן, פריינט און באקאַנטע

גרשון ענטין.

---

### א יאר פול מיט גליק און הצלחה

ווינטש איך אלע פריינט און באקאַנטע

משה כץ.
שפרענק ג. 49.

---

### א כתיבה וחתימה טובה

ווינטשן אַלע פריינט און באקאַנטע

לייב מינץ און פרוי.

---

### א פריילעכן יאר

ווינטשן אלע פאַרוואַנדטע און פריינט

מנחם מן טולבאוויץ און פרוי.

---

## א כתיבה וחתימה טובה

און אַ גליקלעכן יאָר ווינטשט אַלע פריינט באַקאַנטע און געערטע קונדשאַפט

**מ. לוריע**
שווים-גאַס 8, לערער-געשעפט.

# לשנה טובה!

## א כתיבה וחתימה טובה

און א גליקלעכן יאָר ווינטשט אלע פריינט, באַקאַנטע און געערטע קונדשאַפט

א. ג. „אמעגא" הערז ג. 28

פאַמיליע שיינין

---

### א כתיבה וחתימה טובה

ווינטשען מיר אלע פריינט און באַקאַנטע.

שלמה רעסקין און פרוי.

---

### א כתיבה וחתימה טובה

און א גליקלעכן פריילעכן יאר ווינטש איך אלע פריינט און באַקאַנטע

מרדכי דובראַוואָסקי.

---

### א יאר פול מיט גליק און ברכות

ווינטשן מיר אלע אונזערע פריינט און באַקאַנטע.

צבי יעקב שערמאַן.

הערן ג. 30.

---

### א גליקלעכן יאר

דעם גאַנצן פאָלק ישראל בכלל און די „שומרי שבת" בפרט.

ת. ב. מהריק.

---

### א גליקלעכן און פריילעכן יאר

ווינטשן מיר אלע פריינט און באַקאַנטע.

יהודא קיים און פרוי.

---

### א כתיבה וחתימה טובה

און א גליקלעכן יאָר ווינטשן אלע פריינט און באַקאַנטע

אליהו יצחק קאַמענעצקי און פאַמיליע.

---

### פיל גליק און ברכה צום נייעם יאר

ווינטשן מיר אונזערע פריינט און באַקאַנטע.

נחום יעקב שטיינגאָלד און פרוי.

זילן ג. 91.

---

### בברכת כתיבה וחתימה טובה

שנת ברכה והצלחה אברך את קרובי ומכירי.

נפתלי צבי יהודא סאמונאוו.

---

### צום נייעם אנקומענדן יאר

ווינטשן מיר פיל גליק אלע אונזערע פריינט און באַקאַנטע.

משה לייב מינץ.

פעלינען ג. 10

---

### א כתיבה וחתימה טובה

און א גליקלעכן פריילעכן יאָר ווינטשן מיר אלע פריינט און באַקאַנטע

ישראל וועקסלער און פרוי.

---

### א כתיבה וחתימה טובה

און א גוטן יאָר ווינטש איך אלע פריינט און באַקאַנטע

זלמן בערלין.

---

### א גליקלעכן יאר

ווינטשן מיר אונזער געערטע קונדשאַפט, פריינט און באַקאַנטע

נחום מעלאַמעד און פרוי.

---

## א כתיבה וחתימה טובה

און א גליקלעכן יאָר ווינטשן אלע פריינט, באַקאַנטע און געערטע קונדשאַפט

מענדל לייבאָוויץ און פאַמיליע קאַלאַניאַל-געשעפט, מאַרשטאַל ג. 20

# זייטיקע ידיעות.

ב״ה.

## דער מנין פון „צעירי אגדת ישראל".

א דאנק ר׳ מאיר ריטוב איז אין מנין פון אגדה געמאכט גע־וואָרן א גרינטלעכער רעמאָנט און איבערבוי. דער מנין האָט איצט א סך באַקוועמלעכקייטן און נעמט אריין א גרעסערע צאָל מתפללים. אלע חברים און געסט, וואָס ווילן דאווענען די ימים נוראים אין מנין פון אגדה ווערן געבעטן רעכטצייטיק זיך פאַר־רעגיסטרירן אף א געשטיל, אין קעגנפאַל קענען זיי בלייבן אָן א געשטיל.

די רעגיסטראַציע קומט פאָר אלע אָוונט אין לאָקאַל פון אגדה פון 9—10 אינאָוונט. דער ועד.

## אין מאַנופאַקטור און טוך־געשעפט

פון י. ז. בירנאָוו, הערן־ג. 30־a געפינט זיך אן אויסוואַל פון פאַרשיידענע מאַנופאַקטור־ און טוך־וואַרן. צו ביליקע פרייזן און אף גינסטיקע באַדינגונגען קענען זיך די מיטגלידער פון „שומרי שבת" איינשאַפן די נויטיקע מאַנופאַקטור־וואַרן.

רעדאַקטאָר: ל. ווײַלער

ארויסגעבער אָרג. „שומרי שבת"

**ליכט־בענטשן**: פ׳ נצבים ווילך 54 מינוט אף 6. ערב ראש־השנה 35 מינוט אף 6.

---


# מנין ע״ש ר׳ ישעי׳ בערלין ז״ל

מילן ג. 22/24.

מיר מאַכן באַקאַנט אלע מתפללים, אַז ביז 30־טן סענטיאַבר, די 2־טע סליחות זאָל מען באַהאַלטן די געשטילע, אין קעגנפאַל וועלן די געשטילע פאַר־מיטעט ווערן צו אַנדערע.

די געשטילע ווערן פאַרמיטעט טעגלעך פון 7 ביז 9 אינאָוונט אין מנין.

די פאַרוואַלטונג.

# אכטונג.

איך מאַך באַקאַנט דאָס געערטע פובליקום אַז פון 1־טן אָקטיאַבר עפן איך א

**געשעפט פאַר קינדער־גאַרדעראָבן**

אף מאַריען גאַס. 23

## ר. ספיוואַק.

# קאַפע און ציקאָריע־פאַבריק

# «ОЛЕНЬ»

אינהאַבער ה. מייטין און זין ט. 31128

# מנין יגדיל תורה מנין

מילן גאַס 107 הויז ברעשץ

א מנין אף ימים נוראים און א גאַנץ יאָר.

באַקוועמע ליכטיקע רוימען. געשטילע פאַר הערן און דאַמען ווערן פאַרמיטעט טעגלעך בא הערן **שמואל ברעשץ**

מילן גאַס 107 דירה 2.

# א כתיבה וחתימה טובה

ווינטשן מיר אלע פריינט און באַקאַנטע

כשר **מ. קוטאַק** און **פ. באַלכין** כשר

פריער הירוויץ

מאַריען גאַס 121

טעגלעך פרישע פלייש, פרימא־וואַרע, גוטע באַהאַנדלונג.

אייל־פאַבריק

**ז. טולבאָוויץ**

שטערן־גאַס 2. טעל. 92187.

מאַנופאַקטור אַלער אַרט, וואָל, האַלבוואָל און זייד

**פ. האַדעס**

מאַריען גאַס 72.

אברהם טולבאָוויץ און פאַמיליע

אליעזר גאַלאָווטשינער

גאַלאַנטעריי־וואַרן

**ס. דאַווידאָוויץ**, הערן ג. 28.

בלב נשבר הננו מביעים את השתתפותנו באסוננו הנורא
של חברנו הנכבד — חבר הועד

# הרב ר' יואל באראנציק

בהריגת חותנו,

הרב ר'

# בצלאל סעמעריק ז"ל

שנפל מות קדושים בעיה"ק חברון.
בעבודתו המסורה להרמת קרן השפת ימצא תנחומים

הסתדרות „שומרי שבת" בריגה.

---

משתתפים אנו בצערו הגדול של חברנו

# מר יצחק סליווקין.

לרגלי האסון הנורא שקרה לו בהריגת חתנו

# ר' נח אימערמאן

שנפל חלל יחד עם כל קדושי חברון.
ד' ינקום דמם ודם כל אחינו הקדושים וכפר
אדמתו עמו.

הסתדרות „שומרי שבת" ריגה.

---

מנין של „צעירי אגדת ישראל" ריגה.

פון זונטיק י"ז אלול (22 סעפטעמבער) ווערט פאר-
רעגיסטרירט אף געשטילע אין **מנין פון אגודה**
מערקעל גאס 1, ד. 8.
אלע חברים און געסט, וואס ווילן דאווענען אין אגדה
מנין ווערן געבעטן צייטיק זיך צו פאררעגיסטרירן,
אין קעגנפאל קענען זיי בלייבן אן געשטילע.
די רעגיסטראציע קומט פאר אלע אוונט פון 9—10
אין לאקאל פון אגודה.

דער ועד.

---

# באקאנטמאכונג.

דער פארשטאנד פון מנין

# „באזאר בערג"

איז מודיע די מתפללים, אז פון יום א' פ' נצבים דעם 22-טן סעפטעמבער וועט מען אנפאנגען צו פאר-דינגען מקומות אף שנת תר"צ און מען בעט, אז יעדער זאל קומען רעגולירן דעם אלטן רעכנונג און באשטעטיקן די רעכטן אף די מקומות אף דעם נייעם יאר און ווער עס וועט זיך ניט מעלדן ביז יום א' 29 סעפטעמבער פארלירן זיי די רעכטן אף זייערע מקומות, און זייערע מקומות וועלן פארמיטעט ווערן אנדערע אנע שום טענות ומענות זיצונגען וועלן פארקומען טעגלעך פון 7 ביז 9 אינאוונט אין מנין אויך ווערט געמעלדעט, אז עס איז אנגענומען געווארן א גרויסער באוואוסטער חזן.

דער פארשטאנד.

---

# פארערט איבעראל

די ברויט פון

# „Latmaize".

---

# מנין מילן גאס 109

מאכט באקאנט, אז אלע מתפללים, וועלכע באהאלטן די געשטילע לשנת תר"ץ הבעלט" זאלן קומען צו די זיצונגען, וואס קומען פאר טעגלעך פון 6 ביז 9 אינאוונט ניט שפעטער ווי ביז צום 29-טן ד. ח. ערשטע סליחות. אויך צו רעגולירן די אלטע חובות. אין קעגנפאל וועלן זייערע געשטילע פארמיטעט ווערן בלי שום טענות ומענות. אויך ווערט באקאנט אז צוליב דעם רעמאנט און גוטן חזן זיינען די אויס-גאבן פיל גרעסער און די פרייזן פאר געשטילע זיינען געהעבערט אף 15 פראצענט.

די פארוואלטונג.

---

איך לייג פאר אן אויסוואל פון פארשיידענע

# מאנופאקטור און טוך-ווארן

צו גינסטיקע באדינגונגען, אויך אף אפצאלונג.
ביליקע פרייזן ראיעלע באהאנדלונג

## י. ז. בירנאוו

הערן ג. 30a ד. 16. טעל. 20441

---

ב"ה. הסתדרות הנער החרד

## „צעירי אמונים" ריגה

מאחלת לכל חבריה שנה טובה ומוצלחת.

Spiest. „Splendid", Kungu ielā 21, tālr. 27249.